STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03181

UNTER DER BRIK, UN ANDERE DERTSEYLUNGEN

A. M. Fuchs

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פֿאַרלאַג
„קולטור־ליגע"
וואַרשע

א. מ. פוקס

אונטער דער בריק

און אנדערע דערציילונגען

ביינאַכט
אונטער דער בריק
ביי טאָג
צוויי זייגערס
צווישן ביימער
אין שטוב
זומער-לעב

פאַרלאַג „קולטור-ליגע" וואַרשע

געדרוקט אין 1000 עקזעמפ. װארשע, 1924

— — —

דרוק. „הצפירה״, לעשנא 54

— — —

A. M. FUKS

POD MOSTEM I INNE NOWELE

— — —

Wyd. „KULTUR-LIGA“, Warszawa, 1924

— — —

DRUK. „HACEFIRA“, LESZNO 54

בּײנאכט

1

— אָי־אָי — וויי — יי —

דאָס קול איז געקומען ווי פון אונטער דער ערד. שווער, צוגעדושעט מיט אַ פאַרשטיקטן, שוידערלעך־פרעמדן קוועטש. אָבער סאָליאַר דער גנב האָט זיך נישט דערשראָקן. ער איז געלעגן צעלייגט מיטן בויך אַראָפּ אויפן פינסטערן בוידעם צווישן די אָנגעוואָרפענע שקראַבעס, שמאַטעס און פלעשער און געהערט. מיט דער האַנט האָט ער צוגעהאַלטן דאָס קעפּל פונעם הינדל, ס'זאָל נישט פּיפּסן. דערנאָך איז ער שטיל און גליטשיק־לייכט, ווי אַ קאַץ, דורכן דאַך־פענסטערל אַרויסגעקראָכן אין דרויסן־אַרויס. אין דער געדיכטער פינסטערניש צייכנען זיך קרום די יידישע שטיבלעך, קוים־מערקבאַר אין אַ שוואַרץ־פאַרשוומענער קופּע, און נאָר איבערן וועג אַריבער שניידט זיך פלוצלונג, ווי אַן אַרויסגעשטרעקט ברעט, אַ לאַנגער, שאַרף־קאַנטיקער פּאַס ליכט פון אַ ליכטיקן פענסטערל. אינעווייניק אין שטוב פלאַמט אין אויוון אַ גרויס רויט פייער, און ביי די זייטן פאַרען זיך שוואַרצע בייכיקע טעפּ וואַסער. אויף דער ווייסער וואַנט מאָלט זיך גרויס דער אָנגעבויגענער ברייטער שוואַרצער שאָטן פון דער באָבען. די לאַנגע שאַרף־אָפּשטייענדיקע עקן פון דער אונטערגעבונדענער פאַטשיילע אונטער איר שפּיציקן מאָרדעלע לויפן גיך אַהין און אַהער, און יעדע רגע הערט זיך דערזעלבער געצויגענער וויי־געשריי, שמערצפול, געדרייט, מיט אַ פאַרשטיקטן קוועטש.

— אָי־אָי — וויי — יי —

אָבער דאָס קול פון דער געווינערין וועקט נישט די שוואַרץ־פאַרגליווערטע נאַכט־שטילקייט, נאָר ס'פאַרזינקט אין איר, ווייך, טיף, ווי אַ טשוואָק, וואָס וואָלט אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַס ווייכער סמאָלע. שוואַרץ געשטרעקט אין ליכט־פּאַס, ווי אַ נישט־גוטער,

שטייט אַ הויכע געשטאַלט און קוקט אין ליכטיקן פענסטער אַריין. אָבער אַ מערכה, וואָס צוקאָפּנס פון דער געווינערין קלעפּן ווייסע שיר-המעלות בריוולעך:

שדי, קרע שטן . . .

ד — ררר — — ין! ד — ררר — ין! ד — ררר — ין!

דער קלײנער שמעון, וואָס איז געשלאָפן מיט דער מאַמען, האָט זיך טיפער אַרונטערגעדריקט אונטערן גראָבן הייסן איבערבעט, צו׳ נויפגעדרייט ווי אַ קעצל דאָס פּנים צווישן די שפּיציקע מאָגערע קני, איז אים געווען גוט אַזוי מיט פאַרהאַלטענעם אָטעם און גע׳ שפּיצטע וואַכע אויערן שאַרף און אָנגעשטרענגט לאַנג זיך איינצוהערן אין דעם שטילן, לייכטן, אָפּגעהאַקטן קלאַפּן, וואָס עמיצער דאָרט אין דער פינסטערער נאַכט האָט געקלאַפּט אין דער שוואַרצער שויב. אונטערברומענדיק מיט אַ ווידער-קול, האָט דאָס שרעקיקע קלאַפּן טיף אָפּגעציטערט אין ייִנגלס וואַכן געמיט, ווי די קלעפּ אויף אַ פּייקל. און פאַרלוירן אין זיין טונקעלען פּחד, האָט זיך איצט געשטאַרקט דאָס צאַפּלען פון זיין נפש אין פאַרהוילענער נייגיריקייט צוצוזוקן לייכט, לייכט זיין קליין פּיסל צו דער מאַמעס הייסער זייט . .

ד — ררר — — ין! ד — ררר — ין! ד — ררר — ין!

— יונה! שלאָפסט, יונה? ס׳קלאַפּט עמיצער, יונה! הערסט, יונה?

די יונה׳כע האָט זיך אויפגעכאַפּט און, שווער אונטערהויבנדיק זיך אין בעט אויף אַן עלנבויגן, געוועקט איר מאַן:

— יונה, הערסט, צי ביזט געפּגרט? — יונה?

ד — ררר — — ין! ד — ררר — ין! ד — ררר — ין!

— געוואַ — אַ — אַ — לד . . . גענוואַלד עלעך שרייען! וואָס וויל די יידענע פון מיין לעבן, וואָס . . .

ר׳ יונה כאַפּט זיך אויף אין אַנטקעגנאיבערדיקן בעט מיט אַ

בייזן, פֿוילן, אויסגערוטן הוסט. ער כראַקעט, שפּייט און קרעכצט ברייט אויף פֿאַרשיידענע קולות. דערנאָך מאַכט ער זיך צערעכט די יאַרמעלקע אויפֿן קאָפּ און קריכט־אַראָפּ פֿון בעט. אין דער פֿינסטערניש פֿון שטיבל בליכט זיך דייטלעך זיין קליינע ווייסע געשטאַלט מיטן לאַנגן, גרוילעכן, שפּיציקן בערדל, און, טאַפּנדיק בלינד מיט די אויסגעשטרעקטע הענט צווישן די אָנגעשטעלטע געלעגערס, וואָס שטעקן־אַרויס ברייט פֿון אונטערן אויוון, איז ער ענלעך צו יענעם צאַפּ אויף צוויי פֿיס, וואָס לעבט אין דמיון. באַלד הערט זיך דאָס הייזעריקע פֿאַרשלאָפֿענע ריגלען פֿון טיר־ריגלען, פֿרעמדע שווערע טריט, און אין מיטן שטוב שטייט טונקל־פֿאַרשוואומען די אַריינגעקומענע לאַנגע פֿינסטער־אָפּשרעקנדיקע געשטאַלט, ווי אַ שאָטן. די געשטאַלט טוט זיך אַ שטאַרקן טרייסל, ווי אַ הונט וואָס קומט אַרויס פֿונם וואַסער. אַ כוואַליע שאַרפֿע, קאַלטע נאַכט־לופֿט פֿרישט אַ רגע אָפּ דעם דושנעם, וואַרעמען, זויערן ריח פֿון די שלאָפֿנדיקע מענטשן, בויערט־דורך די נעז, און דאָס געשמאַקע כראָפּען אויף די געלעגערס ווערט מיט אַמאָל העכער אויסגעצויגן, מיט אַ דינעם גיריקן פֿייף. אַ נאָכהוגענדיקער ווייסער, קיילעכדיק־גראָבער פֿוס פֿון אַ צעפּאַטעלטער מויד טוט זיך, דערשראָקן פֿון דער פּלוצלונגער קעלט, אַ צי־אַרונטער אונטערן איבערבעט, וואָס איז הייס, ווי אַן אָנגעהייצטער אויוון.

ר׳ יונה שושקעט זיך שטיל מיטן אורח:

— נעם געלט!

— נע דאָס! /כ׳וועל נישט געבן/.

— נו אַ כוף?

— דווי שיסטקע! /צוויי זעקסער/.

— ביין!

— שטשע דווא נאָוועך! /נאָך צוויי גרייצער/.

— אַ גוטע חולאת אין ראש אַריין! נתּ'ן נישט מער, יונה! הערסט, יונה? ס'איז נישט ווערט . . . וואַרף נישט אַרויס קיין געלט אין בלאָטע אַריין . . . יונה!

די יונה'כע האָט אַ ביטערע טבע זיך אַריינצומישן דאָרט, ווו מ'דאַרף נישט. דער ייד קאָן דאָס נישט ליידן פון אייביק-אָן:

— נעם-איין שטימעניש, יידענע . . . פאָלג מעך און ווער פאַרשטימט, יידענע . . . — זאָגט ר' יונה שטיל, גלייכגילטיק, אָבער דער באַהאַלטענער כעס, וואָס צעקייט דין, שפּיציק די ווערטער צווישן די פאַרגעלטע ציין, אויסגעבראָכענע פון צרות און זאָרג, זידט און בריט מיט ווייטאָג.

ער דינגט זיך אַצינד שטיל, שושקענדיק:

— ביהמע נע וואַרטאָ! /כ'לעבן, ס'איז נישט ווערט/.

— כ'וועל טאַקע נישט געבן, ייד . . .

דאָס בעטן און דאָס עקשנות ווערט אין דער פינסטער אַלעמאָל האַרטער, געשפּאַנטער, ווי אַ שטאַרק אָנגעצויגן שטריקל צום רייסן. ר' יונה וואָלט איצט כּח געהאַט צו שרייען הייזעריק, צו שעלטן דעם גוי, דערלאַנגען אים מיטן קולאַק אין קאַרק און אַרויסוואַרפן אים אויף צוויי שפּענדלעך, פּונקט ווי ער טוט דאָס מיט די ברייטע אָנגעפּעלצטע גויקעס, די ביטערע קונים אין זיין אָרעמען געוועלבל, בשעת זיי שטופּן זיך אָן, דינגען זיך מיט דער כּוונה עפּעס צוצוגנבענען. ר' יונה דרייט אַ קאַפּאַלאַטשל אויף איין געשטרעקטן פינגער דאָס בערדל אונטערגעהויבן, די נאָז פאַרפּלאַמט שרייט ער אָן כּח הייזעריק-פאַרטומלט פון די אייגענע פּוסטע בעטנדיקע, צאָרנדיקע רייד און קללות:

— גייט צו אַלדע רוחות, גנבים! נישטאָ קיין קאַפּאַלאַטשן! . . .

אָבער אַצינד איז ביי נאַכט — אַי . . .

די יונה'כע מישט זיך ווידער אַריין אין מסחר:

— יונה, וואָס האָט ער אַזוינס צו פאַרקויפן, יונה . . .

— עך זאָל אַזוי וויסן פון דיר, פּאַטער דערבאַרעמדיקער! . . . גאָר פון דיר זאָל איך אַזוי וויסן, ט — אַ — ט — ע ג — ע־טריי — ער! . . .

ענטפערט ר׳ יונה מיט אַ זיפץ פונם טיפן האַרצן אַרויס, וואָס דערלייכטערט אַ רגע דאָס לעבן, מאַכט פאַרגעסן דאָס אומגליק.

— הער גאָר, פאַגיע סאָליאַר . . . ביזטאָך אַ גוטער מענש . . . כ׳לעבן, איך קאָן נישט . . . פאַרכט זיך פאַר גאָט . . . אָן אַנ׳דערס מאָל וועל איך געבן מער . . . ווּעסט זען . . .

ר׳ יונה הויבט אָן פון דאָס ניי. אין דעם איינגעהאַלטענעם שטילן כעס, וואָס ציטערט אין זיין בעטנדיקן שטילן מורמלען, ליגט דער אייביקער יידישער בטחון, וואָס נאַרט־אָפּ זיך אַליין. אָבער אינם גנבס אויגן טוט פלוצלונג אַ בליץ אַ שמאָל, גרין, אומהיימלעך־דראָענדיק פלעמל, וואָס מ׳זעט דאָס אַמאָל אין דער פינסטער אין די אויגן פון אַ בייזן קאָטער. ס׳דערהערט זיך דעם גויס שרעקיקער גזלנישער כריפּע:

— דאַוואַי, זשעדי, הראָשע . . . / גיב, ייד, געלט /.

ר׳ יונה איילט זיך אונטער. גיך און שטילשווייגנדיק שלעפּט ער אַפיר זיינע הויזן פון צעקאָפּנס, נעמט־אַרויס דעם גרויסן טייסטער פון דער קעשענע, בויגט זיך צו צום שוואַרצן פענסטער און ציילט גיך אָפּ. די הענט ציטערן:

— נאַ, אָט האָסטו . . . און גיי . . .

ס׳דערהערט זיך אַ שוואַכער צעשראָקענער פּיפּס פון אַ יונג פאַרשלאָפן הינדל, וואָס דער גנב שלעפּט אַרויס פון זיין וואַרימען בוזעם. ר׳ יונה נעמט ביי אים דאָס הינדל, טוט אַ שטיפּ אַריין אַ פינגער אין הינטן צי ס׳האָט אַן איי, דערנאָך טוט ער דאָס בייז מיטן קעפּל אַראָפּ, ווי אַ כפּרה, אַ וואָרף אַרונטער אונטער דער יונהכעס בעט:

— דיינע מסחרים . . .

טרעטנדיק נאָנט אונטער יענעמס פּלייצעס, באַגלייט ר׳ יונה אַרויס דעם גנב.

האַרטע שווערע טריט פאַרלירן זיך באַלד אין דער פינסטערער נאַכט. ס׳ריגלען זיך ווידער נאַכטלעך־הייזעריק די טיר־ריגלען און דאָס כראַפּען אויף די געלעגערס ווערט ווידער געשמאַק און וואַרים צוגעדושעט. שטומפּיק־ווייך. טויב.

ר׳ יונה טאַפּט מיט די בלינד־געשטרעקטע הענט אין דער פינסטע־רער שטוב צווישן די אַרויסשטעקנדיקע געלעגערס. ער כראַקעט, הוסט און שפּייט ברייט אויף פאַרשידענע קולות. נעבן ווייבס בעט, טוט ער זיך מיט א בייזער א מאַך צורעכט די יאַרמעלקע אויפן קאָפּ און זאָגט:

— נו, כלבטע . . . רוק זיך אַ ביסל . . . אוי אָי — אָי —

דער קרעכץ איז אַ געפּייניקטער, אַ ביטערער, באַלאָדן מיט דער גאַנצער שווערקייט פונם יידישן לעבן אין גלות.

ס׳הערט זיך ווי די יונהכע דרייט זיך שווער איבער אין בעט, וואָס טוט אַ בייזן סקריפּ.

2

פלאָר און דייטלעך־הויך טראָגן זיך סאַליארס טריט אין דער שנ ל ר נאַכט פונם בערגל־אַראָפּ, גלייך ווי די ערד אונטער זיינע פיס וואָלט געווען ליידיק. אונטן בלייבט ער פּלוצים שטיין. שטיל אויף די שפּיץ פינגער, קערט ער זיך אום און שפּאַנט אַריבער דעם פּלויט אין ר׳ יונהעס גאָרטן אַריין. די קיילעכדיקע, אַראָפּהענגנ־דיקע גרויסע שאַניזשניקעס צייכענען זיך שוואַך אין דער געדיכטער פינסטערניש. זיי זען אויס ווי שוואַרצע, שרעקיקע אָנגעבויגענע מענטשלעכע קעפּ. די פאַרטריקנטע בלעטער פון די סוף־זומער־

געוויקסן וויקלען זיך אַרום די פיס, האַלטן זיי צוריק. צווישן די שוואַרצע ביימלעך לייכט ווינקנדיק אָפּער אַ שטיק פאַרפוילטער פּניאַק מיט אַ בלאָען, דורזיכטיקן שיין. סאַליאַר ליגט צוליגט אויפן בויך און גראָבט מיט די פינגער אין דער פייכטער ערד בערעקעס, נאַסע, קאַלטע, האַרטע. ער שטופּט זיי אין אַ זאַק אַריין, אין די קעשענעס, אין דער פאַזוכע. ער אַרבעט גיך, ציט מעכטיק מיט דער נאָז דעם נאַכטלעכן, שאַרפן, האַרבן האַרבסט-ריח. שפּעטער אַביסל שפּאַנט ער צוריק אַריבער דעם פּלויט און פאַרנעמט זיך אין מאַרק-אַריין.

אָנגעבויגן, מיטן זאַק אויף די פּלייצעס, שלייכט דער גנב מיט זיינע באָרוועסע פיס לייכט און שטיל צווישן די שטיבלעך אין דער שוואַרץ-געדיכטער פינסטערנישט, וואָס מ'קען זי אָנטאַפּן מיט די הענט. אָבער סאַליאַר דערקענט זיי. ער ווייסט וווּ זיינע קונים וווינען. ער דערקענט אין דער פינסטער די שוואַרצע פענסטער: סטיק סט — וק סט — ו — ק.

— חאַסקעל חאַסקעל שטיי נאָר אויף גיכער, חאַסקעל . . . וועקט די חאַסקעלעכע איר מאַן.

— האַ? וואָס? . . . ווער? . . . ווער איז דאָרט? . . . וואָס טוט זיך דאָ עפּעס וואָס? . . .

ס'איז שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס דער קרומער חאַסקעל דער' שרעקט זיך תּמיד אַזוי, ווען ער דערהערט עפּעס אַ שאָרך אין זיין אָרעמער לײדיקער שוסטערישער שטוב, וווּ דער דלות פּייפט אַרויס פון יעדן צעפּליקטן שקראַב באַזונדער. האַסקעל ראַזדרעכעט זיך צום סוף, טרעסעט אין דער פינסטער זיין ברייטע, בכבודיקע רבנישע באָרד, קריכט אַראָפּ פונם בעט און האָצקעט אַרום אויף איין פוס. ער זוכט גיך, גיך, דעם קיל זיינעם אונטערן בעט, אונטערן וואַרשטאַט צווישן די שקראַבעס, אונטערן אויוון: — האָסט גישט געזען דעם קיל מיינעם . . . האָסטו גישט געזען ערגעץ . . .

ער געפינט דעם שווערן-הילצערנעם מיט אייזן באַשלאָגענעם קיל, שנאַלט אים צו צו זיין האַלבן פוס און האָצקעט אַרויס פון הויז אַרויס. מ׳הערט ווי ער קיילט אויף איין טיר נאָך דער אַנדערער, האַרטע און פרעמדע טריט. סאַליאַר קומט אַריין אין שטיבל און ער שיט אויס די בערעקעס פונם זאַק, פון דער פאַזוכע. פונם רעש און פון דער פרישער קאַלטער נאַכטלופט כאַפּט זיך אויף דאָס קראַנקע קינד אין הילצערן צעבראָכענעם וויגל. ס׳פּאַרהיסט זיך מיט אַ טריקע׳ נעם, לאַנגען און כריפּלען, הוסטן וואָס ענדיקט מיט אַן אָפּגעהאַקטן, הייזעריקן קריי, ווי פון אַ יונג הענדל; יענער גרויזאַמער ביטערער קריי, וואָס דערשרעקט די פינסטערע נאַכט.

די חאַסקעלעכע וויגט דאָס קינד מיט אַ פוס און זי דרימלט. דאָס קינד שרייט און רייסט זיך מיט די הענטלעך, פאַרקייכט זיך און בלייבט אַ מינוט טויט. חאַסקעל כאַפּט דאָס אַרויס פונם וויגל, אייג׳ געפּאַקט אין אַ לענגלעכן קישעלע. ער הוידעט דאָס טרעסעט דאָס אויף די הענט און לויפט דערמיט ארום איבער דער שטוב קלאַ׳ פּנדיק מיטן קול:

— נו, שאַ! שאַ! קדיש מייגער! שאַ! שאַ, ש-א-א-א . . .

ער טשמאָטשקעט מיט די ליפּן און קנאַקט מיט צוויי פינגער.

— גיב אים צו עסן, גאַרישער ייד . . . ס׳איז דאָך הונגעריק . . . כ׳לעבן . . . זאָגט סאַליאַר מיט מבינות.

— דער ערל איז צדק . . .

זאָגט דער קרומער חאַסקל, אַריינלייגנדיק דאָס קינד צוריק אין וויגעלע.

— איר זאָלט אַזוי האָבן די ציין אין מויל, צי איך האָב אים וואָס צו געבן . . .

שעלט די יידענע. זי בייגט זיך אַריבער איבערן וויגעלע מיט איר ווייכער נאָכהענגנדיקער ברוסט ווי דער אייטער פון אַן אויס׳

געמעלקטער קו. דאָס קינד כאַפּט אין דער פינסטער גיריק מיטן ביסקל דעם וואָרצל, ס'ווערט שטיל

— וויפל ווילסטו? האַ . . .

ער, חאַסקל טאַפּט אין דער פינסטער די נאַסע פרישע באָרקעס און קרימט די נאָז מיט בטול.

— צוויי זעקסער! . . .

— צוויי זעקסער? . . . זעט נאָר כ'בעט אייך, פאַרוואָס אַ מענש זאָל דאָ צוויי זעקסער . . .

— און וויפל גיסטו, זשעדי . . .

— וואָס הייסט וויפל עך גיב? — פרעגט חאַסקל — וואָס הייסט וויפל? אַ מעסטל באָרקעס קאָסט מיין בלוט זיבן גרייצער און דאָ איז אפשר אַ האַלב מעסטל . . .

— וואָס רעדסטו זשעדי . . . בימע . . . דאָ זענען דאָ אפשר דריי מעסטלעך. בימע . . .

דער גנב באָכעט זיך מיט דער פויסט אין האָרץ, שווערט זיך, שרייט, אָבער דער ייד גלויבט נישט:

— בע . . .

זאָגט ער:

— בע . . .

— און וויפל גיסטו טאַקע חאַסקל . .

— וויפל . . . וויפל קאָן עך געבן אַ שטייגער, האַ?! זאָג די אַליין, סאַליאַר, ביזטאָך אַן ערלעכער מענש . . . עך קאָן געבן דריי בייע קאָן עך געבן . . . מער נישט ווערט. האַ? וואָס זאָגסטו, חיה? . . . ס'איז דא גוטע שלושה מעסטלעך . . . אַ כשרה מציאה כלעבן . . . שוה אפשר אַ חצי רייניש כסף . . . באָרקעס ווי די בערן . . .

— ס'קער זיין פון יאָסים באָרטו . . . זאַסקעל . . .

זאָגט די יידינע און זי שלאָפט שוין ווייטער. די ברייטע נאָז כראַפּעט טיף, געשמאַק.

— אַקוראַט פון יאָסיס . . . ביי זיין לעבן וועט יאָסע האָבן אַזוינע באַרקעס . . . דאָס איז פון יונהס גאָרטן . . זאָלסט אָנרירן באַרקעס . . . נו, נו . . .

דער ייד רעדט צו זיך אַליין, אינגאַנצן אַריינגעטון, פאַרטראָגן אין אָנגענומען חשבון פון דער מציאה, וואָס גאָט באַשערט. מיט איין האַנט טאַפּט ער די קאַלטע בלאָטיקע בוראַקעס און מיט דער אַנדערער האַלט ער זיך צו די גאַציעס, וואָס פאַלן אים אַראָפּ. אין מויל פילט ער שוין דעם געשמאַקן טעם פון דעם הייסן געפּעפּערטן באַרשטש, וואָס טוט אַ צופּ ביי דער נשמה.

— נו, גיב-זשע אהער געלט, זשעדי . . . — זאָגט דער גנב און ער קראַצט פויל, שקראָבעט מיט די בלאָטיקע גראָבע פינגער אין זיינע לאַנגע פאַרפּאַפּטע קודלעס.

— געלט? . . ווי האָב איך גענומען געלט ביינאַכט . . . אַזוי שפּעט . . . כ׳לעבן, כ׳האָב נישט, סאָליאַר . . . כ׳על דיר שוין אַמאָל יאַקאָש אָפּגעבן . . . כ׳בין אַן אָרעמאַן . . . נישט-קשה, ס׳עט דיר נישט פאַרפאַלן ווערן ביי מיר . . . אַז דו האָסט עפּעס, מעגסטו תיכּף ברענגען צו מיר . . . אָנקלאַפּן אין פענסטער . . . פאַר׳ שטייסט . . .

רב האַסקעל רעדט אין דער פינסטער שטאַרק סודותדיק, פינטלט וויכטיק מיט די וואַכע אויגן, טרעסעט האָפערדיק די ברייטע רבנישע באָרד, פונקט ווי ווען ער זיצט ביים פאַרפּאַפּטן פענסטערל אונטער׳ געקלעפּט מיט פּאַפּיר, אין זיין לעדערנעם פאַרטוך אויפן קיילעכדיקן קליינעם דרייפיסיקן שוסטער-בענקל, וואָס מ׳פאַרשטייט נישט ווי אַזאַ ברייט געזעס האָט דאָרט פּלאַץ, מיטן יידישן האַרט-פאַרשימלטן שקראַב אויפן קני, קלאַפּט אין אים מיטן העמערל, בויערט מיט דער נאָל,

ציט מיט ביידע גראָבע, קורצע שוואַרצע פינגער אָן נעגל די שטאַר׳
קע סמאָלענע דראַטווע, וואָס אין איר שפּיץ שטעקט אַ שאַרפע חזיר-
האָר, אונטערזינגנדיק: הש — כיב — י — נו ה׳ אלהינו ל —
ש — לו — ם.

— חאַסקל, הערסט חסקל . . . שטופּ אים אונטער אַ מכה, דעם
כפרהניק . . . זאָג אים, אפשר האָט ער אַ קאָפּ פּאַסאָלעס . . . —
וועקט זיך דורך די חאַסקעלעכע און זי דרימלט שוין ווייטער מיט
פאַרקלעבטע אויגן.

ר׳ חאַסקל דראַפּעט זיך אין דער פינסטער מיטן קיל אויף דער
ליידיקער פּאָליצע, ער זוכט דאָרט לאַנג, שקראָבעט, פּאָרעט זיך און
שרעקט איבער אַ מייזל. דערנאָך איז ער מכבד סאָליאָרן מיט אַ
האַרטן פאַרדאַרטן קאָרזש, דאָס אויסשקראַבעכץ פון דער מולטער,
וואָס אַ פערד אפילו וואָלט זיך אויסגעבראָכן די ציין דערין:

— נאַ אָט האָסטו צו פאַרבייסן . . .

— דזיענקויע . . . אַ שיינעם דאַנק . . . — זאָגט דער גוי
און קייעט געשמאַק:

— אַ, אַז אָנשיכורן זאָלסטו זיך אין סאַמע יום-כפור, כע, כע . . .
כע . . . ביזט טאַקע אַ גוטער זשיד, חאַסקל . . . כע . . .
כע . . . אַ ווילער מענטש . . . אַבי די גלחים זאָגן אין קלויס׳
טער, אַז יידן האָבן נישט קיין נשמות . . . כע . . . כע . . .
כע . . .

לאַכט דער גנב אין דאַנקבאַרקייט . . כע . . . כע . . . כע . . .
ער קייעט געשמאַק מאָלט הויך מיט די גראָבע ציין, נישט געאיילט
זיך, פּאַוואָלי, מיט הנאה פונם לעבן.

— נו, גיי . . . גיי . . . מיטן ראש אין דער אדמה אריין.
ס׳איז ביינאַכט . . . מ׳וויל שלאָפן . . . גאַי.

— הערסטו, חאַסקל . . . מאַשקע בריינעס געמאַכט אַ בררריית . . . —

דערציילט סאָליאַר נייעס, האַלב יידיש האַלב גויש. ער דישעט אין זיך אַ פאַלש געלעכטערל, קיצלט אין דער פינסטער חאַסקלען אונ־טערן אָרעם, כדי אים צו פאַרטיצן.

— . . . נו, גיי סאָליאַר . . . גיי . . .

— חאַסקעל איילט זיך. ער שטופּט דעם גוי אין דער פּלייצע דורך דער געעפנטער טיר אין פינסטערן פאָרהייזל, און ער הערט אַפילו נישט קיין שאָרך, ווען יענער שטרעקט־אויס די האַנט און נעמט־מיט דער חאַסקעלעכעס אַן ערדן טעפּל אין דער פאַזוכע אַריין.

— דאָבראַניטש, פּאַניע חאַסקעל.

— דאָבראַניטש, דאָבראַניטש, אין דרערד אַריין מיטן קאַרק . . . האָסטו געזען אַזוינס . . . נישט אַרויסצופּטרן דעם כלב . . . נו . . . נו . . .

3

פּאַוואָלי פּאַוואָלי גראָט זיך די פינסטערניש. צוגייט זיך ווי רויך. גאַנץ נידריק, פון אונטער אַ דעכל אָפּער שווימט פּלוצים אַרויס אַ גרויסע קיילעכדיקע לבנה, רויט און פריש אויסגעצוואָגן, גלייך זי וואָלט ערשט אַרויס פון מרחץ. זי שמייכלט אַביסעלע קרום מיט אַ האַלבער אָפּגעבראָכענער נאָז און זי הויבט זיך אַלץ העכער און העכער און ווערט פון דער ווייט אַלץ בלייכער און בלייכער. באַלד גלאַנצן די בלעטלעך אויף די בוימער, מיט שווערע מאַט־ווייסע שימער־פלעקן, ווי זיי וואָלטן געווען נאַס.

אין ווייסן לבנה־ליכט ליגן נאַס, צעשויבערט, זאַט, די צייטיקע סוף־זומער־גאָרטנס און צווישן זיי ציט זיך לאַנג, שמאָל, ווייס־באַלויכטן די זאַמדיקע גאַס און זי זעט אויס, ווי די לאַנגע שמאָלע פאַסן לייוונט, וואָס די גויעס שפּרייטן אויס אויפן גראָז צו בלייכן

אין דער זון. אין מיט גאַס שפּאַנט סאָליאַר דער גנב, מיטן טאָפּ אין דער פּאַזוכע. זיין לאַנגער שוואַרצער שאָטן שטרעקט זיך שאַרף און שמאָל צו זיינע פיס, שיף איבערן וועג, און נור דער קאַפּעליוש אויף אים איז גרויס און קיילעכדיק ווי אַ ראָד. אין דער בלייכער שטילקייט הערט זיך, ווי ס'רייסט זיך אָפּ אַן עפּל פון אַ בוים, וואָס בויגט זיך איבער אַ צעבראָכענעם פּלויט, און ער פאַלט אונטערטאַנצנדיק אויפן גאַס. סאליאַר הויבט אים אויף אַ פרישן, האַרט און קאַלט, און טוט אין אים אַ ביס אַריין מיט אַ זאַפטיקן קנאַק.

פון העט-העט-ווייט טראָגט זיך דייטלעך געצויגן דאָס שווערמוטיקע געזאַנג פון אַ שגץ וואָס פירט „גאַניטש" פּאַשען די פערד אין פעלד אַריין.

— טיי — יאַ — יידי

נאַ — סעלאָ —

נאַ דו — דקו — הראַ — יו —

דאָס געזאַנג ווערט מיט אַמאָל אָפּגעהאַקט און טראָגט זיך שפּע' טער אַביסל דערווייטערט, שוואַך פאַרלוירן און האַקט זיך ווידער אָפּ.

נאָנט ביים וועג, אויף דער פריזבע פון מניכע דער סטאָליערקעס שטיבל, זיצט ביילע די מויד מיט איר חתן יאַנקעל, דעם בלעכער' ניק. דער יונג ליגט איבער גאַנצע נעכט ביי זיין כלה. אין שטוב איז זיי הייס, זיצן זיי אין דרויסן, האַלב-ליגנדיק, ענג צונויפגעצ' דריקט, האַלט ער זי מיטביידע האַרטע שוואַרצע הענד אַרומגענו' מען, און זי, מאַט אין ווייך, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף זיין אַקסל און דרימלט. פונקט איבער זייערע קעפּ אין פענסטער שטייט די מומע מנוכע. די קראַנקע אַלטע קען נישט שלאָפן. זי האַלט איין דעם אָטעם, כדי נישט צו הוסטן, און בייגעריק-אָנגעשטריינגט הערט זי זיך צו, לוישט דעם קליינסטן ריר, די מינדסטע באַוועגונג פונם

פּאָרל. זי היט זיי. די אַלטע ווייסט, אַז דער חתן איז אַ גרויסער כאַמערייזל. איינגעהילט אין דער ווייסער קאָלדרע, אין לבנה-ליכט, מיט איר שפּיציקן, קנאָכיקן פּנים און פינסטערע אויגן-לעכער, זעט זי אויס ווי דער טויט אַליין, צוקאָפּנס פון חתן-כלה.

— דאָברי וועטשור, פּאַניע יאַנקעל, וואַקסט פּלוצים סאָליאַר אויס פאַר די אויגן. זיין צעפליקטער גראָבער טוזלעק איז פייכט אָנגעזאַפּט מיט נאַכט-ראָסע.

דער יונג מיט דער מויד רירן זיך נישט פונעם אָרט. שטערן זיך נישט אין זייער הנאה.

— וואָס ווילסטו עפּעס זאָגן גוטס, פּאַניע סאָליאַר . . . פרעגט די מויד, אויפהויבנדיק איר קורצע שטומפּיקע נאָז.

— ביי חאַסקעל שוסטער איז קראַנק דער קליינער . . . ער וועט שטאַרבן . . כ׳לעבן . . .

און בשעת דער גוי דערציילט נייעס, ווינקט אים די אַלטע דורכן פענסטער, זי רעדט עפּעס, מאַכט מיט די טויטע שמאָלע ליפּן, נאָר מ׳הערט נישט וואָס. סאָליאַר אָבער ווייסט, וואָס זי מיינט. די אַלטע עפנט אַ שפּאָרע טיר, סאָליאַר דערלאַנגט איר דעם טאָפּ פון דער פאַזוכע און זי פאַרמאַכט צוריק די טיר, פאַרקייטלט. מ׳זעט, ווי די אַלטע איז בודק דעם טאָפּ, קלאַפּט אין אים מיט אירע קנעכערנע פינגער, צי ר׳האָט נישט קיין שפּעלטל ערגעץ, און זי דינגט זיך מיטן גנב דורך דער שויב. איר קאָפּ שאָקלט זיך אַהין און אַהער, ווי דער אומרו פון אַ זייגער.

— דווי שיסקע . . . / צוויי זעקסער / — שרייט סאָליאַר.

די אַלטע ווייזט אַ פינגער. דאָס מיינט, אַז זי גיט פאַרן טאָפּ נישט מער ווי אַ גריי צער.

— כ׳קען נישט . . . כ׳לעבן . . . כ׳איל נישט נעמען . . .

די אַלטע ווייזט נאָך אויף אַ האַלבן פינגער. מ׳דינגט זיך אויף

שטום-לשון, מ'ווערט מושוה, און אַז ס'קומט צו באַצאָלן, פאַרשווינדט די אַלטע פונם פענסטער. זי וועט אים שוין אָפּגעבן, נישט-קשה זי איז נאָך אַ בטוח אויף צוויי גרייצער.

— כ'האָב געהערט זאָגן, סאָליאַר, אַז דו קענסט שיין טאַנצן . . .

האַ ? — זאָגט יאַנקל מיט זיין טעמפּעוואַטע הערזשעדיקן געלעכ' טערל . . .

— גיב אַ גרייצער וועל איך טאַנצן.

— מאָרגן על איך דיר אָפּגעבן. דו ווייסט, אַז עך זאָג — זאָג עך . . .

סאָליאַר דער שטעטל-גנב פאַרלייגט איין האַנט אונטערן קאַרק און נעמט טאַנצן אין ווייסן לבנה-ליכט. ער בייגט די קני צו דער ערד, שפּרינגט אונטער, דרייט זיך אויף איין פוס ווי אַ ווינטער און אַלעמאָל טוט ער אַ קנאַק מיט צוויי פינגער אין דער לופט און אַ געשריי:

הו — ה — אַאַ —

דער ברייטער צולעכערטער שטרויענער קאַפעלוש זיינער, אונטערגע' האַלטן פון אַ לאַקירט רימנדל אונטער דער מאָרדע, איז אים פאַרוקט אויף אַן אויער. ער טאַנצט, שפּרינגט אונטער, דרייט זיך קיילעכדיק אין גויהשן טאַנץ. די כלה לאַכט, דישעט זיך מיט פולע אויגן טרערן, און דער חתן שפּילט צו אַ גויעש פריילעך שטיקל אויף אַ קליינער מוילהאַרמאָניק, רייבט דאָס קליינע אינסטרומענטל מיט אַלע כחות אין זיינע גרויסע שטאַרקע ציין, און די הויכע קרייענדיקע קולות וועקן די שטילע לבנה-נאַכט.

— אַוועק פון דאַנען, דו משוגענער, דו גנב, לאָז שלאָפן . . . — שרייט די אַלטע אין פענסטער, איינגעוויקלט אין דער ווייסער קאָלדרע. די קנעכערנע פינגער קלאַפּן אין שויב, זי צוהיסט זיך כראַקעט און האַלט צו מיט דער האַנט דאָס האַרץ.

ס'ווערט שטיל.

— פאַרוואָס האָסטו נישט חתונה, סאָליאַר — פרעגט די כלה.

— שוין חתונה געהאַט.

— ווו-זשע איז די זשינקע?

— דערהרגעט . . .

— ווי אַזוי? . . — פרעגט פלוצים דער חתן, און ער פאַרשאַרט זיך דעם קאַפּעלוש אויפן אונטערשטן קאָפּ אַרויף מיט כּח.

— אָט אַזוי, איינס איבערן קאָפּ און געגוג . . . — ווייזט סאָליאַר, אַ וואָרף טוענדיק מיט דער האַנט אין דער לופט, ווי מ'האַקט האָלץ מיט דער האַק.

— נו גיי . . . זאָגט די כלה . . . גיי שוין אַהיים.

— דאָבראַניטש . . .

— דאָבראַניטש . . .

חתן-כלה צוגייען זיך פלוצים שווייגנדיק, ברוגז, אָנגעדרודלט, און אַ פאַרוואָס. די כלה שנייצט די נאָז אין אונטערשטן קליידל אַריין הויך, מיט אַ טראָמייטער. זי גייט אַריין אין שטוב שלאָפן מיט דער מומע מנוחה אין איין בעט אַריין. דער חתן ווידער גייט פאַרטראַכט אַראָפּ מיטן ווייסן שטראָז, דעם קאָפּ איינגעבויגן, די הענט פון אונטן פאַרלייגט אין געביילטע פויסטן.

סאָליאַר ליגט צונויפגעדרייט באַהאַלטן אונטער מנוחה דער סטאָליאַר' קעס בלינדער וואַנט. שפּעטער אַ ביסל, אַז מ'הערט פון ערגעץ נישט קיין שאָרך, שלעפּט ער אַפּיר אַ דראָנג פונם געהילץ, וואָס ליגט דאָרט, נעמט אים אויפן אַקסל און קריכט אַריבער מיט אים דעם פלויט.

4

נאָך די לעצטע גויעשע שטיבלעך, וואָס שלאָפן שטום איינגעוואַרעמט אונטער זייערע טיפע סטריכעס, צווישן הויכע סטערטעס שטרוי, אין דער זייט ביים שטראָז, שוין אויפן ליידיקן פרייען פעלד אַרויס, שטייט אַליין אין דער ווייסער נאַכט אַ גרויסע אַלטע שטוב מיט אַ ברייטן ברעטערנעם טויער. די בייכיקע ווייסע ווענט זעען אויס אין בלייכן לבנה־ליכט ווי אויסגעטון נאַקעט. דאָ וווינט גיטל די שענקערין. איר מאַן איז צוריק מיט יאָרן, תיכף נאָך זייער חתונה, אַוועק קיין אַמעריקע און די יידינע מאַכט שבת און יום־טוב אַליין קידוש. סאָליאַר קלאַפּט הילכיק מיט דער פויסט אין טויער:

— כ׳טאָ טאַם? — הערט זיך פון אינעווייניק אַ ברייט מאַנסבילש קול.

— מאַך אויף!

דער ברייטער טויער עפנט זיך מיט אַ שווערן הייזעריקן סקריפּ. אין פּאָרהויז אויף דער שטוב־שוועל בויגט סאָליאַר אָן דעם קאָפּ און שלעפּט אַריין דאָס דרענגל.

— דאָברי וועטשור! — זאָגט ער.

— דאָברי וועטשור! — ענטפערט די יידענע מיט צוויי שאַרפע רר׳שן אין איר שטאַרקן גויעשן לשון. זי צינדט אָן אַ שטיקל ליכט און שמעלצט דאָס צו צום געזימס פונעם קוימען. אין דער שאָטנדיקער האַלבטונקלקייט פונעם ליכט־פלעמל ציטערט אויף אין דער ליידיקער שרעקלעך־גרויסער פוסטער שטוב די ווייכע אָפּגעשטאַנענע גרויע איינזאַמקייט, וואָס זעצט זיך אָפּ אויפן גאַנצן לעבן, ווי דער אייביקער שפּינוועבס אויפן באַלקען דאָרט, אונטער דער סטעליע. אין מיט שטוב שטייט אַ גראָבער געשפּאָלטענער מיט נודנעם בראָנפן־ריח אָנגעזאַפּטער טיש און נעבן אים אַ לאַנגע, נידעריקע באַנק אויף איין

פוס און שטאָט דעם אַנדערן אונטערגעשפּאַרט אַ שוואַרץ פּעסל. פאַר דער יידענעס בעט אין ווינקל קוקט אַראָפּ פון אַ געל בילדל, שוואַרץ באַפּינטלט פון פליגן־קויט, איר מאַן מיכל־הערש, וואָס שטייט דאָרט אין אַמעריקע אויסגעסטרויעט מיט אַ געדאָפּלטער גאָלדענער קייט אין ווייסן וועסטל. דעם גראָבן פינגער האַלט ער אין אַ געֿ עפנט בוך. איבער דער טיר הענגט אַן אַלט פאַררויכערטער מזרח און ס׳זעט זיך אויף אים אהרנס געפלאָכטענער ספּאָדיק, דער גערינגלֿ טער עק פונם מעכטיקן לייב, רייזעלעך, משה מיט די לוחות.

— דרענגלעך . . . ביינזערט זיך די יידענע . . . צו יענעם טראָגט ער כּל׳ע גוטס און צו מיר ברענגט ער דרענגלעך . . . עך דאַרף נישט קיין דרענגלעך . . .

אירע נאַקעטע גראָבע פיס שטעקן אין גרויסע צודרייטע מאַנסֿ בילשע שטיוול און צוהאַלטנדיק זיך דאָס קליידל מיט איין האַנט, וועגט זי מיט דער אַנדערער דעם דראָנג אַרויף און אַראָפּ. דער גרויסער שאָטן אויף דער וואַנט מאַכט נאָך די באַוועגונגען אַרויף און אַראָפּ.

— גיב בראָנפן, יידענע . . . — זאָגט סאָליאַר, אָוועקזעצנדיק זיך ביים טיש. די יידענע ברענגט צו אַ בלעכן קוואַרטירל בראָנפן און האַלט עס אים פאַר די אויגן:

— באַצאָל פריער . . .

— וואָס הייסט, כ׳וועל נישט באַצאָלן . . . האָסט מורא כ׳וועל נישט באַצאָלן? נאַרישע יידענע. הע . . . פאַרוואָס זאָל איך נישט באַצאָלן? . . הע . . .

סאָליאַר שרייט באַליידיקט און ער נעמט אַרויס דער יידענע דאָס בלעכל בראָנפן פון דער האַנט, פאַרוואַרפט גיך דעם קאָפּ אויף דער פּלייצע און טוט דאָס אַ קער איבער אין מויל אַריין. זיין קליינע בלאָ־געררויטלטע נאָז, אָנגעשטאָפּט מיט פאַרפּאַפטע הערלעך.

פאַרקרומט זיך אומצופרידן, די אייגלעך קוועטשן זיך צונויף, גלייך ער וואָלט איינגעשלינגען אַ שפּין. ער טוט אַ שטאַרקן שפּיי אין דער זייט און זאָגט:

— גיב נאָך אַ קוואַרטירל . . .

נאָכן אַנדערן קוואַרטירל גלאַנצט שוין צופרידן זיין נישט-געגאָלטע מאָרדע, וואָס די שטעכיקע האָר אויף איר שטייען שיטער און האַרט, ווי שטרוי-וואָרצלען אויף אַן אָפּגעשניטן פעלד.

— ביסט אַ ווילע מאַלאַדיציע, גיטלע . . . — לאַכט סאָליאַר.

— גיי . . . האָסט קאַלטע הענט . . .

די יידינע שמייכלט פאַרשעמט. זי שטופּט אוועק זיין האַנט, וואָס קריכט צו איר בריטן הינטן, אָנגעבלאָזן הויך ווי אַן איבער׳ געיוירענע דייזשע טייג. ער שלעפּט זי איינגעשפּאַרט צו זיך, און זי רייסט זיך אַוועק:

— פּע, שטינקסט פון בראָנפן ווי אַ חזיר, דו גנב, דו . . .

זי כאַפּט אָן מיט דער האַנט זיין שוואַרצע האָריקע ברוסט אונטערן צעכראַסטעטן גראָבן העמד. סאָליאַר כריפּעט הייזעריק צעפלאַמט. זיינע קליינע ווייסע אייגלעך, ווי ביי אַ חזיר, זענען פול אָנגעלאָפן מיט טרערן. זיי פינטלען צומישט. און דער גוי מיט דער יידענע ראַנגלען זיך שטום מיט די הענט און מיט די קעפּ, סאַפּן הויך מיט צוקרימטע איינגעפאַלענע פּנימער און פאַלן דערנאָך פאַרפלאָכטן איינס-אינס-אַנדערע שווער אויף דער הוילער ערד.

די נאַכט קילט מיט שטומער מידקייט. די ליידיקע בויכיקע שענק-ווענד בלייכען אויס די שווערע אומעטיגקייט פונם געמיט. מ׳הערט קרייען אַ האָן. אַן אַנדערער ענפערט דערווייטערט.

אין די גרויסע ליידיקע טעפּ פון זויערמילך, וואָס שטייען אונטערן אויוון, כאַפּן זיך אויף פונם שלאָף מחנות פליגן, גרויסע שוואַרצע און אויסגעפאַשעטע. זיי זשומען הויך אין די זויערע טעפּ, צוקריכן

זיך איבער די ווענט פויל און טאַפּנדיק שוואַך, ווי די וואָלטן געווען בלינד. סאָליאַר כאַפּט זיי אין פולע זשמעניעס. די וואָס האָבן פּעטע בייכלעך צודריקט ער איינציקווייז צווישן די פינגער, דרימלענדיק האַלב פאַרשיכורט, מיט איין אייגל.

— נו, כוויל שלאָפן . . . . באַצאָל און גיי . . .

די יידענע טאָרעט דעם גנב פאַר אַן אַקסל. זי טרעסעט אים.

— פאַן בוג . . . גאָט וועט באַצאָלן . . . — זאָגט דער גוי.

— נו, באַצאָל . . . באַצאָל . . . פּאַניע סאָליאַר . . . כ׳בין אַן אָרימע יידענע . . . וועסט האָבן אַן עברה . . . גאָט וועט דיך שטראָפן. — בעט זיך די יידענע מיט גוטן.

— נישט אמת . . . זשידעס האָבן נישט קיין גאָט . . . . — שרייט סאָליאַר.

— אוי . . . אַ גרויסן גאָט . . . ער זיצט אין הימל . . . זיצט און זעט . . .

— וואָס זעט ער? — פרעגט סאָליאַר פאַר׳חידושט.

— אַלצדינג . . .

— אַלצדינג? . . .

— יאָ, אַלצדינג! . . . אוי-וויי איז מיר נישט געשען . . . — די יידענע זיפצט פרוס, אַ ווישטועדיק אין שויב מיט די פינגער.

סאָליאַר שטופּט זיך אָן די נאָז מיט טאַבעקע. זיינע פאַרנעפּלטע שטומפּיקע גערדאַנקען גראָבן זיך אין מוח פּאַוואָלי, שווער, אָנשטויסנדיק זיך אויף עפּעס האַרטן, אומדורכדרינגלעכן, ווי אַ ריסקאַל, וואָס טרעפט אויף אַ שטיין גראָבנדיק אין דער ערד. קראַצנדיק אין די לאַנגע קודלעס, פרעגט ער:

— ווי אַזוי-זשע הייסט ער?

— ווער?

— נו, אייער גאָט . .

— שאַ, דו כאַם!... מ׳טאָר אַזוי נישט ריידן... גאָט האָט נישט קיין נאָמען . . . באַצאָל און גיי . . .

— נישט אמת, זשידוווקאַ! — שרייט סאָליאַר — נישט אמת! אונזער גאָט הייסט כריסטאָס! ביהמע כריסטאָס . . . אַז איך זאָג כריסטאָס איז כריסטאָס . . .

— עה דו מיינסט דאָס יוזל... — פאַרקרימט זיך די יידענע מיט עקל אין קול — טפו... טפו.. טפו.. — און זי שפּייט-אויס דריי מאָל.

— ברעשעש זשידאָווקאַ . . . לייקנסט . . . כריסטאָס . . .

— נו, לאָז זיין כריסטאָס . . . אַבי באַצאָל און גיי . . . גיי מיטן ראָש אין דער אַדמה אַריין . . . — זאָגט די יידענע. זי געניצט מיטן ברייטן צופראַלעטן מויל. די אויגן קלעבן זיך מיד.

— ברעשעש . . . לייקנסט . . . — שרייט סאָליאַר, קלאַפּנדיק מיט דער פויסט אויפן טיש. זיין קליינער ווילד-פאַרוואַקסענער שטערן איז רויט פון רציחה און אין די מויל-ווינקלען באַווייזט זיך פאַר־דעכטיקער שוים.

— עה האָסט זיך שוין אָנגעשכורט . . . מיין בלוט . . . . — זאָגט די יידענע טרעסענדיק בייז דעם קאָפּ. — נו, גיי-זשע טאַקע . .

זי עפנט פריער די טיר, כאַפּט דערנאָך מיט איין האַנט דעם גנב ביים קאַרק, און טוט אים מיט כוח אַ טלום-אַרויס אין דרויסן:

— אַן אָפּלייזער, אַן אויסלייזער פאַר מיר און פאַר מיין מאַן און פאַר כל-ישראל אמן סלה . . . — זאָגט די יידענע מיט אַ תחינה-נגון, בשעת זי פאַרקייטלט די טירן.

5

אַז דער גנב איז אַריינגעפאַלן אין דער ווייסער קופּע מיסט פאַר גיטל דער שענקערקעס טיר, איז ער תיכף אַנטשלאָפן געוואָרן,

געשמאַק, האַרט. פּלוצים אָבער האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און שטיל, אָן דעם מינדעסטן שאָרך, גלייך ער וואָלט נאָך ווייטער געשלאָפן, האָט ער גענומען אויף אַלע פיר אַרומשלייכן אַרום דעם גרויסן הויז. שטיל, פּאַוואָלי, האָבן די שפּיץ פינגער געזוכט, געטאַפּט די בלייכע קאַלטע ווענט. שטיל-שרעקיק, ווי אַ נאַכטיקע חיה, האָבן די פיס געשלייכט, דער קאָפּ זיך געבויגן, ביז ער האָט ערגעץ געפונען אַ שפּאַרע אונטער דער סטריכע און איז פאַרשוווּנדן אין איר.

באַלד איז ער פון דאָרט אַרויסגעקראָכן, באַלאָדן די פאַזוכע, די פּליצע, גלייך ער וואָלט געהאַט אַ האָרב פון פאָרנט און פון אונטן. סאָליאַר האַלט איין דעם אָטעם. ער ווייסט, אַז ווען די יידענע כאַפּט אים, שלאָגט זי אים האַלב-טויט. אָנגעבויגן שלייכט ער אַוועק קווער מיט די פעלדער, אין דער ווייטער שטילער נאַכט אַריין, בלאָליך-ווייס.

אונטערן שטעטל, ווייט אַריבער אויף יענער זייט אויסגעטריקנטן טייך, ליגן די וואַלעס. קליינע, ליימיקע בערגלעך, אָפּגעשיטע, אונטערגעהוילטע, באַוואַקסן מיט ווילדע שטעכערס. צווישן זיי, אין ל...ליכט, בלייכן זיך מאַט-געל צעוואָרפענע טרוקענע ביינער, גרויסע, שאַרפע, ווי העק, ווייסע האַלבע שאַרבנס מיט ברייט צעעפנטע פערדישע ציין. דאָ ווערן פאַרשאַרט די געפגרטע פערד, דער היצל הרגעט דאָ די געכאַפּטע הינט. אַ צובראָכענער, איינגעזונקענער דאַך אַ חורבה פון אַן אַמאָליקער ציגעלניע באַהאַלט אונטער זיך די טיפע פינסטערע לעכער פון די אַמאָליקע ציגל-אויוונס. אין איינעם אַזאַ לאָך וווינט סאָליאַר דער שטעטל-גנב, און אויבן אויפן פינסטערן בוידעם צווישן די צעפוילטע קראָקוועס, וואָס זענען געדיכט פאַר־וויקלט אין שוואַרצע שפּינוועבס, וווינען די נישט-גוטע . . .

דער גוי קומט אַהיים נאָך האַלבער נאַכט. ער זעצט זיך אַוועק אין דרויסן אויפן שטיין עסן די פיש און די יויך וואָס ער האָט אַרויס־

געגנבעט ביי גיטל דער שענקערין פון דער קאַמער, אָנגעגרייט אויף שבת. פונם בוזעם שלעפּט ער אַרויס דער יודענעס גרויסן געשמאַקן בולקע־פלאַץ, באַשיט מיט מאָן און מיט טשערניטשקע, ברעכט־אָפּ אַ שטיקל און איז מכבד זיין שוואַרצן קודלאַטן הונט ווילקע, וואָס קומט אים אַקעגן־געלאָפן און רייבט זיך געטריי מיט דער ווייסער וואַרימער וואָל צווישן זיינע קני. אָבער דער הונט באַגניגט זיך נישט, און שטופּט אַריין זיין אויסגעהונגערטן פייכטן פּיסק אין טאָפּ אַריין און כלעסטשעט דאָרט מיט דער צונג גיך, גיך און גיריק:

— נאַ, נאַ . . . וואָס איילסטו זיך אַזוי . . . כ'האָב פיינט אַז מ'איילט זיך . . . — זאָגט סאָליאַר און ער גלעט מיט זיין רויער גראָבער האַנט צערטלעך דעם הונט איבער דעם ציטערדיקן רוקן. נאָכן עסן שמירט ער זיך מיט די פעטע פינגער די קודלעס, צושטרעקט זיך מיטן בויך אַרויף און קוקט אין דער געלער לבנה אַריין, וואָס הענגט איצט פאַרשלייערט, אין אַ לייכטן דורכזיכטיקן נעפּל און זי זעט אויס, ווי אַ גרויס געלעכל פון אַן איי, וואָס שווימט אין אייגענעם ווייסל. מאַט־ווייס און שווער ליגן די אויסגעשטערנטע סוף־זומער נעכט אויף דער פלאַכער פּאָדאָלישער ערד. שוואַרצע אָנגעבויגענע ביימער וואָס זענען געשפּאַלטן אין דערמיט, שפּרייטן זייערע צוקרימטע צווייגן־הענד איבער ברעגעס פון אָבגעשיטע ליימיקע וועגן און פון זייערע האַרטע פאַרפלאָכטענע וואָרצלען וואָס קריכן פון דער ערד אַרויס, שפּינט דעמולט די ווייסע שטילע נאַכט אַ האַרטע שווערע נעץ פאַר דער שווערמוטיגקייט אין אונזער נפש. גרויס ווי קעפּ, ציטערנדיק אין אייגענעם בלאַ־גאָלדענעם שיין, פּינקלען די שטערן אין דער טיף־בלאָער קלאָרער הייך. דער מענש וואָס ליגט צעלייגט מיטן פּנים אַרויף איז אָבגעווייסט ווי מיט בלאָליכן קאַלעך.

פלוצים נעמט דער הונט אומרויק ניוכען אין דער לופט מיט געשפיצטע אויערן און גראבלענדיק גיך, גיך, מיט די פאָדערשטע פיס די ערד, ברומט ער אומהיימלעך שטיל, פאַרדושעט, אונטער דער נאָז. סאָליאַר דער גנב טוט אַ ציטער מיט אַלע אברים. די ציין אין מויל טוען זיך אַ קלאַפּ־אָן הויך, איינס־אויפס אַנדערע:

— נאַ, זי איז דאָ . . . איצט איז זי געקומען . . .

ער זעצט זיך גיך אויף און קוקט צום פינסטערן ווינקל אויפן אַלטן דאַך־בוידעם פון דער ציגעלניע־חורבה. רייטנדיק דאָרט אויף דער קראָקווע אין אַ לבנה־פלעק, ווינקט זי צו אים מיט אַ לאַנגן, דאַרן, אויסגעקרימטן פינגער, די אַלטע אָפּגעריסענע מכשפה מיט די ווילד־צולאָזענע פלאַקסענע האָר. זי דרייט אירע גרינע קײַלעכדיקע אויגן און לאַכט בייז מיט דעם איינגעפאַלענעם ליידיקן מויל, פון וואַנען עס שטאַרט אַרויס אַן איין־און־איינציקער גרויסער, צובראָכע־נער צאָן אונטער דער שפּיציק־פאַרבויגענער נאָז־און־מאָרדעלע וואָס קומען זיך צוזאַמען, און איר מוראדיקער פּרצוף זעט־אויס ווי אַ געעפנטע צוואַנג.

מיד אָנגעבויגן און פאַוואָלי, ווי נאָך אַ שווערער אַרבעט, גייט דער גוי אַהין, וווּ די אַלטע מכשפה רופט אים. ער קריכט אַרויף אויפן בוידעם און די מכשפה בינדט אים אָפּ גיך, איילנדיק מיט אירע דינע קנאָכיקע הענטלעך דעם שטריק פון די הויזן, מאַכט אַ קניפּ און טוט אים אָן אויפן האַלז . . .

סאָליאַר הוידעט זיך אַ רגע אראָפּהענגענדיק פון דער קראָקווע, דעם קאָפּ אַביסלע אָנגעבויגן אויף איין זייט, די צונג שטעקט אים אַרויס פונם מויל־ווינקל לאַנג און טויט. אונטן נעבן שטיין זיצט דער הונט אויף צוויי פיס. אויפגעהויבן דעם שאַרפן פּיסק אין דער הויך הויקעט ער לאַנג־לאַנג, געצויגן, שרעקיק און איינטאָניק. דאָס איז יענע טרויעריקע שרעקיקע קלאָג פון אַ הונט אַקעגן דער לבנה,

וואָס ווערט געבוירן פון דער בלייכער נאַכט־שטילקייט און פאַרגייט
אין איר דאָרט אין אונזערע טרויעריקע היימען.

אונטער דער בריק

שוואַרץ שוואַרץ שפּאַנט זיך די בויכיקע, אַלטע, פּאַוס זשע'טע, שטיינערנע באַן-בריק. אַז די רויטע, צונויפגעטשעפּעטע טראַמוואַגנס לויפן דורך דעם קילן געוועלבטן לאָך און אויבן יאָגט גראָד אָן די באַן, זעט דאָס אויס ווי אַ לויפנדיקער דונערנדיקער צלם.

פונם נאָענטן מאַסיוון באַנ-הויף קוקט אַראָפּ דאָס שוואַרצע מרה-שחורהדיקע פּנים פונם גרויסן טורם-זייגער און זיינע שוואַרצע אייזערנע ווייזערס שטרעקן זיך ווי צוויי לאַנגע פינסטערע הענט.

מ'הערט כּסדר דאָרט זידן, קאָכן, פייפן און אָפּגעהאַקטן רוקן זיך פון שווערע וואַגאָנעס, באַלאָדענע מיט קוילן, קלעצער, פעסער, אייזן. קוילן-שטויב שוויס און שווערער ריח פון אייליצדיקן שמירעכץ קנעט זיך בידנע, פעט און געדעכט אין דער לופטן, לייגט זיך אויף די מידע פּנימער פון די פאַרסאַזשעטע אַרבעטוערס אין זייערע האַרטע פּעטיקע, בלאָע העמדער, וואָס שאַרן מיט רוסקע לעס, קלאַפּן מיט האַמערס, טראָגן קאַסטענעס אויף די אייזערנע אָנגעבויגענע קאַרקן. די אָרעמע, אָנגעמיסטיקטע, האָרבאַטע געסלעך אונטער דער באַן-בריק, קוקן טרויעריק מיט זייערע געלאַטעטע שטויביקע לייזיקע פענ'סטער. מ'זעט אויף זיי הענגען שמאַטעס צום טרוקענען, רויטע קוי'טיקע קישענס אָטמען אין דרויסן אַרויס דומפּיקן שלעכטן ריח.

פון-דערווייטנס דריקן זיך די אָנגעשטעלטע שטאָדט-מויערן. כמורעמס קלויסטער-שפּיצן שטרעקן זיך פון צווישן זיי אין הימל אַריין. שטאָדט-רעש ברומט און קאָכט דאָרט, צוגעדושעט, טויב.

די אָפּגעברענטע, צעכראַסטעטע פאַרדעכטיקע לײדיקגייערס, מיט די פלאַקסענע ווויליוגערישע שויבערס אויף די שטערנס, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום אונטער דער בריק ווי נעכטיקע, ברוגז, מיט ברייטע קיילעכדיקע שפּאַן, די נעז שמעקנדיק אָנגעשטעלט אין דער לופטן, די שטעכיק-באַוואַקסענע מאָרדעס, פאַרקרומט זוכן עפּעס

א באַגעגעניש, אַ טרעפעניש אָן בטחון, די צעדרייטע קאַפּעליושן לעך אָנגערוקט אויף אַ בויגעקוועטשט אויג, איין דאַנק אַריינגעשטעקט אין קעשענע און זיי שפּייען. ס'האָט עפּעס געשמעקט מיט אומ׳ גערעכטן, מיט בייעס אין דער לופטן. אַלעמאָל ווידער האָבן זיך די דאָזיקע פאַרשויבען פאַוואָלע, פויל, דערנענטערט צו דער שוואַרצער שטיינערנער בריק, געליינט דאָרט אויף די מויערן די אויפגעקלעבטע באַפעלן וואָס זענען נאָך געווען פריש, נאַס, די באַפעלן פונם קייזער צו גיין זיך שטעלן צו די זעלנער. און באַלד האָט מען זיי טאַקע שוין מער דאָ נישט געזען, זיי זענען פלוצים פאַרשוווּנדן געוואָרן פון דאַנען. זיי זענען שוין געזעסן דאָרט אין דעם גרויסן שוראַצן, אָנגערייכערטן הויז, ביי די מרה־שחורהדיקע גראָבע גלעזער ביר, ווו די אָנגעטריבענע פרעמדע מאַנסבילן פון אַלע עקן שטאָדט האָבן זיך געשטיפּט, געליאַרמט געוואַרט נישט וויסנדיק אויף וואָס, און ס'האָט דערמאַנט אָן אַ טשערעדע בהמות, וואָס די סוחרים טרייבן צענויף אויפן פלאַץ, פון וואַנען מ'טרייבט זיי שפּעטער צום שעכטהויז.

דער בעטלער מיטן האָלצערנעם פוס, האָט זיצנדיק אויף דער ערד, אומזיסט דאָ, אונטער דער באַן־בריק געדרייט זיין הייזעריקע קאַטאַרינקע שפּילנדיק נאָך די אַלטע לוסטיקע אָפּערעטן־שטיקלעך פאַר דער ליידיקייט. ביים אַנדערן קאַטאַרינטשיק, דעם מיטן בלינדן אויג אָבער, זענען שוין געשטאַנען אַ רעדל פּועל־בטולה דינסט׳ מיידלעך מיט די נאָזפּאַטשיילעס אין ביידע רויטע צעטראַסקעטע גראָבע הענט, די קעפּ פאַרלייגט אויף אַ זייט, די אויגן פול טרערן די פולע פּיסקעס רויט צום פּלאַצן און זיי האָבן געהערט מיט מתיקות שפּילן:

— גאָט דערהאַלט אונדזער קייזער . . . .

זייערע קויטיקע שטייף־געפּרייסטע געלעכערטע שפּיצלעך קרי״

זיי שטענדיק אַפיר פון די אונטערקליידלעך, ווי די אויגן פון דער איינזאַמקייט אַליין. און שטענדיק זענען זיי אָנגעברייט צו אַלעמען, אָן שום אַקייגן־ריידענישן.

חוץ אָבער זיי, די פּועל־בטולה דינסטמיידלעך, האָט מען דאָ אין דער פרייליכער ווינער פאָרשטאָדט „פּראַטער" מער קיינעם נישט געזען. די מאַנסביִין זענען פלוצים פאַרשוואונדן געוואָרן. ס'איז דאָ מיט אַמאָל שטיל, ליידיק און פּוסט געוואָרן. די מידע שרעקיקע פּוסט־קייט איז געווען אָנגעזאַפּט מיט יעגער באַהאַלטענער טרויעריקייט אין וועלכן ס'קלינגט נאָך אָפּ דער ליידיקער ווידער־קול פון פאַר פליִגענעם רעש און פרייד, ווי אין אַ שטוב אויף מאָרגן אין דער פריִ נאָך אַ חתונה. די הוידאַלקעס, די דרייענדיקע פערדלעך, די וואַרפערס און גליטשערס, זענען געשטאַנען אויף איין אָרט. די שפּיל בודעס, קוק־קעסטעלעך און פּאַנאָראַמעס זענען איצט געווען ליידיק, פּ.לאָזן, אויסגעשפּריצט מיט וואַסער און ריין, יום־טובדיק אויס־געקערט. מ'האָט נישט געהערט מער דאָס שפּילן פון די בייכיקע מוזיק־ווי זאַמאַטן. דאָס פאַלש־לאַכנדיקע שרייען פון די אייביק־הונגעריקע קונצן־מאַכערס, וואָס שלינגען פייער, וואַרפן קוילן מעסערס, דריין טעלער אויף אַ שטעקאַלע אויף דער נאָז, אויף אַ פינגער. דאָס זעלטזאַמע דינע פרעמדע קוויטשן פון די כינעזער, וואָס הענגען זיך אויף זייערע צעפּ און קלִיגען אין די פייקלעך, די פּאַיאַצן מיט די אָנגעפאַרבטע רויטע לאַנגע נעז, צעבראָכענע צילינדערס און געקעסטלטע הויזן, וואָס טאַנצן, זינגען, וואַרפן זיך, מאַכן קונצן, זאָגן וויצן און לאַכן אַליין, זענען פלוצים פון דאַנען פאַרשוואונדן געוואָרן, אַהין געקומען. און אין די געסלעך דאָ, האָט זיך נישט מער געדרענגט און געשטופּט דאָס לאַכנדיקע קוועטשנדיקע לוסטיקע אָרעמע פאָלק צונויפגעשטראָמט פון אַלע עקן פון דער גרויסער שטאָט, וואָס ס'האָט זיך תמיד אַרויסגעלויכטן פון צווישן זייער געדעכ־

קייט די רויטע און בלאָע היט פֿון די זעלנער געאָרעמט מיט שיקסעס האַלטנדיק זיך פֿעסט אונטער די נאַסע גראָבע שווייסיקע אָרעמס. דאָס אייזערנע ריזענראָד, הויך אונטערן הימל, האָט זיך נישט מער שווער געדרייט הויך איבער די שטאָדט־דעכער, נאָר ס׳איז שטיין געבליבן, פֿאַרגליווערט און ס׳האָט ליכטיק געגליצט מיט די פֿענסטערלעך פֿון זיינע נאָכהענגענדיקע וואַגאָנעס אין דער מילדער וואַרעמער הערבסט-זון. אין פֿענסטער פֿונם פֿאַנאָפּטיקום האָט מען געזען אַ נייעס: אויפֿן אָרט פֿון דער מוראדיקער אויסגעשטאָפּטער שוואַרצער מאַלפּע וואָס האָט געהאַלטן תמיד אין אירע שווערע לאַפּעס די גערויבטע בלאָנדע וואַלדפּרינצעסין מיטן גאָלדענעם גאַרטל אויפֿן נאַקעטן בויך, זענען איצט געשטאַנען צוויי וואַקסענע זעלנער מיט זיסליכע בלאָנדע וואָנצעס וואָס ס׳איז שוין אין זיי געווען באַהאַלטן די גאַנצע שרעק פֿון די מלחמות. די פּאָלעס פֿון זייערע גראָע מאַנטלען זענען געווען פֿאַרשטעקט אין די לעדערנע גאַרטלען, ביקסן אויף די אַקסלען, אַ שוועבנדיקער צײַכן איבער די קעפּ און זיי האָבן זיך פֿרייַנטלעך געדריקט די הענט:

— שלום!

די מלחמה איז אויסגעבראָכן.

מ׳האָט געזען פֿון דאַנען, פֿון דער פֿאָרשטאָדט אונטער דער באַנבריק, ווו אין די עק־גאַסן, דאָרט אויבן אין שטאָדט פֿלאַטערן פֿאָנען איבער די הייזער, אַ וואַלד מיט פֿאָנען. ס׳האָט עפּעס געזאָטן דאָרט אונטער זיי, מיט אַ פֿאַרדעכטיקן פֿרעמדן רעש, אַ סודותדיקן. ער האָט בלינד אַרויסגעקוקט דער דאָזיקער סוד פֿון די הויכע פֿאַרמאַכטע מויערן־פֿענצטער אין די רייכע גאַסן, שטום אַרויסגעשריגן פֿון די צייטונגען און געפֿילט זיך אין דער איילעניש פֿון דעם נייעם סאָרט אויטאָמאָביל, מיטן קאָפּ צו דער ערד, ווי אַ רויטע דאָרכיאָגנדיקע איבערגעשראָקענע מויז, וואָס איז צוויי מאָל,

אַהין און צוריק פאַרבייגעפלויגן, מיט אַ נייעם געביטערישן איבער־שרעקנדיקן פייף, אַ נייעם אַ נאָך נישט געהערטן. און אַז אַ צייטונג־יונגל איז פאַרבלאָנדזשעט אַמאָל אַהער פאַרבייגעלאָפן מיט אַ פּאַק צייטונגען אונטערן אָרעם, נאָך פריש פונעם דרוק, שמעקנדיק צוגעברענט, ווי הייסע מצות, ערשט פונעם אויוון אַרויס, שרייענדיק מיט אַ [illegible]אַדיקן ברילן:

— עקסטראַאַאַ — אויס — ג — אַ — ב — ב — ע — ע — ע טאַ — ג — ב — ל — אַ — ט מ — ל — ח — מ — ה...

איז נישט מעגלעך געווען אים אָבצושטעלן און קויפן אַ בלאַט. ער איז געלאָפן, ווייטער געלאָפן און געשריגן.

ווי לאַמטערן־פּלעמלעך, וואָס מ'האָט זיי פאַרגעסן צו פאַרלעשן און זיי ברענען ביי טאָג, אומבאַמערקט און בלייך־פאַרלאָזן, האָבן זיך ווי תמיד, דאָ אונטער דער בריק אַרומגעדרייט נאָר די גאַסן־מיידלעך יום־טובדיק אויסגעסטראָיעטע אונטערגעפאַרבטע מיט די בייטלען אין די הענט, די מיילער פאַרקרומט, איבערגעשראָקן. אומזיסט האָבן זייערע אויגן געקוקט, געזוכט זייערע קונים, וואָס זענען שוין געווען אַוועק צו די זעלנער. זיי, די גאַסן־ווייבער, זענען געווען די ערשטע, וואָס דאָס אומגליק פון דער וועלט־מלחמה, האָט געטראָפן. ווי אַ האָן איינער אַליין צווישן אַ טשאַטע הינער, האָט מען געזען דאָ צווישן די ווייבער זיך אַרומדרייען אַ פאַרשוין, אַ קליינעם אַ פעסטן מיט אַ נידריקן קאַרק און אַ גראָבן קיילעכדיקן בויך, וואָס דער רימען אויף אים האָט אויסגעזען ווי אַ רייף אויף אַ פאַס. געווען זיין דאָס מאַקסל דער גראָבער, און געדרייט האָט ער זיך דאָ צו היטן זיין ווייב, מיצי, און צו העלפן איר זוכן ליבע־קונים. פונקט זייגער צוויי נאָכוואַרעמעס, האָט ער, ווי אַלע טאָג, אַרונטער־שטעקט זיין גלאַטיקן אָנהאָריקן קיילעכדיקן און שווערן קאָפּ, וואָס מיט דער ברייטער צופלעטשטער נאָז איז ער ענליך געווען צו אַ

פולער פאַרשווימענער לבנה, אונטער דער אַנדערער זייט בריק אַרונטער, צום געסל צו. און שטיל־וואַרנענדיק מיט גנבהשן ווינק פון זיין צוגעקוועטשטן אייגל, טוט ער היציק אַ געשריי:

— מיצי . . . קינדער . . . אַנטלויפטס . . . די שטרייפע /פּאָליציי/ גייט!

אין דער זעלבער רגע צעלויפן זיך אַלע ווייבער אין אַלע זייטן מיט ווילדן שטומען שרעק, אַנגעבויגענע, ווי הינער, וואָס דערפילן אין דער לופטן איבער זייערע קעפּ שוועבן דעם מערדערישן יאַסט' רויב. א יידע לויפט אין איר שטענדיקן באַהעלטעניש. די אונטער' שטע קליי לעך וואַליען זיך אין דער הויך. די גראָבע באַקעטע פיס וויין זיך הפקר אין ליכטיק טאָג-אַריין. די לענגסטע און דאַר' סטע פון אַלע ווייבער די שוואַרצע הערמין, גנבעט זיך פּאַוואָליע באַדעכטיק אַריבער דעם וועג, ווי אַ קאַץ אין דער בלאָטע, וואָס וויל נישט אײַנרעכטן די לאַפּקעס. די קליינע גוסטי, קיילעכדיק, שווער מיטן אַלטן צעקנייטשטן רויטגעפּאַרבטן פּנים, טוט גיך אַ שפּרינג אַריבער דעם פּאַרקן, די אַלטע האַראָוואַצקאַ אַ ברייטע נויע מיט אַ בכבודן געדאַלטן גוידער, טוט אַ הייב אונטער איר רויטע לאַנגע פּאַלערינע און זי שטעלט זיך כיטרע אַוועק נעבן דער שטאַציע וואַרטן גיבע אויפן טראַמוויי, מיט אַ בכבוד שמייכעלע ווי אַ גוטע בעל ביתטע וואָס איילט זיך נישט צו פאַרשפּעטיקן אַהיים.

נאָר מיצי די שיינע, מאַקסלס ווייב איילט זיך נישט, וויסנדיק, אַז איר מאַן וועט זי שוין אָפּהיטן פון יעדע סכנה. מיד־וויגנדיק אירע ברייטע קליבעס, וואָס האָבן זיך געטרעסעט אונטערן דינעם צוגע' קלעפּטן רויטן צוקערצן קליידל גייט זי צו צום נאָנטן שענק און זי זעצט זיך דאָרט אַוועק אין דרויסן, צווישן די ביימלעך, ביי אַ טישל. די רויטע ברייטע האַרבסט-בלעטער הוידען זיך פּאַוואָליע אין דער לופטן און פאַלן אויף די ליידיקע טישלעך,

פֿאַרשפּרייט מיט רויטע און בלאָ-געבלומטע טישטיכער. פֿון דער ווײַ־
טענס שפּילט הייזעריק אַ קאַטאַרינקע, ציט פֿאַוואָליע די באַקאַנטע
האַרבסט-מעלאָדיען, וואָס זינגען זיך נאָך אין געמיט און וועקן אַ
באַהאַלטענע טרויריגקייט.

צווישן די אַלע גאַסן-ווײַבער וואָס דרייען זיך דאָ אַרום, איז
אָט די מיצי די איינציקע, וואָס אין איר לענגליכן אָבגעריבענעם,
בלייכן פּנים, האָבן זיך נאָך שוואַך באַהאַלטן סמנים פֿון יונגקייט
אונטער די פֿאַרפֿודערטע קרעצלעך און קנייטשלעך. זי אַליין האָט
פֿאַר גרויס גאווה מורא געהאַט צו גלייבן אין דעם. אַז מ׳האָט דאָס
איר געזאָגט, איז זי רויט געוואָרן פֿון בושה טאָמער נאַרט מען זי
אָפּ, אָבער די אויגן האָבן אומגלויביק געשמייכלט דערשראָקן און
בגליקט ווי געוויינטלעך בײַ ווײַבער וואָס הויבן אָן אַלט צו ווערן.

זי האָט איצט פֿאַוואָליע געטרונקען אַ גלאָז ווײַן און אויפֿן מאַנט־
בילשן שטייגער מיט דער איבערגעקערטער האַנט זיך געווישט דאָס
מויל. דאָס שטענדיקע אויפֿשטיין אין שפּעטן טאָג-אַרײַן, די גאַנצע
אומבאַגרעניצטע פֿרייקייט, וואָס האָט מיט איין ריר אַראָפּגעוואָרפֿן
פֿון זיך דאָס אומבאַקוועמע פֿייגל-בלעטל, די מילדע זוניקע האַרבסט־
רו האָט איצט געגלאַנצט אין די שיינע גרויסע גרינלעך-פֿאַרוינטע
אויגן, אַרום געשמירטע, מיט שוואַרצע רענדער, פֿון דעם דאָזיקן ווײַב,
וואָס האָט ענדלעך, דערגרייכט צו דער וואָרער פֿון דעם פֿאַרבאָרגענעם
חלום, פֿון איר גאַנצן מין: די הפֿקרות.

בשעת דער פּאָליציי־מאַן מיט די געלע וואָנצעס איז גדולותדיק
פֿאַרבײַגעגאַנגען דעם פּלאַץ אונטער דער באַן-בריק, איז איר מאַן
מאַקסל געשטאַנען איינער אַליין, ווי זײַן שטייגער איז געווען. קליין,
קײַלעכדיק, אײַנגעבויגן דעם קאַרק, צושפּרייט די פֿיס, די הענט
אַרײַנגעשטופּט טיף אין די הויזן-קעשענעס, מיטן אָפּגעבריענטן גראָבן
שטיקל לעדערנעם ציגאַר אין קרומען מויל-ווינקל און גנביש אונ־

טער געווינקען מיט זיין אייביק-פאַרקוועטשטן קוים אָנזיכטיקן כימרע אייגל, וואָס האָט זיך געשניצט פון אונטערן קליינעם געקעסטלטן קאַשקעטלע אַפיר אַביסעלע חוצפהדיק, מיט אפענער הנאה פון דער זיכערקייט, וואָס יענער קען צו אים בשום-אופן קיין שליטה נישט האָבן, דערפאַר, ווייל ער, מאַקסל, איז אַ מאַנסביל.

— האַבע די עהרע הער אינשפעקטאָר!

האָט מאַקסל ווי תמיד באַגריסט יענעם אויף צוויקעניש, מעשה גוטער-ברודער.

— האַבע ד י ע — ע — עהרע . . .

טוט דער פּאָליציי-מאַן גלייכגילטיק אַ ברום, צולייגנדיק נאָך לעסיק אַ פינגער צו זיין שווערער טשאַקע מיטן מעשענעם שפּיץ אויפן שפּיץ-קאָפּ ווי געווינטלעך. אָבער דאָס מאָל האָט מאַקסל זיך דערפילט אָבגענאַרט, ער האָט געזען, אַז ס׳איז עפּעס נישט ווי תמיד, אַז יענעם אַרט איצט נישט דער גאַנצער עסק . . . עס זעען דאָ וויכטיקערע זאכן אין זין צו האָבן . . .

— עה . . . ער ווערט אַ חזיר . . .

האָט מאַקסל געזאָגט צו זיך אַליין בייז אַ שפּייטענדיק נאָכן פּאָליציי-מאַן דאָס שטיקל ציגאַר פונם מויל-ווינקל, ער וועט זיך שוין אַמאָל מיט אים אָפּרעכענען. די צייט וועט קומען.

ווי אויסגעוואַקסן פון די שטיינער באַווייזן זיך די ווייבער ווי׳ דער אונטער דער בריק, זיי דרייען זיך דאָ אַהין און צוריק, לאַנג, לאַנג, געדולדיק מיט די בייטלען אין די הענט, האַלטנדיק זיי אויפן ארויסשטעקנדיקן הינטן, זיי קוקן שמעקן מיט די נעז, זוכן. און זייערע רויטע און גרינליכע היט, איבער די לייכטנדיקע רויט-בלאָלעך געפארבטע, געמיינע אלטע פנימער, מיט די פארשפּיצטע הייסע נעז און געל-רויטע געפארבטע ליפּן, ציען זיי צו און שטויסן אָפּ, מיט עפּעס שרעקיק-נייגעריקעס, וואָס ס׳שמעקט פון זיי זיסלעך-

דין און זיי דערמאַנען שיינע גיפּטיקע פּיצירציס אין זייערע פּאַר־
שלאָסענע ליידיקע שטיבלעך דאָ אין די געסלעך האַלב-פינסטערע
פאַרהאַנגען מיט קויטיקע געדעכטע פאָרהענגלעך, ע יי ן אָנגעגרייט
די קאַלטע קויטיקע בעטלעך, געל-געפּלעקטע, די אָפּגע..נע זאָפּקעס
מיט אויסגעהילטע גריבער אין דערמיט, אויפצונעמען די געסט מיט
קאַלטער מינוטנער פרייד. מיט די אונטערגעשוואַרצטע הונגעריקע אויגן
א מאַנסביל, אָבער אַזוינער גייט אַצונד נישט פאַרביי; זעלטן נאָר
שפּרינגט א יונגערמאַן אַראָב פונם טראַם און לויפט דורך דער בריק
אַהיים פון דער אַסענטירונג. מען האָט אים אָבגעגעבן פאַר א זעלנער.
ער טענצלט אונטער איבערגעשראָקן-צעטומלט ווי א געבינדענער
האָן, וואָס האָט זיך אויף א רגע אַרויסגעריסן פונם קײַשל און ער ווייס,
אַז אָט-אָט כאַפּט מען אים און מען טראָגט אים אָפּ צום שוחט. די
ווייבער לויפן אים נאָך אונטער דער פּלייצע, פאַרשטעלן אים דעם
וועג פון פאָרנט, אַלע מאָל אַן אַנדערע, קוקן אים אַריין מיט זייער
געמאַכטן זיס-זיסן שמייכעלע גלייך אין די אויגן, צו צערלייכטערן די
שווערע כונה און ווינקען אונטער זייער אייביקן פּזמון:

— גייסט מיט קליינער.

— קום זיך משמח זיין,

— לאָז זיך פאַרפירן, טייערער.

— אוצר זיסער . . .

2

פאַרגעסן פון די מענשן, וואָס האָבן זיך דאָרט אויבן אין
שטאָדט, צווישן די שווערע מויערן אין קלינגנדיקן רעש געוועבלט
אין דער מלחמה-בהלה ווי שטיקלעך שטרוי אין אַ דרייענדיקן
ווערבל-ווינט, האָבן זיך דאָ, אין די שטילע האָרבאַטע, קויטיקע און
פּעטיקע פאָרשטאָדט-געסלעך, די מילדע זוניקע הערבסט-טעג יענע,

געשפּריט, ליידיקע, ליכטיקע און ברייטע, ווי אַ פעלד, וואָס מ׳שניידט אויף דעם אָפּ די תבואה און ס׳דערזעט זיך די פרייע ליידיקייט אַלץ מער און מער. ס׳האָבן זיך באַוויזן די ערשטע זעלנער. אויס־געסטראַיעטע, שטאָלץ־געשטרעקטע, מיט פינקלדיקע מעשענע קנעפּ אויף די ברייטע ברוסטן, אויף די היטלען. באַגייסטערט האָט מען זיי נאָכגעקוקט, דורך ארצדיק פלאַץ געמאַכט פאַר זיי אין טראַם. גליסטיק־צעשמייכלטע מיידלעך האָבן זיי געשענקט בלומען.

ס׳איז אַנגענעם געווען ביינאַכט דורכוועקנדיק זיך פון שלאָף צו הערן דורכן פענסטער די פאַרבלאָנזעטע, פרייד־פאַרשכורטע געשרייען פון די יונגע ייִנגלעך, וואָס האָבן אַרומגעבלאָנקעט אין די גאַסן, האַלטנדיק זיך אונטער די אָרעמס:

— אַרונטער מיט סע — ר ב — יע — ן . .

— הויך ע — ס — ט — ר — יי — ך . . .

אַ גאַנצן טאָג האָבן די ווייבער אונטער דער בריק זיך אַרום גע־דרייט ליידיק. מיט די חתנים און ברודער האָבן זיי זיך שוין גע־האַט אָפּגעזעגנט. געהאָלפן זיי פּאַקן די פּעקלעך, צוקושט זיך און יענע זענען אַוועק אין דער מלחמה אַריין. די ווייבער האָבן דאָ געהאָדעוועט מיט צוקער די גרינע אויסגעקראָכענע פּאַפּיגיי אויפן גורל־קעסטעלע פונם בלינדן קאַטאַרינטשיק און געגנייט די פּאַפּאַגיי זיך נאָכצוקרו־מען די אויסגעלערנטע געשרייען וואָס האָבן זיך דערטראָגן אַהער, פון דאָרט, פון דעם קאָכנדיקן שטאָט־רעש:

— עקסטראַ אויס — ג — אַ — ב — ע . . .

— טאַגעבל — אַ — אַ — אַ — ט —

— גרויסער זי — ע — ג —

— גע פּאַנ — געג — ע

— צוו — א — נ ציק קאַ — באַ — גען —

די פּאַפּיגיי שקראַבעט מיט אַ פיסל, האַקט זיך מיטן קרומען צע־

בראָכענעם פּיסק דעם בויך. און זי שרייט דייטלעך מיט איר שרעקיק הילצערן קול, וואָס איז ענליך צום סקריפּען פון אַ טיר. די ווייבער לאַכן, קישן די פּאַפּוגע אין קרומען שאַרפן צובראָכענעם פּיסק פאַר איר חכמה און זיי זענען מער ווי תמיד פריילעך. זיי רעדן פון זייערע זאַכן, ווי בעל הביתטעס, פון די זאָקן און קליידלעך וואָס זענען מיטאַמאָל ביליק געוואָרן, פון דער קייזערין וואָס האָט געהאַט אַ מיידל, פון די נצחונות אויף די שלאַכט-פעלדער. זיי לאַכן מיט קוויטשיקער הפקרות, וואַרפן זיך מיט די צייטיקע רויטע קאַש-טאַנעס, וואָס מ'קלייבט דאָ אויף אונטער די ביימער ביי דער זייט וועג און זיי טלומען זיך איינע די אַנדערע צו אַ פאַרבייגייענדיקן זעלנער, אַראָפּשטופּנדיק אים פון וועג, זיי ווייסן, אַז אָט דער זעלנער איז נישט קיין קונה. — קיין געלט צו באַצאָלן פאַרן גיין שלאָפן מיט אים, האָט ער נישט. אַ בעלן וואָלט ער שוין געווען אויף אומזיסט, אַזוי פאַר ליבע וועגן, אָבער פאַר ליבע זאָגן זיי ווייבער: טוט ווי. מען פאַררייסט די קעפּ אין דער הויך און מ'קוקט צו דעם עראָפּלאַן, וואָס שוועבט שוין דאָרט הויך אונטערן גרינליכן-סוף-זומער הימל, ווי אַ גרויסער בוזשיק, קלאַפּנדיק טרוקן, שרעקיק-הויך און הייזעריק אין דער לופטן איבערן קאָפּ, און ער פאַרשווינדט באַלד. אַמאָל באַווייזט זיך אויך הויך אין דער בלאָער לופטן אַ לענגלעכער באַלאָן, גלאַנצנדיק גאָלד אין דער זון, ווי אַ גרויסער גאָלדענער ציגאַר, מ'קוקט אים נאָך אַזוי לאַנג מיט פאַרריסענע קעפּ, די מיילער צעעפנט, ביז מ'זעט אים נאָך קוים, קוים, ווי אַ פּינטל אין דער הייך. ס'שיין צו זען אַזוינס, און מ'פילט טונקל דעם גאַנצן שרעק פונם אַראָפּפאַלן פון דאָרט. פריילעכער אָבער פון אַלע איז מאַקסל דער גראָבער. ער האָט ליב זיך פאַרגנבענען אונטער די פּלייצעס און צו קנייפּן די ווייבער אין ווייכן פלייש אַריין. מיט זיינע קורצע גראָבע אָננעגלדיקע פינגער טוט ער אַ פּלוצימדיקן

קניפּ און מ׳שפּרינגט אזש אונטער פון ווייטאָג. מ׳קען זיין טבע און מ׳האָט מורא צו קריגן זיך מיט אים דערפאַר. מ׳שרעקט זיך פאַר זיין גבורהדיקן קולאָק. שטענדיק אָבער זעט מען אים אונטער די פּלייצעס פון זיין ווייב. ער קאַטשעט זיך אונטער איר פּויל, שווער און ליידיק-גייעריש פאַרטראַכט. דאָס וואָס ס׳איז אַצינד נישטאָ קיין קונים און זי איז מער פרייער ווי תמיד, איז פאַר אים א יום-טוב. אַלע מאָל פאַרגנבעט ער זיך צו איר אונטערוויילעכץ. ער גיט איר אַ קניפּ דורכן אָרעם אין די ווייכע ברוסטן:

— כי כי — כי — מיצי . . . מיצי . . . די . . .

ער לאַכט אונטער, מיט זיינע קרומע בלאָ-אָנגעבלאָזענע ליפּן אונטער דער ברייטער צופּלעטשטער נאָז און ער אַנטלויפט. דאָס ווייב לויפט אים נאָך. זי שלאָגט אים לאַכנדיק, אויף קאַטאַוועס, מיטן האַנט-בייטל איבערן קאָפּ:

— דו גראָבער בער . . .

שטאָלץ אויף איר שיינקייט פרייט ער זיך מיט איר אויף זיין אייגנס. אויף זיין פאַרמעגן, וואָס זי קער צו אים, וואָס זי האָט מיט אים חתונה-געהאַט, דאָרט אין דער יידישער קהלה, אין טעמפּל, ביים ראַבינער, מיטן פיר-קאַנטיקן ספּאָדיק אויפן קאָפּ ווי ביי א גלח. דער מאַן דערנענטערט זיך און זאָגט צום ווייב:

— מיצי נאַ . . . כ׳שענק דיר אַ ציגאַרל, אַן אמתן עגיפּ׳טישן. טו א קוק. נאַדיר.

אָבער דאָס ווייב וויל נישט:

— גיי, איך דאַרף נישט דיינע ציגאַרלעך . . . — זי שטויסט אים אָב מיטן עלנבויגן. און כאָטש זי קאָן נישט ליידן זיין גראָבן אומגעלומפּערטן פּ־צוף, פילט זי זיך פונדעכטוועגן געחנפהט פון זיין געטריישאַפט, געהויבן פון זיין אונטערטעניגקייט. זי קניפּט אים, שטויסט אים, באָכעט אים מיט דער פויסט, גראַבלט אים ביט

די בעגל אָן מורא, מיט יענער פאַרבאָרגענער צופרידנקייט, וואָס מען פילט בעת מען לייגט אַריין די האַנט אין דעם געפערליכן פיסק פונם היימישן בייזן הונט, מיט וועלכן מען שפּילט זיך.

די ווייבער דאָ אונטער דער באַן-בריק פאַרגעסן גישט און רעדן אונטער:

— איך ווייס נישט ווי־אַזוי מ׳קען זיין פאַרליבט אין אַ אייגן ווייב.

חוזקט די לאַנגע שוואַרצע הערמינע, די ציגיינערין, מיט אירע רויטע קרעלן אויפן האַלז, אין גרויסע דינע אויערן-רינגען, ווי רעדער, וואָס קלאַפּן טרויעריק ביי יעדן ריר. זי פאַרדרייט דאָס מויל מיט קנאה און שרעק פאַר מאַנסבילן. ווער ווייסט צו איר חתן לעבט נאָך, צו זי וועט זיך נאָך זען אַמאָל.

— די בעסטע זאַך איז טאַקע, אַז מען האָט חתונה . . . זאָל איך אַזוי לעבן, אַבי מען האָט נאָר אַ חתן.

זיפצט די קליינע גוסטי, וואָס דורך דער רחמנותדיקער שלייף און אירע קינדיש־אונטערגעשוירענע קאָרצע האָר ארום דעם קליינעם, מוראדיק-אַלטן געלן פּנים דערמאַנט זי אַ יתומה. קיינער וויל מיט איר נישט חתונה האָבן. די חתנים נעמען צו דאָס געלט און שלאָגן מער גאָרנישט. לעבנדיק שטענדיק מיט אַ סך מאַנסבילן בענקן זיי נאָך דער חתונה, נאָך אַ איינציקן מאַן, אַ באַשיצער.

ס׳איז פריילעך אַצינד דאָ אונטער דער בריק. זעלנער מאַרשירן, פאָנען ווייען, טראָמייטערס בלאָזן, טאַצן קלינגען, פויקן ברומען. די זוניקע לופט ציטערט פון פריילעכן מוזיק-שפּיל. כסדר, אָן אויפהער פאָרן אויבן איבער דער באַן-בריק די מיליטער-צוגן, באַשריבן מיט קרייד:

„גלייך קיין פּאַריז, גלייך קיין פּעטערבורג.״

אויף די לעצטע וואַגאָנעס שטייען קאַנאָנען מיט אָפענע שוואַרצע

מיילער. די זעלנער זינגען, שטופּן זיך מיט די פּנימער צו די פּענ־
סטערלעך, לאַכן, שרייען און ווינקען מיט די היטלעך:

— האָך דער קייזער!..

די מיידלעך ווינקען באַגייסטערט נאָך מיט די טעשלעך און
שרייען:

— האָך.... האָך!.

מיצי שפּרינגט אונטער צוהיצט, וואַרפט נאָך די זעלנער קיש מיט
ביידע הענט צופליגנדיק זיי צום מויל, און זי קוויטשעט צעפּלאַמט
אויף איר דינעם מעלאָדישן קולעכל:

— נעמט מיך מיט, טייערע יינגלעך... נעמט מיך מיט אין
דער מלחמה אַריין, זיסע יינגלעך מיינע... אירע גרינליכע
קאַלאַמוטנע אויגן גלאַנצן פון זאָרג און נאַקעטער אָבגעגעבנקייט.
די זאָרג פון די מאַמעס און די אָבגעגעבנקייט פון די ווייבער צו
ליבשאַפט.

די געקרייזלטע לעקלעך אויפן אַנגעפּאַרבטן שטערן וואָס ווערט
מיט אַמאָל שיין, בלאָזן זיך ווילד, שטעלן זיך קאַפּויר, שלענגלען
זיך אַ קייגן, ווי שלענגלעך.

אין אַזאַ מינוט בלייבט מאַקסל שטיין אָבהענדיק. ער קוקט אן
זיין ווייב לאַנג און שטום פאַרווונדערט, ער באַטראַכט זי נייגעריק,
ער פאַרשטייט נישט וואָס זי האָט זיך עפּעס פּלוצים צוהוליעט. דער כעס
וועגן דעם, נעמט זיך רויטלען אויף זיין צופּלעטשטער געפּאָקטער
שוואַרצער נאָז, בלאָזט זיך דאָרט שרעקיק ווי אין אַ בלאָז־זאַק.
פוּיסטן אין די הויזן־קעשענעס ביילן זיך האַרט. נאָר אט טוט זיין
ווייב צו אים אַ שמייכל אַ פאַלשן, אַ אבגענאַרטן און ער פאַרשטייט
שוין:

— ווייסט, דו, מיצי... כ׳האָב היינט פאַרדינט צוואָנציק
קראָנען אין קאָרטן... ביים גלאַזער אין קאַפּע... נאַ,

ווילסט? . . .

זיין היקעוואטע קוים־פארשטענדלעך לשון ציטערט ווייך אָן הילף, מיט דער גאנצער שווערקייט פון דעם באַגערן אין ליבשאַפט.

דאָס ווייב נעמט צו דאָס געלט. זי טוט אים אַריין די הענט אין די קעשענעס און זי זוכט נאָך. ער שטייט און לאָזט, שטייט קליין, קיילעכדיק פול, הייבט די הויזן אויפן אומגעלומפערטן גראָבן בויך, און דאָס אָנגעבלאָזענע קרומע מויל זיינס שמייכלט, אבגעשוואַכט, ווייליק.

אויסגעליידיקט די קעשענעס, נעמט זי אַרויס זיין גראָבן מעשע־נעם זייגער, טוט אַ קוק און זאָגט פול שרעק:

— מאַקסל, מאַקסל . . . לויף גיכער . . . דו מוזט היינט גיין זיך „מסוטערן" צו די זעלנער . . . גיכער לויף, ס׳איז שוין שפעט . . .

מאַקסל אַנטלויפט. ער איילט זיך. אָנגעבויגן, יאָגט ער אַהין וווּ אַלע מאַנסבילן לויפן, אָרים און רייך שאַרן זיך ביי די מויער־ווענט אין אַ באַשטימטן געסל אַריין, וואָס דערמאַנט אין דער הייב, ווען אַלע מאַנסבילן זענען געלאָפן מיט איין וווּנג, אָנגעבויגן, איילנדיק אין באָד אַריין. און באַלד שטייט מען טאַקע ווי אין מרחץ אויס־געטון נאַקעט. פרעמדע ווייסע לייבער, איינס נעבן ס׳אַנדערע, אַלע גלייך, אָרים און רייך, נישטאָ קיין מיוחסים, מ׳דערקענט נישט.

צווישן זיי שטופט זיך מאַקסל אַ נאַקעטער, אַ גראָבער, פעט קיילעכדיק און שווער, ווי אַ פעטער חזיר באַדעקט בלויז מיטן קליינעם קאַשקעטעלע דעם געלן פעטן אָבראַזירטן גלאַנציק־קיילעכיקן קאָפ, אַ סימן, אַז ער האָט נישט קיין מורא. ער האָט עפעס אַ מים און מ׳וועט אים באַפרייען פון מיליטער. דאָס קאַשקעטעלע האָט אַ קנאָפ אויפן שפיץ און ס׳זעט אויס ווי אַ פאָקרישקע, וואָס דעקט צו אַ בעגלייסטן טאָפ. מאַקסל טענצלט אַרום צווישן די ציטערדיקע לייבער,

ער מאַכט לצנות, קנאַפּט, פּאַטשט אין ציטערדיקע קאַלטע בייכער. וואָס ס׳גרימט אין זיי די שרעק. ער גנבעט צו אַ גראָבן ציגאַר און באַהאַלט אין היטעלע, טוט אָב אַלעמען אַ שפּיצל.

אינעווייניק אויפן ברעטל ווו דער זעלנער מעסט די גרויס, און מ׳וועט אַ מת, שפּרינגט מאַקסל אונטער אָן מורא, צוקוועטשנדיק חוזקוואַטע איין אייגל, קרומלעך און ער זאָגט צו דער קאָמיסיע:

— האַבע י עה — ר — עעע . . .

די בייזע שרעקיקע גאָלדענע קאָלנערס, הייבן אויף אים נישט אויף דעם בוי[illegible]:

— טויג נישט . . .

הערט זיך אַ צופּלעטשטער בייזער ברום.

אַז מאַקסל קומט צוריק אונטער דער בריק, טרעפט ער די ווייבער זיך אַרום דרייען, געדולדיק, פריי, ליידיק, אַריין און צוריק, ווי תּמיד. דער ו[illegible]ינט בלאָזט לייכט [illegible]ן ליידיקן פּלאַץ, שטיקלעך פּאַפּיר פליען, די גאָלדענע אותיות אויף די שילדן גלאַנצן פון דער ווייטנס אין דער זון, הויך אויף די מויערן. די ווייבער לויפן מאַקסלען אַ קייגן. זיי פרייען זיך, וואָס זיי זען אים ווידער, וואָס זיי וועלן פאַר אים ווידער מורא האָבן. מאַקסל דערציילט, אַז ער וועט נישט גיין אין דער מלחמה אַריין, ער האָט פיינט זעלנער, ער קען זיי נישט ליידן.

— מעגסט נייגט האָבן צי ליב האָבן . . . אַלע מאַנסבילן מוזן איצט זיין זעלנער און גיין אין דער מלחמה אַריין . . . מ׳נעמט אַלע . . . אַלע וואָס טויגן . . . אָבער דו טויגסט נישט . . . ביזט׳אָך אַ קאַליקע . . ס׳פעלט דיר דער גראָבער פינגער און אָסט אַ גלעזערן אויג . . .

אַזוי זאָגט דאָס ווייב זיינס.

און מיט דער גלייכגילטיקער אכזריות פון די בעל הביתטעס, וואָס

טוען אַ שטאָך-אַריין צווײ פינגער דעם פיש אין די אויגן אַריין צו האַלטן אים איידער זיי צושניידן אים, מיטן מעסער, האָט איצט דאָס ווײב געטון אַ שטעק אַריין די פינגער איר מאַן מאַקסלן אין גלעזערן אויג זיינעם, אַרויסגעשלעפּט דאָס, געוויזן די ווייבער, און אים צוריק דאָס אַריינגעשטעקט אין פינסטערן אויגן־לאָך אַריין.

— ער איז אַביסל צו גראָב מאַקסל.

זאָגט די שווארצע הערמינע, אַ טאַפּ טוענדיק אים אין גראָבן אָרט. און די ווייבער שטעלן זיך ארום אים ארום, טאַפּן אים פון אלע זייטן מיט קאַלטער מבינות, ווי קצבים באַטאַפּן אַ בהמה.

אויפן פּלאַץ אונטער דער בריק קומט צו אַ נייער פּאַרשוין. דאָס איז קאַרל דער קאַוואַליר. אַ שוואַרצער אויסגעסטרויעטער פּראַנטל, אַ געוועזענער קעלנער, מיט שוואַרצע פּאַרדרייטע וואָנצעלעך, אָנגע־טון אין אַ קאָרצן ענגען אָבגעריבענעם ראָק, מיט אַ לאַנגען שפּאַלט פון אונטן, אַ פּריצישן. זיינע צוטראַסקעטע לאַק־שיך זענען שמאָל ביט לאַנגע שפּיציקע נעז. אין איין אויער זעט מען ביי אים הענ־גען אַ בלייען אויערן־רינגל. זיין לאַנגער האַלז, וואָס שטעקט אַרויס פונם הויכן קויטיקן קראַגן, איז אַביסל אויסגעקרומט און תמיד באַ־קלעבט מיט שוואַרצע פּלעסטערלעך. מיצי לויפט אים אַ קייגן. זי כאַפּט ביי אים אַרויס דאָס שטיקל ציגאַר פונם מויל און נעמט דאָס רייכערן און בעת דעם שטופּט זי איר קערפּער אויף אים און זי קוויטשעט:

— דו קאַרל . . . גייסט צו די זעלנער? נעם מיך מיט . . .

קאַרל דערציילט, אז ער גייט שוין מאָרגן „איינריקן” צו די זעל־נער, ער איז זיך געקומען געזעגענען.

מאַקסל קוקט אים אָן מיט לצנותדיקן בטול:

— וואָס, דו ביזט אויך אַ זעלנער? . . .

מאַקסל שרייט און לאַכט, ער דושעט זיך זיין פולן שפּיציק־

קיילעכיקן בויך, קאַטשעט זיך דערביי ווי אַ שיף אויף כוואַליעס. מאַקסל הייבט אים אַלע מאָל אונטער דעם בויך, האַלט אים אונטער מיטביידע הענט. ער מעסט דעם אויסגעסטראָיעטן פאַרשווינדל פון אונטן אַרויף, מיט זיין צוגעקוועטשט לעבעדיק אייגל וואָס מ׳זעט דאָס נישט אַרויס.

צווישן די צוויי לייט איז אַנ׳אייביקע שנאה. קאַרל איז אַמאָל געווען מיצים חתן און מאקסל האָט ביי אים אַוועקגענומען די כלה. און נאָך אַ שנאה איז צווישן זיי פאַרהאַנען, אַן אַלטע, אַ איינגעגעסענע: די שנאה צווישן גוי און ייד. מאקסל דרייט זיך אַרום יענעם, פאַרדעכטיק, באַטראַכט גענוי דאָס אייביקע איינגעבראָכענע גריבעלע אויף יענעמס הארטן אָבגעריבענעם גרינעם הוט, נאָך אַ גריבעלע ביי יענעם אין בלאָליכן געגאָלטן מאָרדעלע און ער לאַכט מאַקסל מיט זיין שפּעטיש-קרום געלעכטערל פאַרצויגן אויפן האַלבן איינגעפאַלענעם בלאָען מויל. אומגערעכט מיט איין האַנט, טוט ער פּלוצים אַ כאַפּ-אָן יענעם ביים וועסטל אויף דער ברוסט, הייבט אים אונטער אין דער לופטן און ער שרייט רויט פון האַס און שפּאָט:

— אָט ווייבער! . . . אָט אָט איז אַ זעלנער! . . איך שלאָג אַזוי־נע זעכצן מיט איין האַנט . . .

די ווייבער קוויטשען אַלע אינאיינעם זייערע צוקנייטשטע ראָזיק-געפאַרבטע אַלטע פּנימער, קרומען זיך צופלאַמט. זיי שטופּן זיך אין אַ געדעכט רעדל, טאַנצן אונטער, שרייען, לויפן, און ס׳איז שווער צו פאַרשטיין, צי זיי פרייען זיך, צי זיי בייזערן זיך.

קאַרל רייסט זיך אַרויס פון מאַקסלס האַנט. ער שטויבט אָב פאַוואַליע, פּריציש דעם אַרבל מיט די שפּיץ-פינגער און זאָגט:

— תמיד מוז ער מיר אויסשמירן דעם פראַק . . . דער ייד.

די אייביקע קללה: „ייד" — טוט מאַקסלען אַ ריס אין די געדערים; ער דערפילט דעם גאַנצן ווייטאָג, די בושה פון אַלע פאַרשאָל־

טענע, פון זיין גאנצער אומה:

— דו שעלסט?... — שרייט ער הייזעריק־בלאָ. — דו שעלסט?

דעם גרויסן שווערן שטומפּיקן קאָפּ אָנגעבויגן און אויסגעקרומט ווי אַ אָקס צום שטויסן, רוקט זיך מאַקסל, נאָנט צו יענעם, צוריק' שטויסנדיק אים אונטערווײַלעכץ. ער הייבט אַלעמאָל די הויזן און דאָס צוגעקוועטשטע לעבעדיקע אייגל זיינס, איז גערויטלט פון כעס, פאַרשפּינט מיט רויטע אָדערלעך, שרעקיק און ס'מעסט דעם שונא פון אונטן אַרויף, ווי אַ בליצל, אַ שאַרפּ'ס און אַ געפערליכ'ס. דאָס אַנדערע אָבער דאָס טויטע, דאָס גלעזערנע אויג, קוקט רויק און קאַלט, גלייך די גאַנצע זאַך גייט דאָס נישט אָן. מ'הערט מאַקסלס פאַרשלונגענעם ברום:

— דו... דו... דו הערסט... דו חזיר דו... איך צוטרען דיר דעם בויך... דו...

און נאָך איידער ער טוט צו וויסן זיין כונה, זעט מען שוין ווי זיין האַר' טער קולאַק טוט יענעם אַ שטילן, גיכן קונציקן קנאַק אונטער דער מאָרדע, אַז די ציין דאָרט טוען אַ קלינג. די ווייבער רייסן מאַקסלען צוריק ביים רעקל, און מיצי איז שוין נישטאָ. זי איז אַנטלאָפן. זי האָט מורא פאַרן מאַן אירן, ווען ער ווערט בייז. אין אַזאַ צייט איז פאַר איר גלייכער נישט צו זיין נאָנט נעבן אים.

— אַזוי... שלאָגט אייך כאָטש אַביסל... קיין „געסט" זענען סיי־ווי נישטאָ... זאָגט די אַלטע האָרוואַצקאַ, וואָס אין איר נאָכהענגענדיקן געלן, ווייכן געדאָפּלטן בכבודן גוידער ווי ביי אַ קצבטע, האָט זיך פון דעם שטענדיקן זיסן פאַלשן שמייכעלע אייג' געגראָבן אַ טיף, אומשולדיק קנייטשל. אָבער אין דער זעלבער רגע בעת זי רעדט נעמט זי פּלוצים אַנטלויפן אונטער דער בריק אַרונטער, הויבנדיק אירע שווערע נידריקע גראָבע פיס, ווי די קלעצער, און אַ יונגער שייגעץ מיט אַ ווייסער לאַטע אויפן אונטן וואַקלט

זיך פון שכרות און לויפט איר נאָך. דאָס איז איר זונדל אַנטאָן. די בלאָנדע טשאָפּרינע זיינע, בלאָזט זיך אויף זיין קאָרצן־בהמהשן שטערן און דער הוט איז ביי אים פון גרויס גדולה און התפעלות וואָס מען האָט אים אָבגעגעבן פּאַר אַ זעלנער, אין דער מלחמה אַריין, באַשטעקט מיט פּאַפּירענע צאַצקעס פון וועלכע ס'קוקט אַרויס פראַנץ־יאָזעפ'ס בילד, מיט די צוויי ווייסע באַקן־בערד, ווי אָנגעזייפטע. ער כאַפּט זיין מאַמען פון אונטן, ביי דער רויטער ברייטער פאָלערינע, שלעפּט זי צוריק אויפן פּלאַץ, און וואַקלנדיק זיך פון שכרות, שרייט ער הייזעריק־רוי אומפאַרשטענדלעך, קריצט קרום מיט זיינע געלע גרויסע ציין, וואָס ס'פּליסט פון זיי רציחהדיקע סלינע:

— געלט גיב מיר, דו אַלטע זונה . . . איך האָב נישט קיין צייט מער, איך מוז אַוועק גיין אין מלחמה אַריין . . . דערהרגע'נען אַלע סערבן . . . שיסן אַלע רוסן . . . געלט גיב מכשפה . . . איך לאָז דיר אַרויס די קישקעס . . .

די מאַמע פאַרקאַטשעט די קליידלעך, זוכט אין זאָק, דערנאָך זאָגט זי:

— וווּ זאָל איך נעמען געלט? אַנטאָן . . . ס'איז נישטאָ קיין „געסט״, מ'פאַרדינט נישט . . .

זי פּרובט איינגעמען דעם זון מיט גוטן. דאָס איינגעגראָבענע אומשולדיקע קנייטשל אין געלן גוידער שמייכלט צו אים מיט דעם זעלבן זיסן פאַלשן שמייכעלע ווי צו די קונים אירע:

— אַלע געסט גייען אַוועק אין מלחמה . . . נישטאָ ווו צו פאַרדינען אַ גראָשן.

דאָרט אין האָרבאַטן קויטיקן געסל, אין פינסטערן דומפּיקן שטיבל לעבן זיי אינאיינעם דער זון מיט דער מאַמען. שלאָפן אין דעם זעלבן אַלטן צעבראָכענעם פאַרוואַנצטן שמאַטיקן בעטל. און בעת די

מאַמע פֿירט אַהער אירע געסט, פּאַרקויפֿט דאָרט אין שטוב, איר חרבֿ׳ן אָנגעלאָזענעם בלאָיען גוף צו די קונים אירע, זיצט דער זון דערווייל אין ענגען פֿינסטערן קעכל און וואַרט, דערנאָך טיילן זיי זיך מיטן ריווח.

אַ סך מאָל אָבער גנבעט די אַלטע אַראָפּ פֿריער אַ חלק פֿונם געלט. זי באַהאַלט דאָס אין אַזוינע מקומות ווו דעם זון פֿאַלט נישט איין צו זוכן, דעמאָלט ווען ער איז שכור. ער ווייסט אָבער, אַז זי האָט אַ באַזונדער קניפּל די מאַמע זיינע. און ער וויל זיך אַצונד, אין זיין געהויבענער גאווה נישט לאָזן אָפּנאַרן:

— געלט גיב אַלטע זונה.

אין זיינע צעררייצטע געבליטן שטאָרעמט איצט שוין אומבאַוווסט דער צאָרן צו דער מאַמעשער טראַכט וואָס האָט אים געבראַכט אויף דער וועלט, כדי ער זאָל אומקומען פֿאַר דער צייט. זיין בלוט שרייט נאָך פֿאַרגעלטונג. זיינע גריבליכע וועלפֿישע אויגן פֿינטלען פֿאַרשווו׳ מען אין גראָער שרעקיקער רציחה. און בעת די מאַמע בייגט זיך צו געבן געלט פּאַקט זי דער זון מיט דער זשמעניע ביים גורדער און פּאַטשט מיט איין האַנט איבערן פּנים, הויכע נאַסע קנאַקנדיקע פּלעם איינס נאָך ס׳אַנדערע: געלט . . . . די ווייבער שטייען פֿון דערווייטנס, האָבן מורא זיך צו דערנענטערן. צו פֿרעמדע געשלעגן מישט מען זיך דאָ נישט. דאָס איז אַ כּלל. אַ פּאָר אָבגעשלאָסענע פֿרעמדע פֿאַרשוינען, די הענט אין די קעשענעס, די שטיקלעך ציגאַר אין די מויל־ווינקלען, קוקן מיט בינותדיקע הנאהדיקע בליקלעך, שמייכלען:

— ער הרגעט נישטקשהדיק.

מאַקסל דער גראָבער, זעט וואָס דאָ טוט זיך און זיין יידיש ישרנות דערוואַכט אין אים. מיט איין טלום רייסט ער אַוועק דעם צע׳ יושעטן זון פֿון דער מאַמען. ער וואָרנט מיט אַ פֿינגער און רעדט

צו יענעם מיט היץ, בילבעט מיט די אָנגעבלאָזענע גראָבע ליפּן אומפאַרשטענדלעך, היקעוואַטע:

— דו, דו, הערסט . . . מ׳טאָר נישט שלאָגן אַ מאַמען. — פאַרשטייסט? דו פערדישער קאָפּ . . . אַ מאַמען טאָר מען נישט שלאָגן, הערסט דו . . . איטליכן מעגסטו שלאָגן, אפילו הרגענען, פאַרשטייסט . . . נאָר נישט אַ מאַמען . . . הערסטו אַנ — טאָן . . .

3

דער געדעכטער ווייסער נעפּל, אָנגעזאַפּט מיט נאַסער קעלט, רוקט זיך עטלעכע שריט פאַרן בליק, און דורך דער פאַרהוילנקייט וואָס רינגלט אַרום, פילט מען זיך אַביסעלע אומזיכער און פאַרטרויט מיט זיך אַליין, ווי בלאָנזנדיק אין אַ וואַלד. אַלע־מאָל וואַקסט־אויס אַ לאַמטערן פאַרן בליק, און ער ווערט אונטער די פּלייצעס פאַרשלינגען פונם נעפּל. די מויער־ווענט זענען פאַרשלייערט ווי מיט גראָליכן קלעביקן רויך. ס׳שמעקט מיט קעלט און מיט נודנע אומגליק און ס׳גליסט זיך נישט מער אומצוקוקן צו דעם טויבן צוגעגעסענעם דרינזשען פון דער מיליטער־מוזיק וואָס באַגלייט צום באַן די אָפּגייענדיקע זעלנער אין מלחמה אַריין. די פאַרדרייטע ריזיקע מעשענע טראָמייטערס וואָס הענגען אויף די אַקסלען ווי גרויסע בייגל שפּיגלען זיך אין די נאַסע גלאַנציקע פאַררעגנטע שטיינער, און זיי שרייען איבער דאָס קלינגען פון די האַנט־טאַצן. דאָס ברומען פונם קעסל־פּויק וואָס ווערט געשלעפּט פון אַ קליין פערדל, איז אין נעפּל, ווייט, צוגעדושעט, ווי איינגעהילט אין וואַטע. אָנגעבוי[illegible]ן שווער וויגט זיך די מחנה זעלנער באַלאָדן מיט זעק, ביקסן און לאָפּאַטעס אויף די לענדן, די היטלען אויף די יונגע פּנימער מי[illegible] די ראָזאָווע פלעקן, זענען צו גרויס און פאַלן קינדיש איבער די אויגן. די גרויע וואָנצעס פון די אַלטע, שטעקן ארויס רחמנותדיק

פרעמד, ווי צוגעקלעפטע. ביי די זייטן גייט מיט דאָ און דאָרט אַ ווייב און אַ קינד, העלפנדיק אונטערטראָגן אַ פעקל, פריילעך פאַרגעסן, טענצלען זיי אונטער די טויבע געשרייען פון די טראָ־מייטערס, וואָס באַגלייטן זייערע מאַנען און טאַטעס צו בלוט־פאַר־גיסעניש און טויט.

די ווייבער אונטער דער באַן־בריק, דרייען זיך שוין אַרום ביז און שטום, אָבגעזונדערט איינע פון דער אַנדערער מיט וואַקסנדיקן חשק צו קריגן זיך, צו שעלטן, אַריינצוגראַבלען זיך מיט די נעגל אין די פּני־ער, רייסן שויבערס, ווילדע און ס׳איז א רחמנות צו קוקן אויף זייערע ליידנדיקע הענט, וואָס זענען בייז, בלאָ־געריטלט, נאַס און פאַרשטאַרט פון קעלט ווי ביי מאַרק־זיצערקעס, ווען זיי לייזן נישט. די בלאָטע איז דאָ, אין די געסלעך אונטער דער באַן־בריק, פעטיק און טיף־שוואַרץ, דורכגעמישט מיט שטויב פון קוילן און שטיינקיקן אייליצדיקן שמירעכץ. אַ שוואַכער קויטיקער שניי קנעט זיך אין דעם, די קעלט גליווערט אין די ביינער, בלאָזט אָן די פּנימער בלאָ אין רוי־ווייך ווי ליגגען. מאַנסבילן גייען שוין אַצינד דורך אַ סך, אָבער אנדערע, וואָס מאַכן זיך נישט וויסנדיק, זיי זענען נישט קיין קונים פאַר די ווייבער אונטער דער בריק. דאָס זענען יידן, אנטלאָפענע פון גאַליציע. די פאַרטאַלאַפּעטע גרינע לאַנגע בעקעשעס פאַטשן זיך נאַס צו די צודרייטע שטיוול. די קויטיקע בערד און פאות זענען פאַרוואָגלט אַרעם, האַרט־פאַרפלאָנטערט. זיי טראָגן צאַפלדיקע פישלעך אין די הענט אויף שבת, מאַכן מנין אונטער דער בריק אין ליידיק־געוואָרענעם שענק „צום ווילדן ג״י״ און פון זייערע ענגע קויטיקע שטיבלעך, אָנגעפולט מיט ווייבער, שמאַטעס און וואנצן, הערט מען אַ גאַנצע נאַכט די קינדער וויינען. די שיינע בעל־הביתים מיט די ביינערנע שטעקאַלעך אונטערן אָרעם, די סאַמעטענע קאַפּעליושלעך אויף די קעפּ, דרייען זיך אין גאַס

רעדלעך־ווייז, מאַכן מיט די הענט, גלעטן די בערד פון אָן די קאַפּע־הייזער, ווי שוואַרצליכע זשוקיס און האַנדלען מיט וואָס ס'מאַכט זיך נאָר אונטער דער האַנט. זייערע קאָרצע גראָבליכע פאַרפּוצטע ווייבער זעט מען גיין מיט די שיינע פעטע שוואַרצאויגיקע טעכטערלעך, וואָס די צעפּ זענען ביי זיי אויף דער פּלייצע צעפלאָכטן און אונטערגעבונדן מיט אַ מאַשל. זיי האָבן אריבערגעראַטעוועט אַהער די גדנס, וואָס וואַקסן, אַלץ גרעסער און זיי זוכן דאָ די חתנים, וואָס זענען אויך אַהער געקומען. די סטודענטלעך, וואָס זייער שרייענדיק שטלעכט פּויליש לשון גרילצט אין די אוירן, בויערן די נעז מיט די פינגער, און זיי ווילן נישט אויסטון די צעפליקטע פעטיקע אוניפאָרמס מיט די פאַרזשאַווערטע גאָלדענע פאַסיקלעך אויף די קאָלנערס, כדי מען זאָל שוין דערקענען אין זיי די שפּעטערדיקע אַדוואָקאַטלעך, וואָס פאַראומווערדיקן דעם נאָמען ייד צווישן די פעלקער פון דער ערד, מען זעט אויך דאָ די היימישע אָרעמעלייט פון די שטעטלעך, און מען שרעקט זיך מיט זיי צו באַגעגנען. זיי דרייען זיך אין זייערע צעפליקטע רעק, אויפגעהאָנגען אויף אַ אַקסל, די קויטיקע האָרעפּאַשנע בערד אונטערגעהויבן. די הויכע מויערן, דער געוואַלדיקער גרויסשטעטישער רעש, דאָס לויפן פון די טראַמס, דאָס ברילן פון די אויטאָמאָבילן, דאָס צונויפגעדריקטע יאָגן פון די מענטשן אין די גאַסן דאָס אַלץ אַרט זיי גאָרנישט, גלייך זיי וואָלטן צו דעם פון אייביק אָן געווינט געווען. זיי קוקן נייגעריק אין פרעמדע פּנימער, פאַרשטייען נישט פאַרוואָס מ'בלייבט נישט שטיין מיט זיי צו רעדן אביסל און זיי וווּנדערן זיך פּונוואַנען אַזויפיל מענטשן נעמען פּרנסה. וואוהין מ'לויפט דאָס אַזוי און וואָס מ'טוט. אין לאַנגע רייען שטייען זיי אינאיינעם מיט זייערע פאַרחשכטע ווייבער מיט די אָבגעריסענע קינדער, פאַרטרוקנטע פון הונגער צווישן די היגע אָרעמע גויעס שטופנדיק זיך ביי די

ליידיקע געוועלבלעך, וואַרטנדיק צו קויפן אַ האַלב קוקורוזע־ברייטל און בעת דעם, קוקן זיי אַריין אין צושיטן חיי־אדם׳ל אַריין, לייענען אַ מעשה. מ׳באַגעגנט פּלוצים שעיה דעם רבינס. מ׳האָט געלערנט אין איינעם מיט אים, ביי זיין טאַטן אין חדר. ער גייט מיט זיין פּאַוואָליען פאַר׳טראַכטן פוילן גענגל, די בעקעשע פאַרטאַלאַפּעט, די לאַנגע נאָז פאַרשוויצט פון סאַזשע. ער טראָגט אַ קיישל מיט פלעשער אין די הענט און מען באַמערקט מיט שרעק, אַז ער האָט שוין אַ קערצע געדעכטע שוואַרצע באָרד צוגעגעקוועטשט און פאַרפּאַפּט אונטערן קויטיטן האַלז. מ׳אַנטלויפט אָבער ער יאָגט נאָך און כאַפּט:

— דו ביסט אויך דאָ?

— זע נאָר שעיה?

— כ׳האָב געהערט, אַז דו האָסט חתונה געהאַט?

— און דו?

— עך האָב שוין דריי מיידלעך, זאָלן מיר זיין געזונט און שטאַרק.

— דו נעמסט אויך שמיצונג?

— עך נעם.

— עך גיי אַצינד נאָך ג׳י׳ן.

אַז מאַקסל דער גראָבער זעט די יידן דאָ, קוקט ער אויף זיי מיט שרעק און דרך־ארץ. ער מיינט, אַז אַלע אין די בעקעשעס, זענען הייליקע און אָרעמע לייט, וואָס גייען איבער די הייזער בעטן אַ נדבה און ער שעמט זיך מיט זיי, מיט די פליכטלינגע. ער פאַר׳שטייט נישט זייער ברייטן לשון, און אַז ער זעט אין מיטן געסל שטיין אַ שוואַרץ קופּקעלע יידן, וואָס רעדן שרייענדיק און מאַכן מיט די הענט, מיינט ער, אַז דאָס רעדן זיי אַזוי מיט דעם פאָרכ׳טיקן יידישן גאָט אין הימל. זיין גאָט פון דער קהלה, ווו מ׳נעמט מצות אויף פסח, מ׳האָט חתונה און מ׳שטאַרבט. און ער פילט אויף זיך לאַסטן, די שווערע ירושה וואָס ער האָט געירשנט מיט זיי

אינאיינעם. אַמאָל באַפאַלט אים שטאַרק דער רחמנות צו זיי. ער קוקט אַלע מאָל בייגעריקער, צוואַרעמט פון רירונג, פאַרטראַכט, דאָס געקעס לטע קאשקעטעלע אָנגערוקט אויפן שטערן, קייעט דאָס גראָבע שטיקל ציגאַר אין מויל-ווינקל, און ער לויפט אונטער צו אַ יידן אין אַ שוואַרק-צעפליקטער בעקעשע, מיט אַ אונטערגעבונדע' נער באָרד און ער שטופט שוין עפעס יענעם בסתר אין דער האַנט אַריין:

— נאַ . . . אָט האָט איר . . . אַ שטיקל ברויט און פינף הע' לער . . .כ'זאָל האָבן, וואָלט איך אייך מער געגעבן . . . כ'האָב נישט . . . כ'בין אַליין אַן אָרעמאַן . . .

דער ייד וואָס האָט אין דער היים איבערגעלאָזט אַ קראָם מיט פיר הייזער, און וואָס האָט אַהער אין עפעס אַריבערגעבראַכט, טוט קודם אַ ציטער פון שרעק און ענטפערט נישט, מאַכט זיך נישט וויסנדיק און גייט ווייטער. גאַנץ ווייט שוין, טוט ער אַ שפיי:

— טפו . . .

די שוואַרץ-געלע פאָנען וואָס שטעקן אין די דאַך-פענסטערלעך זענען שוין אָבגעבליאַקעוועט. צעפליקט און פארוויקלט אַרום די שטעקענעס. מ'גלויבט נישט אין די נצחונות און דער הונגער שטאַרקט זיך. די אַלטע האָרוואַצקאַ גייט אַלעמאָל אַוועק פונם פלאַץ, אונטער דער בריק, אַהיים. זי שטייט אויף דער שוועל פונם הויז-טויר און זי קוקט אַריבער איבערן וועג צווישן די ביימלעך אין באָנטן גאָרטן-שענק אַריין ווו מ'עסט ביי די טישלעך. זי האַלט די הענט אויפן ליידיקן גרימיקן בויך און זי קוקט פון ביידע זייטן וועג ווי ס'רייכערן זיך קיצלענדיק די געלע פעטע געבראָטענע פליישן. אויף איר איינגעפאַלענעם חורבן גוידער ליגט איצט שוין צולייגט די גאַנצע פיין פונם הונגער. זיי פאַרדינען נישט אַצונד די ווייבער אונטער דער בריק, גאָר נישט. זעלטן גאָר, טוט מאַקסלס ווייב אַ

זיסן ווינק מיט אַ האַלב אונטערגעפּאַרבט אויג, צו אַ אָבגעחלומטן עלטערן פּאַרשוין אין אַ אויסגעקראָכענעם פּעלצל:

— אוצר זיסער . . .

— גייסט מיט קליינער . . .

— קום . . .

דער קונה טוט זיך אַ שטומען צעשראָקענעם צאַפּל ווי אַ פּיש, ווען מען פּאַרטשעפּעט אים אויף דער ווענטקע. מיצי גייט פּאָרויס, די ברייטע ראַנדן פון איר נאַסן הוט הוידען זיך און טריפן אַראָב רעגנטראָפּנס, און דער פּאַרשוין, איינגעהויקערט, באַהאַלטן דעם קאָפּ אונטערן אויפגעשפּאַנטן רעגן־שירם, מ'זאָל אים נישט זען, שלייכט נאָך אומזעכער גלייך ער וואָלט געגאַנגען אויף אַ שמאָל שוואַך בריקל איבער א טיפן גרוב.

פון דער אַנדערער זייט וועג גייט מאקסל, איינגעצויגן דעם קאַרק אין אויפגעשטעלטן קעלנערל, די הענט אין די הויזן־קעשענעס, דאָס קאַשקעטעלע פּאַרוקט אויף אנ'אויער און אונטערשטופּנדי'ק דעם געפּירטן מיט זיין ווילן, קוקט ער זיך אום אַלע מאָל, צי יענער האָט נישט חרטה . . . אויפן וועג טרעט ער אָב אין שענק און טראָגט פון דאָרט אַרויס בגנבה אַ פּלעשל בראָנפן אין קעשענע.

אַריינקומענדיק צו זיך אין שטוב, שטעלט זיך מאַקסל מיטן פּנים צום ווינקל און טוט אַ לאַנגען זיפּ פונם פּלעשל. דערנאָך איז ער מכבד זיין שוויגער, די אַלטע פרוי ראָזנרויך, מיציס מוטער, וואָס זיצט כסדר, שטום, ביים פענסטער פּאַרזונקען אין צעפּליקטן אויס־געבעטן שטיל וואָס ס'קריכן אַרויס פון אים די געלע צופליקטע פלאַקסענע געדערים. די האַרטע, שיטערע, גרויע, האָר הענגען צעשויבערט איבער דער אַלטעס מוראדיק־שפּיציקער פּאַרבויגענער נאָז, וואָס בייגט זיך איבער דער טרוקענער פּאַרבויגענער שפּיצי־קער מאָרדעלע. צוגעקלעבט, אין ווינקל פון דער שויב, זעט אויס

דאָס דאָזיקע צוקאָרטשעטע פּנים ווי אַ גרויסע שרעקיקע שפּין, פּאַרוויקלט אין שפּינוועבס, די געלײמטע געשוואָלענע פיס אירע זענען אײנגעפּאַקט אין וואַרעמע גראָבע וואָלענע שמאַטעס. זי זיצט כסדר בײם פענסטער און זי לײענט אין צושיטן, מיט פּאַפּיר פּאַר־קלעבטן ראַזעוועז טײטש־חומש, מורמלענדיק מיט די שמאָלע טויטע בלאָע ליפּן:

— „און דער בעקן האָט געזאָגן זשיבציג שקלים, דאָס איז אַ קעגן די זשיבציג אומות, וואָש זשענען אַרויסגעקומען פון נח.“ —

— נאָ, אַלטע, מאַך אַ שנאַפּסל... נאָר דערציײל נ ש מיצין...

זי האָט אַ „גאַסט“ איצט אין קאַבינעט. הערסט אַלטע, אַז נישט דערוואַרג איך דיך...

וואָרנט זי מאַקסל מיט אַ פינגער און ער דערלאַנגט איר דאָס פלעשל. די אַלטע טוט אַ גיכן טרונק, פונם פלעשל און זיווישט זיך דאָס אײנגעפאַלענע לײדיקע מויל מיט אַ איבערגעקערט שאַרף אײנגעדאַרט הענטל, וואָס זעט אויס ווי אַ פיסל פון אַ ראַק.

— וואָס טויג מיר דער בראָנפן.

זאָגט זי אין פּראָסט ײדישן לשון.

— זאָלסט זיך בעסער געווען „אײנשטעלן“ און אהײם ברענגען אַ פונט צוקער... אַז אַ ײד זאָל נאָר ליב האָבן צו שכורן... אַ גאַנצן טאָג נאָר ער שכורט בראָנפן...

— צוקער... צוקער... וואָס טויג מיר צוקער, אַז דו פר׳ס אים אויף אַלטע... מײנסט אַז מען קריגט הײנט אַזוי לײכט צו־קער?... ב — י — י —

מאַקסל קרומט זיך נאָך דער אַלטער, אײנציעענדיק דאָס מויל זײנס, נאָכמאַכנדיק אַ מכשפה.

— ווער, עך? עך עס אויף דײן צוקער? כ׳זאָל אַזוי אָבגעווישן ווערן פון שפּיטאָל, טאַ — ט — ע געט — רײ — ער.

שווערט די אַלטע מיט דער שבועה פון די זוגות

פונם בראָנפן ווערט מאַקסל אַביסל לעבעדיק און פאַרטראַכט. אין דער דומפּיקער, אָרעמער, טונקלער שטוב, אָנגעשטעלט מיט אָב'געקראָכענע אַלטע שאַפעס און בעטן, איז פאַר אים ענג זיך אַרומ'צודרייען אַהין און צוריק. ער שטופּט זיך, ייִעכדיקן בויך פאָרויס און ער פייפט צו מיטן מויל, הויך און שאַרף די מעלאָדיען וואָס' הערן זיך דורכן פענסטער פון די קאַטאַרינקעס אין דרויסן.

זי ווייַנט שוין, די אַלטע דאָ, אין די פאָרשטאָדט-געסלעך אין ווין זעקס און פופציק יאָר. און אַז זי קריכט אין דער פרי, אָנ'געלענט אויפן שטעקן, מיטן קײשל אייַנקויפן, ווערט זי נאָך אַלץ פאַרבלאָנזשעט, זי קען נאָך אַלץ נישט טרעפן אַהיים און זי מוז אַ פרעג טון:

— איך בעטע אייַך, וווּ איז דאָ די שניידערשטראַסע?

פון איר פאַרטוך פילט זיך נאָך דער שלעכטער ריח פון די נעצנ'דיקע קליינע קינדער וואָס זי האָט באַגראָבן צוריק מיט אַ סך יאָרן, נאָך אײנאײנעם מיטן מאַן אירן, וואָס איז אַרומגעגאַנגען אין די ווײ'טע שיינע גאַסן מיטן ליידיקן זעקל אויף דעם קרומען אַקסל, אין קאָרצן אָרעמען רעקל, געקוקט זשעדנע צו די רייכע שטומע ש'גלאַ'דיקע פענסטער וואָס עס קוקט פון זיי שטענדיק אַרויס דאָס פּנים פון אַ פרוי מיט אַ קעפּל פון אַ הונטל נעבן זיך און געצויגן היי'זעריק ווי פון אַ טראָמייטער אַרויס, האָט ער געשריגן דעם איי'ביקן פזמון קרומענדיק דאָס האָריקע גראָבליכע מויל אונטער דער לאַנגער האָרבאַטער נאָז:

— האַנדעל — ע — ע — ע.

— האַ — נ — ד — על — ע — ע — ע.

אָבער קיין פּרנסה איז נישט געווען פון די געהאַנדלטע שמאַטעס און שקראַבעס. און שפּעטער, אַז ער איז געלעמט געוואָרן אויף

ביידע זייטן, איז ער שוין געזעסן ציפּנדיק מיט אַ פינגער די אויס־ געקראָכענע וואָנציע, אונטער דער בריק איינגעפּאַקט אין אויסגע־ בעטן פאַרזשאַווערטן שטיל אויף רעדלעך, און ער האָט פאַרקויפט שוועבעלעך. די אויגן זיינע, זעבעך געוועזן דעמולט געל גרויס און חייך, ווי געלעכלעך פון צוגעפּוילטע אייער. אונטערגעשטופּט דעם שטיל האָט מאַקסל דער גראַבער, וואָס האָט זיך אייביק דאָ אַרומ־ געדרייט אין „פראַטער" מיטן קאַשקעטעלע אויף איין אויג, די הענט אין די קעשענעס. און אַזוי ווי מאַקסל איז אויך געווען אַ ייד, האָט די אַלטע זיך מיט אים, נאָכן מאַנס טויט, משדך געווען. ער האָט חתונה געהאַט מיט איר טאָכטער מיט מיצ'ין, כדת משה וישראל אין טעמפּל. זי האָט נישט געוואָלט אַנדערש, מיצי נאָר אין טעמפּל חתונה האָבן. זי האָט געוווסט אַז אַ אַנדערע חתונה איז נישט גילט־ טיק — זי איז געשטאַנען אויסגעפּוצט אין אַ ווייסן קליידל מיט רויזן אויף דער ברוסט, ווייס אָפּגעפּודערט דאָס עיינע נעזל און־ טער דער רויטער אָפּגעריסענער חופּה מיט מאַקסלען, וואָס האָט זיך געליגן ערגעץ אַ צילינדער מיט אַ פראַק און אין לאַץ איז ביי אים געווען איינגעשטעקט אַ בינטל ווייסע בלימלעך. דער ראַביער מיט זיין פיר־שפּיציקן ספּאָדיק אויפן קאָפּ ווי אַ גלח, מיטן שמאָלן טליתל אויפן האַלז, האָט אויפגעהויבן די הענט איבער זייערע קעפּ, געהאַלטן זיי דאָרט צושפּרייט ווי פליגלען און געדרשנט אַ רעדע פייערליך-צוגאָרגלט טרעסנדיק דאָס שאַרפע געשווירענע בערדל, אַז זיין זאָלן זיי פאַרבונדן איבערן גאַנצן לעבן, צו אַ גליקלעך פאַר־ פאָלק, געטריי איינס דאָס אַנדערע אין פרייד און אין לייד מיט גליק אונד זעגען און אויסגעלאָזט האָט ער אַביסל העכער:

— אָ, וואַנדלט גליקלעך אונד געשלאָסן אַרעם-אין-אַרעם איבערן זייטן לעבענס-וועג אָבגעשיט מיט בלומען אונד ראָזן, מאַאַזעל טאָאָב...

מאַאַזעל-טאָאָב . . .

אַז מאַקסל האָט זיך אַרויסגעדרייט פֿונם טעמפּל, האָט תיכף אַ רייכער חתן אין פֿראַק, מיט אַ גאָלדענעם צוויקער אויף דער גרויסער לאַנגער נאָז, אַ טאַפּ געטון זיך דערשראָקן בײַ דער זייט און ער איז געוואָר געוואָרן אַז ס'פֿעלט אים דער גאָלדענער מהונה-זייגער פֿון דער ווייסער וועסטל-קעשענע, עמיצער האָט אים נאָר וואָס אין טעמפּל, בײַ אים אַרויסגעגנבעט. און אַזוי ווי ס'איז פֿונם טעמפּל נאָנט צו דער פּאָליצײַ-אינשפּעקציע, איז מיצי געגאַנגען אין איין וועגס שוין צו איר וויזיט, ווו די גאַסן-מיידלעך און ווײַבער שטופּן זיך שוין און וואַרטן בײַ דער טיר פֿונם דאָקטאָר. מיט האַרצקלאַפּעניש וואַרטן זיי אין פֿינסטערן פּאָרצימערל ביז דער אויסגעגלייכטער בייזער דאָקטאָר, זיין גזלנישן ווייסן כאַלאַט צוקנעפּלט עפֿנט די טיר און לאָזט אַריין איינציקווייז. גיך, טוט מען זיך אַליין אַ צעלייג אויפֿן קאַלטן דאָקטאָרישן, לעדערנעם אָפּעראַציעשטיל וואָס זיין שטאָלערנע מעכאַניק קען זיך אויסציען און פֿאַרקלענערן לויט ווי מען באַדאַרף. וויפֿל מען זאָל נישט פֿאַרקאַטשען די קליידלעך ביז איבערן אייבערשטן האַלבן גוף אַריבער איז דעם דאָקטאָר נאָך אַלץ צו ווייניק. ער האַלט צו דעם גאָלדענעם צוויקער אויף דער בלאָער נאָז, מיט צוויי פֿינגער און ער בייזערט זיך:

— נאָך, נאָך אַרויפֿשאַרן נישט געזשאַלעוועט.

דעם ווייסליכן נאַקעטן בויך אונטערגעהויבן צו דער שוואַרצליכער סטעליע, די גראָבע ווייסע פֿיס צושפּרייט ליגט מען און מ'וואַרט, לאַנג-לאַנג ביז דער דאָקטאָר נעמט בוירען דאָרט, אין גוף, מיט זיינע שפּיציקע שטאָלערנע אינסטרומענטן און גלעזלעך. ער פֿאַרקוועטשט אַן אויג און לייכט אַריין מ'טן עלעקטרישן לעמפּל אין דער ווייטוענדיקער טיפֿעניש אַריין, זוכט און בוירט דאָרט זייער לאַנג. פֿון דאַנען גייען די ווײַבער אָדער אַהיים, אָדער אין פֿינסטערן קעמערל אַריין, פֿונוואַנען דער גרינער פֿאַרשלאָסענער פּאָליצײַ-וואָגן מיט דעם

פארגראַטעטן פענסטערל פירט אָב גלייך און שפּיטאָל אריין, ווו די יסורים אויפן בעטל הויבן זיך ערשט אָן אויף דאָס ניי. צו-שפּילן זיך אין צעפוילטע וויטאָגן שרעקיקע ביילן, וואָס מען בויערט זיי מיט גליענדיקע דראָטן, מיט גלאַנציקע, דינע, שאַרפע שפּריצערס, מ'צוויקט די פוילנדיקע מכות מיט צוואַנגלעך.

4

מוואָלט קיינמאָל נישט געקאָנט וויסן וויפיל אכזריות און שלעכ' טיקייט, ס'קען זיך דערוועקן אין די קליינע בעל הביתישע נשמות, פון די לערערס, בוכהאַלטערס, אַפּטייקערס, די אַלע אויעגעסטראָ' יעטע אָפּיצירלעך און עלטסטע, וואָס האָבן באַקומען די ממשלה איבער די פּראָסטע זעלנער, די האָריפּאַשנע מענשן מיט די ברייטע פארהאָרעוועטע הענט און שווערע אומגעלומפּערטע שיך, באַשלאָגן מיט גרויסע צוועקעס. די בלאַנקע מעשענע קנעפּ אויף די אוניפאָ' רעמס פון די אָפּיצירן האָבן געפינקלט מיט בייזהאפטיקער גאוה. די גאָלדענע שטערן אויף זייערע קאָלנערס, האָבן פינסטער געדאַרשט צו נקמה און בלוט צו קוויילעניש און טויט.

פאר נישטגעהעריקן באַגריסן זיי, שטיין-בלייבן ווי א שטיק אייזן, די האַנט ביים דאַשעק און זאָגן אין איין אָטעם דעם לויב-שפּרוך, וואָס ס'איז געלעגן אין דעם די גאַנצע אומווערדיקייט פון די מענשן, האָבן זיי געשטאָכן מיט די שווערדן אין בייכער אויף די טרעפּלעך פונם טראַם, אין די טירן פון די קאַפעס.

א שווערע געריצטע שנאה האָט פלוצים, ווי א רויך-וואָלקן ארומגעכאַפּט די מענטשן. א ברודער האָט געקוילעט זיין שוועסטער צוליב א שלעכט וואָרט. אַ מאַמע האָט צוהאַקט איר מיידעלע מיט א האַק, ווייל יענע האָט איר אקייגן גערעדט.

אויף די אויסגעטרעטענע הייסע קרומליכע שטיינער אין מיטן

וועג, איז אַ פערד געפאַלן אונטער דער לאַסט פון דעם שווערן װאָגן באַלאָדן מיט פרישע נאַסע, אָבגעשינדענע פעלן. דער בעל־עגלה צופלאַמט אין צאָרן, דאָס צופליקטע זעלנערישע רעקל צוכראַסטעט, שלאָגט מיטן בייטש־שטעקן דעם ליגנדיקן פערד איבער די אויגן, שטופּט אים דעם שטעקן אין די נאָזלעכער אַריין, רייסט מיט אַלע כּחות דעם עק אין דער הייך. דאָס צושינדענע פערד, פּרובט אַלע מאָל, זיך אויפשטעלן, רייסנדיק מיט די פּאַדקאָוועס די שטיינער, אָבער ס׳פאַלט באַלד ווידער אַנידער, שווער און שטום־ליידנדיק פליגן שטעלן זיך אים אין די צואַייטערטע ווינקלען פון די גרויסע, שטומע צעווייטאָגטע אויגן. די קוקערס העלפן שרייען, קאָפּען דאָס פערד מיט די שטיוול אין בויך אַריין. ביי די צערייצטע ווייבער פלאַמען די אויגן, זיי שרייען:

— פון אונטן, מיטן בייטש פון אונטן, צווישן די פיס, אָט דאָרטן, אַזוי . . .

שטום און מיד שרפהנען די שטיינער פון די מויערן. די בלעטלעך אויף די אָבגעברענטע ביימער, ביים זייט וועג, זענען פאַרדאַרט, שטויביק־טרוקן, אָנגעבויגן, שוואַרץ די ב־עגעס צונויפגעדרייט.

פונם גרינליכן הימל גליט אַראָב ברענענדיקע טרוקענע זון. די פּנימער זענען אויסגעצערט. די באַקן־ביינער שטעקן אַרויס שפּיציק און שאַרף ווי העק. ס׳איז נישטאָ וואָס צו טון אין דרויסן, אין דער ליידיקער זוניקייט. אין די שענקן איז נישטאָ קיין שום משקאות צו באַקומען חוץ וואַסער. די געוועלבלעך, וואָס די פאַרחושכטע אויסגעצערטע ווייבער מיט די טרוקענע פאַרהונגערטע נעז באַלאַגערן, שטופּן זיך אין לאַנגע רייען נעבן די טירן, זענען ליידיק. בלויז קאַלעך־בערשטלעך און פאַפּיר־בלומען ליגן אויף די ליידיקע פּאָליצעס. עפּעס אַ שטיקל פאַרדעכטיקער רויטער קעז, וואָס זעט אויס ווי אַ פאַרשימלטער ציגל ליגט אין שויפענסטער. די ווייבער ווייסן אַז

ס׳איז נישטאָ וואָס צו פאַרקויפן. זיי קומען אָבער בלויז אַהער כדי צו רעדן אַביסל, צו טראָגן פּלאָטקעס.

מאַקסל זיצט אין שטוב. ער רעדט פון די מלחמות, פון די שלאַכטן. מ׳דאַרף נישט קיין מלחמות, זאָגט ער, אונזערע וועלן האָבן אַ מפּלה, דאָס איז שוין זיכער. ער האָט געליינט אין דער צייטונג, אַז די ענגלענדער ווילן אונז אויסהונגערן. ס׳איז נישטאָ קיין ברויט . . . ס׳איז נישטאָ וואָס צו עסן . . . מאַקסל רעדט מיט זיין גיכן, דראָבנעם אומפאַרשטענדלעכן היקעוואַטן לשון אָבער די אַלטע ביים פענסטער הערט אים נישט. זי זיצט איינגעוויקלט אין די וואָלענע שמאַטעס, דער גרויער פאַרפּלאָנטערטער איינגע׳דאַרטער קאָפּ ווי אַ שפּין, שאָקלט זיך פאַזאָליע און זי ליינט אין טייטש־חומש:

— „דר בחיי שראַבט, דר שטן איז געקומען און האָט דעם טאָג גע־בראַכט פינסטערגיש אויף דר וועלט . . . און זשיי האָבן געמאַכט דש עגל דעם זשעכצנטן טאָג נאָך האַלבן טאָג אויף דר פרי פאַן דם זשיבצנטן טאָג״ . . .

די אַלטע ווישט דאָס איינגעפאַלענע שמאָלע מויל מיט די קנע־כערנע ציטערנדיקע פינגער אירע, טויטע פאַרטרוקנטע. אירע הינע־רישע אייגלעך, טוען זיך אַ שטעל אָן אויפן טונקלען דרויסן וואָס גליווערט דורכן פענסטער און זי רופט:

— מאַקס, מאַקס . . . ווער זענען די! קום נאָר אַהער מאַקס.

דורכן פענסטער זעט זיך אין גאַס פאַוואָליע פאַרבייגיין אַ שיטע־רע מחנה פרעמדע מענשן מיט ברייטע פרעמדע שווערע שטיוול. די לאַנגע צעפּליקטע, גראָבע מאַנטלען זענען ביי זיי אויפגעהאָנגען אויף די אַקסלען און די ברעגעס שלעפּן זיך נאָך אויפן וועג:

— ווער זענען דאָס מאַקס?

— רוסן, דאָס זענען רוסן, געפאַנגענע, וואָס אונזערע האָבן גע־

כאַפּט, געפאַנגען דאָרט אויף די שלאַכט-פעלדער.

זאָגט מאַקסל.

— פאַרוואָס האָט מען זיי געכאַפּט?

— פאַרוואָס . . . פאַרוואָס . . . ווייל ס'איז אַ מלחמה, אַלטע, . . . ווייסט נישט? גאָרנישט ווייסט זי, אַבי זי זיצט אַ גאַנצן טאָג ביים פענסטער . . . עה, אַלטע, וואָלט איך דיר כח געהאַט צו דערלאַנגען איינס . . . נישט מער ווי איינס . . .

מאַקסל שטעלט אָן דעם קולאַק זיינעם דער אַלטער גלייך אין פּנים אַריין. ס'פאַרדריסט אים וואָס די אַלטע ווייסט נישט. דאָ קערט זיך איבער אַ וועלט און זי ווייסט גאָר נישט.

— אַבי זי זיצט אַ גאַנצן טאָג ביים פענסטער די געלעמטע.

— זיצן זאָלט איר שוין אין געהאַקטע ווונדן אַלע אין איינעם, טאַטע געטרייער.

טוט זי אַ שעלט מיטן געצויגענעם ווייבערישן תחינה-נגון.

— נאַ דיר גאָר מלחמות . . . ווער דאַרף עפּעס מלחמות . . . טאָסטו דיר אַ מלחמה גאָר פּלוצים . . . אַ צייט אַביסל, אַ שיינע צייט . . . אַזאַ יקרות . . .

ביי דער אַלטער האָט זיך דאָס לעבן איינגעטיילט אין צוויי צייטן. אַ גוטע צייט ווען מ'פאַרדינט, און אַ שלעכטע צייט ווען מ'פאַרדינט נישט. אַצינד האָט זי געפילט, איז אַ שלעכטע צייט, מ'פאַרדינט נישט. ס'איז שטיל אין שטוב. ס'שמעקט דאָ מיט אָרימקייט, הונגער און טויט-פוילעניש. די שוואַרצליכע, נידריקע, סטעליע בייגט זיך שווער און בויכיק איבער די קעפּ. לאַנגע שוואַרצליכע פעדים שפּינוועבס הענגען אַראָב אין די פינסטערע ווינקלען. די דומפּיקע טונקלקייט קילט געדעכט, זויערליך און שטום. נאָר אָט קומט אַריין מיצי פונם פאַרמאַכטן באַזונדערן שטיבל ווו זי האָט אָבגעפּאַרטיגט אַ „גאַסט” און אין שטוב דאָ ווערט אַביסל היימלעכער און ליכטי

קער. זי איז האלב-נאַקעט, קיילעכדיק-גראָב אויסגעפּולט אין אירע שוואַרצע הייזלעך און זי הוידעט זיך אויף אירע גראָבליכע פיס וואָס שטעקן אין לאַנגע דורכזיכטיקע זאָקן. די קנאַפּל פון אירע שיך זענען הויך און שמאָל און זי זעט אויס ווי אַ קליין יינגל. זי פּודערט גיך, גיך, דאָס צוקנייטשטע ליכטיק-ראָזע פּנים פאַרן געשפּאָלטענעם שפּיגל מיט די גרויע פלעקן און זי רייכערט דערביי אַ ציגאַרל לאָזנדיק דעם רויך ווילקענעוודיק אין צוויי גלייכע וואָלקנדלעך דורכן ווייסן נעזל.

— ווו האָסטו גענומען ציגאַרלעך?

פרעגט מאַקסל זיך צושאַרנדיק צו איר צושמייכלט פינטלדיק גליסטיק מיטן פאַרקוועטשטן אייגל.

— דער „הער” האָט מיר געשענקט. אַנ'אמת „עגיפּטישן” ציגאַרל. זאָגט דאָס ווייב.

מאַקסל רוקט זיך נענטער: ער האָט שטאַרק ליב דעם ריח פון איר געפּודערט פּנים, און וואָס מער ער באַטראַכט זי וואַקסט גרעסער זיין חשק צו איר. ער פּרובט באַדעכטיק הינטנאַרום, מיט די הענט אַרומנעמען איר אונטער-חלוק, אָבער זי שטופּט אים ווי'ק די הענט. דערנאָך טוט ער זי פּעסט אַ כאַפּ-אָן ביים האַלז און ער בעט זיך שוין בייז-צערייצט מיט זיין היקעוואַטע גיכן אומפאַרשטענדלעכן לשון:

— מיצי . . . דו . . . קום . . . איך בעט דיך . . . קום מיט מיר אין קאַבינעט אַריין.

אָבער דאָס ווייב וויל נישט. זי שלאָגט אים מיט דער פויסט אין פּנים אַריין, רייסט זיך אַרויס פון זיינע אייזערנע הענט.

— וויל איך נישט . . . אַז כ'האָב איינמאָל געזאָגט ניין, איז ניין . . .

— וואָס הייסט דו ווילסט נישט? . . ביזטאָך מיין ווייב . . .

האָסט געשווירן אין דער „קולטוסגעמיינדע״. דו מוזט . . .

— האָב איך געשווירן און אַז כ׳וויל נישט . . . טאַקע ווייל כ׳האָב געשווירן, וויל איך נישט, דוקא . . .

— ווייסטו־וואָס ? — שרייט מאַקסל צעפלאַמט — כ׳באַצאָל ! . . כ׳באַצאָל דיר, ווי אַ גאַסט . . . אַ פרעמדער גאַסט . . . נאַ ! אָט האָסטו צוויי קראָנען . . . ביטע זער, אַז נישט גיי איך צו דער האָרוואַצקאַ . . . לאָז זי פּאַרדינען . . .

— גיי . . .

— זעסט אַלטע ! — לויפט מאַקסל צו צום פענסטער — זעסט ! איך וויל איינשפּאָרן צוויי קראָנען און זי וויל נישט . .

ער סאָפּעט ווי אַ האַלצהעקער און די צופּלעטשטע נאָז איז ביי אים ווייס און ווייך אָנגעבלאָזן ווי פון טייג. די גאַנצע וועלט רחמנות ליגט אויף איר צוליינט.

— אַ גאַנצן טאָג נאָר זיי קריגן זיך. געדזין זיך ווי די הינט . . . די האָרוואַצקאַ האָט אַ פולע שטוב מיט „געסט״ און דאָ קריגט מען זיך . . . אַ גאַנצן טאָג . . .

די אַלטע קרעכצט ביים פענסטער, שטיל און גיפטיק. איר פינסטער בליקל שפּיזט פון דער זייט צום פּאָר פאַלק.

דער טאָכטערס אויגן טוען זיך אַ צינד אָן ווי אַ שוועבאַלע:

— נו ביזט קראַנק צו האָבן געסט ! די געלעמטע זונה . . . אַלטע מכשפה.

קוויטשענדיק, טוט זי זיך אַ שטעל די הענט אונטערגעשפּאַרט ביי די זייטן דער אַלטער פונקט אַ קייגן פּנים. זי שאָקלט דעם קאָפּ אין וואַקסנדיקער שנאה, דער שטערן ציט זיך אויס און ווערט נאָך ווייסער:

— ביזט קראַנק ? טו דיך אָן און גיי אויפן „שטרוך״ . . . דו „פּאָלישע״ דו . . . ביזטאָך אָבער געלעמט ! ווּעסטאָך אָבער באַלד

קראַפּירן, אַלטע מכשפה, פּוילן זאָלסטו אין שפּיטאָל. שאַרן זאָל מען פון דיר די ווערעם.

די אַלטע רעדט שטיל, רויק. דאָס איינגעפאַלענע מויל פאַרצויגן מיט אַ פאַרביסן שמייכעלע:

— ווער? עכ'ל קראַפּירן? עך? ווע̇לן מיר זען: ווער ווער ס'וועט פריער קראַפּירן, עך צי דו . . . רע̇דע, רעדע, וועסט נאָך זיין מיין כפּרה, ביש־קשה, מ'טעך נאָך אַרויסטראָגן פון דער שטוב . . . מיינע אויגן וועלן נאָך זען . . . טו נאָר אַ קוק, די פּוילסטאָך שוין, זי רעדט נאָך . . .

דער מאַמעס איינגעטרוקענער צושויבערטער קאָפּ, שאָקלט זיך פון זיך אַליין, ווי דער קאָפּ פון אַ סטראַשידלע אין ווינט אַריין.

בעת די מאַמע מיט דער טאָכטער קריגן זיך שטייט מאַקסל אַ איבריקער, אַ פאַרגעסענער; ער קראַצט מיט אַ פינגער אין גלאַטן פעטן קאָפּ. ער פילט אַז ס'איז אים נישט גוט. אַז ער וואָלט כח געהאַט ביידע ווייבער דאָ צו דערהרגענען און צו אַנטלויפן אין עק וועלט אַריין.

דערנאָך דערמאַנט ער זיך עפּעס, כאַפּט זיין קאַשקעטל אין לויפט אַרויף די סקריפּנדיקע אויסגעטרעטן־בלאָטיקע טרעפּ, צו דער שכנטע זייערער, צו דער האָרוואַצקאַ. ער קלאַפּט דאָרט אין דער פאַרמאַכטער טיר, שרייט אַז דאָס איז ער, מאַקסל דער גראָבער, אָבער די האָרוואַצקאַ לאָזט אים נישט אַריין. זי האָט איצט אַ „גאַסט". ביי דעם שרעקיק־קויטיקן געדיכט־פאַרהאָנגענעם איינציקן פענסטער שימערט אין דער האַלב־טונקלקייט אַ פלעשל מיט עפּעס אַ בלאָער קלעביקער פליסיגקייט, וואָס ס'שטייט נעבן אַ וואַש־שיסל אויפן בענקל.

אָנגעבויגן, די שאַרף־שפּיציקע נאָז, שאַרף אַרויסגעשטעקט פון זיין שפּיציק האָרבאַטער הויכער ברוסט, שטייט דער „גאַסט" אין

מיט שטויב שטום, בייז, און שווייגנדיק, ווי יענער פרעמדער שרעקי־קער רויב־פויגל וואָס מ׳זעט שטיין, אין שטייג אין דער מענאַ־זשעריי, מיט זיין שאַרפן לאַנגען שנאָבל אַרויסגעשטעקט אויף דער ברוסט.

— מיר וועלן זיך גוט משמח זיין . . . ווערסט צופרידן זיין . . . זייער גוט זיך פרייען . . . גנעדיגער הער . . . איך טו אַזוי ווי דו ווילסט נאָר אַליין, פאַרשטייסט . . .

די אַלטע רעדט אים איין, מיט אַ זיסליכן פאַלשן שמייכעלע, פינטלדיק מיטביידע צוקנייטשטע אָבנאַרערישע אויגן. זי גראַבלט אים מיט די פינגער אויף די הויזן און זי פילט דערביי אַז יענער האָט חרטה. זי הערט נישט אויף צו רעדן זיסלעך שוין מיט בייזליכע קנייטשלעך אַרום דער קרעצלדיקער בלאָער נאָז:

— זייער גוט משמח זיין . . . שענק מיר אַ ציגאַרעטל טייערער . . . אוצרל דו . . . „אַזוי״ קאָסט א קראָנע, און „נאַקעט״ קאָסט צוויי קראָנען . . . ווי אַזוי דו ווילסט גנעדיגער הער . . .

— נאַקעט, פאַר איין קראָן.

זאָגט דער אורח נישט רורנדיק זיך פונם אָרט.

— באַצאָל־זשע גנעדיגער הער . . . — שמייכלט די אַלטע זויער־ליך־פאַרביסן, פול מיט בטול — באַצאָל־זשע דאָס געלט . . . דאָס געלטעניו . . — זי רייבט ווינקנדיק איין פינגער אין אַנדערן — ביי אונז טייערער באַצאָלט מען פאָראויס . . . גיי זיי נישט קיין חזיר . . .

און מיט איין דרוק, ווי אויף אַן עלעקטרישן אויף דער פלייצע, פאַלן פון איר אַראָב אַלע קויטיקע, מיט שפּילקעס צונויפגעהאָנגענע לאַכעס, און זי בלייבט שטיין נאַקעט. אָנגעבלאָזענע, גראָבע שטיקער קויטיקע בלאָליך פלייש פאַלדעווען זיך איינס איבער־ס׳אַנדערע אין דער אונטערשטער טייל פונם גוף שוואַרצט זיך חרוב איינגעפאַלן

און איז ענליך צו א איינגעפאלענעם פארריסטן אויוון אין א חורבה.

מיט צוויי פינגער נעמט זיך די אַלטע אַרויס פונם מויל אַ געלן פאַרבויגענעם געביס-ציין, וואָס דאָס גאָלד פון אים איז שוואַרץ-פאַר־זשאַווערט און זי לייגט די ציין אַוועק אויפן וואַש-בענקל נעבן קויטיקן-שוואַרצן האַנדטוך. דערנאָך בייגט זי זיך שווער אָן צום גאָסט — ווי מ׳בויגט זיך אָן צו מעלקן אַ קו.

אין דער איינגעקריצטער האַלב־טונקלקייט אין ווינקל, באַווייזט זיך פלוצים אַ קליין, שיין, לענגלעך קעפל פון אַ הינטל, וואָס קוקט נייגעריק מיט די צוויי בלישטשנדיקע קיילעכדיקע ברוינע אויגלעך און באַוועגט אומרויק די לאַנגע פיינע שוואַרץ-גלאַנציקע אויערן-שפּיצן. די אַלטע הויבט זיך שווער אויף, אין מיטן פון איר טועכץ און זי שטופט צוריק דאָס קעפל פונם הונטל אונטער די שמאַטעס אַרונטער. אין אַ רגע אַרום באַווייזט זיך אָבער דאָס הונ־טישע קעפל ווידער. די אַלטע וואַרפט דערויף אַרויף איר לאַנגע רויטע פאַלעריגע:

— שלאָף פּעפּי... שלאָף... ס׳זענען נישט מיינע הינט־לעך... איך האַלט זיי צו היילן — רעדט די אַלטע אין מיטן דעריינען. — ס׳זענען קראַנקע הינטלעך... פריער האָב איך זיי געהאַלטן אין קאַבינעט. ביי מיר איז אַ שפּיטאָל פון הינטלעך. נאָר איצט האָב איך פאַרדינגען דאָס קאַבינעט פאַר די „פליכטלינגע" האַלט איך זיי אין שטוב, די הינטלעך. דו ביזט נישט קיין זעלנער געוועזענער העֶר? מיין זון אַנטאָן איז שוין צוויי מאָל אין דער מלחמה פאַרווונדערט געוואָרן. מ׳האָט אים אָבגעזעגטביידע פיס, האָט ער מיר געשריבן פונם שפּיטאָל. יאָ, יאָ דו גלויבסט נישט? זיי האָבן אים אָבגעשניטן די פיס, מיין אַנטאָנען... אָ, ווען וועט שוין די מלחמה אַמאָל נעמען אַ סוף... די ערגסטע צייט

איז בײ אונז . . . בײ די מײדלעך . . . נישטאָ קײן געסט, אַלע זענען אין דער מלחמה . . . װער דאַרף דאָס? צו װאָס, צו װען?... שולדיק אין אַלעמען איז די קײזערין אונזערע די שװאַרצע איטאַ׳ ליענערקע, זי פאַרראָט אונז. מ׳דערצײלט . . .

אַז דער גאַסט כאַפּט זיך דערנאָך דערשראָקן צו אַנטלױפן, װי נאָך אַ גנבה, איז אויף זײן האַרב געלעגן אָנגעװאָלעט די גאַנצע נישטיגקײט פונם לעבן.

די אַלטע באַגלײט אים צו דער טיר און זי רעדט אונטער דער פלײצע:

— פאַרגעס נישט צו קומען נאָך אַמאָל, גנעדיגער הער . . . מיר װעלן זיך משמח זײן . . . זײער גוט . . פאַרגעס נישט . . . טיר נומער 25 א . . . נומער 25 א . . . און ברענג מיט אַ שטיקל ברויט . . . געלט איז הײנט גאָרנישט . . . א שטיקל ברויט ברענג מיט . . . אַדיעי . . . טיר נומער 25 א . . .

און אַז דער אורח עפנט די הויז-טיר באַװײזט זיך אויף אַ רגע אין „קאַבינעט" אַ טלית-קטן אויף אַ אָנגעבויגענער פלײצע איבער די שװעל, מיט לאַנגע נאָכהענגענדיקע פיר קויטיקע ציצות פון אַ גאַליצישן ייִדן, אין א צוגעקלעבטער יאַרמולקע אויפן פאַרפּאַפּטן קאָפּ. זײן גראָע באָרד שאָקלט זיך און בײם צומאַכן די טיר, טוט זיך א האָק־י.ער א הויך מלמדיש זינגענדיק געדרײדלטער גמרא-נגון:

— מאימתי קורין, פון װען אָן הייבט מען אָן צו זאָגן קריאת שמ — ע? משעה שהכהנים נכנ — סי — ן ל — אכול — בת — רומ — תן, אין דער שעה װען די כהנים גײען אַרײן עסן ת — ר — ו — מ — ה — ה — ה.

ווי א שווערער שטורם מיט דונער און בליץ, פארשלינגט אין זיך דעם דרויסן, אזוי האָט דאָס טויבע דונערן פון די קאַנאָנען, דאָס שרעקנדיקע פייער דאָרט אויף די ווייטע שלאַכט פעלדער, אומגליק, יסורים, הונגער, בלוט און טויט, פארשלינגען די צייט. און די דאָזיקע אָבגעשלאָסנקייט פונם וועלט-חלל, האָט טונקל פאַרשלעפערט דאָס געמיט, פאַרזויגט דאָס אין יענער וואָרהאַפטיקער אייגנקייט פונם לעבן, אין דער פאַרגעסענער רו און אומרו פונם נפש, ווי מען פילט זי נאָר פאַרנדיק אויפן ים, צווישן הימל און וואסער.

און נאָר א אומקלאָרער, דינער פחד, וואָס טראָגט אין זיך פאַר׳נעפּלט דעם זיכערן באָרטן וועלכן מ׳וועט סוף כל סוף דערגרייכן, האָט אמאָל, אמאָל א וואכן ציטער געטון אינם געמיט און געטריבט אויף א רגע דעם פארזונקענעם חלום.

שווער און פינסטער גראָט דער נידריקער הימל איבער די דעכער. די טורעמס שפּיזן אין אים אַריין זייערע שפּיצן און ס׳האָט זיך גע׳דאַכט, אַז די מויערן אין שטאָדט זענען אַביסל איינגעזונקען. די פענסטער זענען געווען שוואַרץ, געשלאָגן מיט בלינדקייט און די אָבגעקראָכענע טראַמווייס זענען געלאָפן פויל און ליידיק. ווייבער האָבן געפירט די מאָטאָרס. ווייבער זענען אין זיי געפאָרן, ווייבער, זעלנער און אַלטע בערדיקע יידן אין פאַרטאַלאַפּעטע בעקעשעס. די לאַמטערנס זענען ביי נאַכט געווען פינסטער. אָבגעריסענע, פאַרגריג׳טע לונגען-קראַנקע קינדער זענען אַרומגעקראָכן פאַרשמאַכטע, דאָ אין די אָרעמע אָנגעמיסטיקטע געסלעך, אונטער דער באַן-בריק, בעטנדיק אַ שטיקל ברויט אין די פינסטערע שטיבער, און מאַקסלס דעם גראָבנס שכן, דער טעמפּל-שמש הער פינטל, האָט איצט שוין געהאַט אַ נייע פּרנסה, ער האָט געהאַנדלט. אין די בלויזע קויטיקע

העמד־אַרבל, די לאַנגע געבויגענע שופר־נאָז איבער דער שטעכיק גישט געגאָלטער באָרד, פלעג ער אַריינקומען אַהער צו מ. קסלס שוויגער אין שטוב אַריין אַביסל רעדן. אויפן אויסגעקראָכענעם קאָפּ איז ביי אים געשטאַנען אַ געל דייטש קאַפּל געשטיקט מיט ראָזע אויסגעקראָכענע קויטיקע בלומען. קומען פלעג ער אַהער אין שטוב אַריין, מיט דער באַהאַלטענער כונה צו וואַרפן אַ גליסטיק בליקל פון די פאַרזונקענע כיטרע אייגלעך אויפן שיינעם האַלב נאַקעטן ווייבל, וואָס האָט זיך געפּאָרעט דאָרט אין באַזונדערן שטיבל מיט אירע „געסט", זעלנער. הער פינטל האָט געהאָרכט מיט אַ געשפּיצ־טען אויער אַהין און ער האָט גערעדט:

— איך זאָג אינען מיינס: די גענעראַלן פאַרטייען אָט אָ דאָס אָ . . .

ווייזנדיק א פייג מיט די פינגער, האָט ער זיך פאַרהיקעט, און דערשראָקן זיך אומגעקוקט. די אַלטע האָט נישט געענפערט, אָבער מאַקסל האָט אים בטחונדיק אַ קלאַפּ געטון מיט דער האַנט איבערן אַקסל אַזוי אז יענער האָט זיך אַ בייג געטון:

— אויב מיר וועלן נעמען די פעסטונג וועלן מיר געווינען די שלאַכט. דאָס זאָג איך אייך.

צום סוף האָט הער פינטל אַרויסגעשלעפּט ערגעץ פון די הויזן אַ איינגעבונדענע פּאַטשיילע מיט מאָן. דערנעענטערנדיק זיך מיט דער סחורה צו דער אַלטער, צום פענסטער, האָט ער געזאָגט:

— קוקן זיי זיך אָן אַ מאָן, ווי פּערל. איך ברויך אים נישט פאַר־קויפן אָבער איך וויל אינען טון אַ טובה.

די אַלטע האָט גענומען אַביסל מאָן פון דער פּאַטשיילע אויף איר איינגעדאַרט הענטל, וואָס די אדערן האָבן זיך דאַרויף געשפּאַנט ווי שטריק און זי האָט געשמעקט צו אים מיט דער שאַרפער פויגל־נאָז און געענפערט:

— וואָס ברויך איך מאָן צו מיינע צרות? אַביסל מעל ווען זיי האָבן וואָלט איך געקויפט.

מעל? מעל מעכט איך אַליין קויפן ביי אינען. וויפל זיי האָבן.

הער פינטל האָט באַהאַלטנדיק צוריק די פּאַטשיילע מאָן, געלאַכט וואַקלנדיק דעם בויך:

— מעל ווילן זיי יעצט . . . דייטשן

ער איז אַריינגעגאַנגען מיט די טרעפּ און געפּויקט מיט דער פויסט אין דער האַרוואַצקאַס טיר:

— מאַכן זיי אויף. איך האָב עפּעס פּאַר אינען.

די קרענץ צופּיסנס פון די לוימנדיקע פערד ביים בראָנזענעם מאָנומענט פונם גענעראַל וואָס שטרעקט זיין האַנט אין דער לופטן, אַקייגן-איבער דעם פּלאַץ פון דער באַן-בריק, זענען אַצונד שוין געווען שוואַרץ, פאַרפוילט. און אויף דער באַן-בריק אויבן זענען שוין אַלעמאָל שווער פאַרבייגעפאָרן מיליטער-באַנען, באַמאָלט מיט גרויסע רויטע צלמים. דורך די וואַגאָן-פענסטערלעך האָבן זיך געזען בלייכע, טויטע פנימער די צוהאַקטע קעפּ פאַרבונדן ווי טערקישע טורבאַנעס. ס'האָט פון זיי געשמעקט מיט יאָדאָפאָרם, פוילעניש און טויט. אין די גאַסן זעט מען קריכן זעלנער אָנגעשפּאַרט אָן שטעקענעס, שלעפּנדיק זיך אויף קילעס און ביי אַ סך איז איין אַרבל ליידיק.

אונטער דער באַן-בריק האָבן זיך איצט שוין אַרומגעדרייט פרעמדע ווייבער, נייע, מיט טשיבערוקעס אויף די שיין-פאַרקעמטע קעפּ, ווי ביי טרפהנע עופות. דאָס זענען געווען די ווייבער פון די זעלנער. זיי זענען געגאַנגען פאַרדינען, פאַרשליסנדיק די קליינע קינדער זייערע אַליין אין די שטיבער.

די פריערדיקע ווייבער פון אונטער דער בריק האָבן זיך נישט מער געדרייט דאָרט. אַטייל זענען געגאַנגען אַרבעטן אין די פולווער-

פאַבריקן, זענען געוואָרן קאָנדוקטאָרקעס ביים טראַמוויי און יענע, מיט אַביסל אונטערגעפוילטע נעז, ווי פאַרשימלט, זענען געזעסן עבר ובטל, ליידיק-גייעריש, מיט מידע, אויסגעהונגערטע אויגן און אָן זאָקן אויף די פיס, אין קאַפע-„גלאַזער".

פאַרוויכערטע געמאָלענע גאָלדענע בלומען אויף דער טונקלער סטעליע, האָבן טרויריק, געקוקט אויף די זיצערקעס דאָ. די קעפ אָנגעשפאַרט אויף די הענט האָבן זיי שטום אַרויסגעקוקט דורך די פענסטער אין דרויסן-אַרויס. גרויסע, לייכטע, שניי-פלאָקנס, ווייכע, ווי פעדערן, זענען פאַוואָליע געפאַלן איינס נאָכס אנדערע, אַרום לאַמטערן אָן אויפהער, אָן אויפהער.

ס'האָט זיך שוין ווידער געגומען רודערן דאָ אין די געסלעך אונטער דער בריק. ס'האָבן זיך באַוויזן מענשן, אָבגעפליקטע אייג' געפאַלענע, אַלט-געוואָרענע, ווי אַרויסגעקראָכענע פון באַהאַלטענע לעכער. דער נעגער וואָס פלעגט דאָ טאַנצן אין די שפיל-בודקעס, מיטן קוטשעראַווע קעפל ווי ביי אַ שעפאַלע, האָט איצט געהאַט אַ בערדל, אַ גרויס. די גראָע דינע הערלעך אויפן שוואַרצן פנים האָבן אויסגעזען ווי אַש-פעדימלעך אויף טויטע קוילן. ער האָט אונ' טערטעניק שמייכלדיק געבעטן אַ שטיקל ברויט ביי די פאַרביי' גייערס אין דרויסן, און אַז מ'האָט אים עפּעס געשענקט איז ער רויט געוואָרן פון רירונג.

ס'האָבן זיך ווידער באַוויזן די פרעמדלענדישע קונצן-מאַכערס וואָס מ'האָט ביז איצט געהאַלטן געפאַנגען אין די באַראַקן: די שוואַרצליכע דאַרע, פראַנצויזקע מיט דער געלער טרוקענער ברוסט וואָס זי האָט געקענט טרעפן וואָס ס'שטייט געשריבן אין אַ בריוו ביי יענעם אין קעשענע. די אויסגעצוימטע פאַיאַצן מיט די דינע לאַנגע פיס אין ברילאַנט-שפּילקעס אין די שניפּסן וואָס פאַרשלעפּן די טרויריגקייט פון איין לאַנד אין אַנדערן, טאַנצנדיק אויפן שטריק, וואַרפנדיק זיך

אין דער לופטן שפרינגנדיק איינער אויפן אַנדערנס קאָפּ. מ'האָט שוין געזען דאָ כינעזער מיט די רחמנותדיקע צעפּ וואָס זייערע קול' כלעך מיוקען ווי מייזלעך, די שוואַרץ-קונצלערס מיט די פיינע דינע לאַנגע פינגער, וואָס מאַכן צווישן זיי פאַרשווונדן אַ רינג, ווי אַוועק' געבלאָזן. זיי אַלע זענען איצט ווידער געזעסן אין קאַפע „גלאַזער" פאַראיינזאַמט, ביי באַזונדערע טישלעך, געטרונקען עפּעס פאַרדעכטיקן טיי געמאַכט פון שטרוי און זיי האָבן שטום געליינט אין די צייטונגען די קללות פון די היגע שונאים אויף זייערע ווייטע געליבטע היימען. מ'האָט זיך געהיטן מיט אַלע חושים צו רעדן אַ וואָרט, אַז נישט איז מען אַ שפּיאָן און מ'הענגט אויף דער תליה, ווי אַ סך פון זייערע חברים.

די ווייבער פון אונטער דער בריק וואָס זיצן דאָ אין קאַפע, פילן זיך נאָנט צו זיי. עפּעס ווי זיי וואָלטן אויך געווען שטיקלעך קונצנ' מאַכערס, וואָס געהערן צו דער חברותא.

ביי די ווייבער זענען די אַלטע צוקנייטשטע פּנימער לעכטיק-ראָז, געפּינטלט מיט קליינע לעכאַלעך, צופרעסן פון די ביליקע פאַרבן. זיי זענען לענגליך אויסגעצויגן פאַרשפּיצט פון הונגער. די ליפּן דין בלאָ, און צושפּרינגען. זיי זיצן דאָ גאַנצע טעג, דערציילן נייעס, רעדן פון די שלאַכטן און שעלטן די יונגע קייזערין, די שוואַרצע איטאַליענערקע, וואָס פאַרראַט דאָס לאַנד צו די שונאים, איר משפּחה:

— אויפהענגען דאַרף מען זי, די ציטאַ . . .

עפּעס פילן זיי אומקלאָר אַז יענע איז שולדיק אין זייער אומגליק, אין דעם הונגער וואָס זיי ליידן. זיי וואָלטן זי צוריסן מיט די נעגל, געוואָרפן איר פלייש פאַר די הינט.

בלויז די אַלטע האָרוואַצקאַ איז אויפגערעכט געוואָרן, איר פאַלש־ שמייכעלע אין געדאַפלטן גוידער איז איצט געוואָרן פאַרהאַרטעוועט,

גיריק. זי דרייט זיך אַרויס אין אַריין פונם קאפע-הויז, סודעט זיך אין די ווינקלעך מיט די שמוגלערס און גנבים, אין די זעלנערישע אוניפאָרמס, וואָס ברענגען אַהער צו פאַרקויפן די אָנגעפּאַקטע פּלייצע-זעק מיט גנבות און שפּייז, און פון איר רויטער פּאָלערינע קוקט תמיד אַרויס דער אויער פון אַ חזיר-קאָפּ. זי האָט זיך געגומען צום מסוחר, זי האַנדלט בשותפות מיט איר שכן דעם געוועזענעם טעמפּל-שמש, הער פינטל.

— שמאַלץ? פּאַר אַ פּאָר נייע שיך בייט זי שמאַלץ . . .

ביי איר קען מען באַקומען וואָס דאָס האַרץ גליסט: צוקער, זייף, שפּירטוס, העמדער, מעל.

אַ טייל פון די לייט מיט די קרומע מאָרדעס און גרין אייג' געקריצטע מיידל-קעפּ אויף די הענט, די חתנים פון די גאַסן-ווייבער אונטער דער בריק, זענען ווידער דאָ. זיי זענען שוין אַהיים געקומען פון דער מלחמה אויף אורלויב. די קויטיקע צעדרייטע זעלנערישע היטלען פאַררוקט אויף די קאָרצע באַוואקסענע שטערנס, זענען צונויפגערוקט אין איינעם אין איין געדעכטן רעדל אַרום מאַרמאָר-טישל און פון צווישן זיי שטעקט אַרויס אַצונד, פרעמד און קראַפּט מאַקסל דעם גראָבנס קיילעכדיק געקעסטלט קאַשקעטעלע. מ׳שפּילט אין קאָרטן, ווי אין די פריערדיקע צייטן. ווי אַ מזיק, גיך, קוים מיטן אויג צו דערזען, מישט מאַקסל די קאָרטן מיט זיינע גראָבע קאָרצע אונטערגעהאַקטע פינגער און ער טוט אַלע מאָל אַ הויכן, קורצן שטאַרקן קלאַפּ מיט דער קאָרט אין מאַרמאָר-טישל, וואָס אין דעם דאָזיקן קלאַפּ ליגט דער גאַנצער כשוף פונם קאָרטן-שפּיל. אין קרומען אָנגעבלאָזענעם מויל-ווינקל שטעקט ביי אים דאָס אייביקע, אָבגעבערענטע ציגאַר-שטיקל און דאָס גרויסע טויטע גלע' זערנע אויג קוקט און ס׳היט פון דער זייט זיין ווייב. און ס׳זעט אַצונד דאָס טויטע גלעזערנע אייגל, ס׳זעט ווי מיצי זיצט מיט איר

אַמאליקן חתן, קאַרל, וואָס איז אַהיים געקומען פון דער מלחמה, אויף אורלויב.ביידע דרוקן זיך ענג אַרומגענומען אין פינסטערן ווינקל, אויפן רויטן פלוש-זאָפקעלע און קאַרל איז מכבד זיין אמאַ׳ליקע כלה מיט ביר. זי רייכערט ציגאַרלעך, לאָזנדיק דעם רויך ווי איר שטייגער איז אין צוויי גלייכע וואַלקנדלעך דורך דער נאָז און זי טרינקט דאָס פאַלשע ביר געמאַכט פון קוקערוזע, אין די גראָבע בייכיקע גלעזער, איבערגעלאָפענע פון שוים, איינס נאָכן אַנדערן אין ס׳איז שווער צו פאַרשטיין, ווו ס׳געפונט זיך פלאַץ אין בויך פאַר אַזאַ מענגע געטראַנק, דאָס צעקוועטשטע אָנגעפאַרבטע פּנים איז איצט ביי מאַקסלס ווייב, רויט אויפגעבליט, צופלאַמט, און זי האַלט מיט איין האַנט אַרומגענומען קאַרלס האַלז, וואָס איז אַצינד אויסגעגלייכט, אָן פלעסטערלעך, שווארץ און האַרט ווי א קלאָץ. אויף זיין מעכטיקער ברייטער ברוסט קלינגען די מעדאַלן, וואָס ער האָט באַקומען פאַר זיינע גבורות.

ער דרייט גאוהדיק מיט צוויי פינגער, א שווערע, גראָבע, שוואַרצע וואָנציע און ער דערציילט נסים פון דער מלחמה. אין סערביען האָט ער איינגעשטאָכן דעם שפּיז אין בויך אריין פון אַן אַלטיטשקער, וואָס האָט אים געגעבן וואסער צו טרינקען. אודאי געווען פאַרסמט וואַסער . . . אין איטאַליע האָט ער אויפגעהאָנגען אויף די צווייגן פון אַ בוים צוועלף יינגלעך, שפּיאָנען. די צווייגן האָבן געבראָכן אונטער זייער לאַסט. מען האָט די מענשן געמוזט נאָכאַמאָל הענגען. אין גאַליציע האָט ער געהאַט אַ שיינע רביצן. ער באַרימט זיך מיט זיינע גבורות און ער פּאַקט אויס פון אַ פּאַפּירל אַ געלן, אייבּ׳ געטרוקנטן טויטן פינגער מיט אַ גאָלדענעם רינג אויף אים, וואָס ער האָט אָפּגעשניטן אויפן שלאַכטפעלד ביי אַ געפאַלענעם שונא, צום אָנדענק . . .

מיצי באַרירט קרומענדיק דאָס מויל פון אָבשיי דעם טויטן מענש׳

לעכן פינגער און זי כאַפּט צוריק די האַנט ווי פון אַ וואָרעם. די בייגעריגקייט אָבער איז גובר. זי פּרובט אַראָפּציען דעם גאָלדענעם רינג פונם פינגער:

— ס׳גייט נישט . . . — זאָגט קאַרל — ווען זאָלסט אַפילו האַקן מיט אַ האַק . . .

— איך וואָלט אים שוין אַראָפּגענומען — זאָגט מיצי — דאָס איז אַ חתונה־רינג . . . מ׳דאַרף אים נאָר איינווייקן אין עסיג וואָלט ער אַראָפּ . . .

זי האַקט מיטן טויטן פינגער אין טיש און אין אירע שיינע גרינליכע פונם שכרות אביסל קאַלאַמוטנע אויגן שיינט אַצינד די גאַנצע קאַלטע גרויזאַמקייט פון די גבורים אין די מלחמות.

— שענק מיר דעם פינגער אויף אַן אָנדענק . . .

בעט זי זיך ביי קאַרלען און זי הענגט זיך שוין מיט ביידע הענט אויף יענעמס האַלז. אָבער אין דער זעלבער רגע קומט צו מאַקסל, אָנגעבלאָזן, ברוגז. די לעצטע צייטן האָט ער נישט קיין גליק אין קאָרטן־שפּיל. ער פאַרשפּילט כסדר. און ווי תמיד ווען ער פילט זיך געערגערט און אַביסעלע פאַרלאָזן, באַזונדערס, מיט אַ באַדערפעניש נאָך רחמנות, שווערע מאַנסבילישע פאַרלאָזנקייט, אַליינקייט, אַנטלויפט ער פון אַלעמען: צו זיין ווייב:

— דו מיצי . . . הערסט קום אַהיים . . . איך בעט דיך. הערסט.

אָבער דאָס ווייב וויל נישט. זי וויל גאָרנישט הערן, וואָס דער מאַן וויל, ווי תמיד. איר שפּיץ־צונגל טוט זיך אַ שטעל־אַרויס אויף־צו־להכעיס, דוקא וויל זי נישט:

— גיי . . . ווער דאַרף דיך דאָ האָבן? . . . איך בלייב דאָ מיט קאַרלען, מיינעם . . .

זי שעמט זיך אַצינד שוין מיטן מאַן אירן גאָר שטאַרק, זי וויל זיך נישט עלטערן מיט אים און זי וויל באַנייען דאָס לעבן, וואָס

אַנטלויפֿט גיך, גיך.

— וואָס? . . וואָס . . . וואָס רעדסטו . . . דו . . .

מאַקסל דאַכט זיך אַז ער האָט נישט רעכט געהערט וואָס יענע זאָגט. ס׳פֿינסטערט אים אין זיין גלעזערנעם אויג:

— וואָס האָסטו געזאָגט?

דאָס ווייב טוט זיך אַ שטעל פּנים אל פּנים:

— דאָס וואָס דו אָסט געהערט . . . די קאַליקע דו. מיינסט אַז קאַרל האָט איצט מורא פֿאַר דיר? אַנו פּרוב נאָר.

זי ווייסט אַז איר אַמאָליקער חתן, איז איצט אַן׳אַנדערער, ער איז שטאַרק . . . דאָס דינע שפּיציקע רויט־געפֿאַרבטע מויל אירס, פֿלאַמט מיט דינע שפּיציקע שאַרפֿע קוויטשלעך. די גרינליכע פֿאַר־שלייערטע אויגן ברענען ווי צוויי גליענדיקע קוילן. טוט זי פֿלוי־צים אַ שפּרינג־אונטער, אַ וואַרף זיך אויפֿן אַמאָליקן חתן. מיט איין האַנט האַלט זי יענעמס האַלז און מיט דער אַנדערער פֿאַרהייבט זי זיך דאָס קליידל פֿון פֿאָרנט, אַנטבלויזנדיק די נאַקעטע געפּודערטע פֿיס ביז צום בויך, און זי שרייט צום מאַן אירן, רייד גראָבליכע, אָבגעשיילטע פֿון אַלע בושות.

מאַקסל בלייבט שטיין, ווי געווייטלעך אָבהענטיק. קליין, גראָבּ־קיילעכדיק, דאָס קאַשקעטעלע פֿאַרדרייט, דאָס צוגעקוועטשטע אייגל קוקט שטום און נייגעריק אויפֿן ווייב זיינעם. ער ווייסט, אַז זייט זי האָט מיט אים חתונה געהאַט אין טעמפּל, ביים ראַבינער מיטן גלח׳־שין ספּאָדיק אויפֿן בכבודן קאָפּ, האָט זי ביז היינט פֿאַר אים מורא געהאַט, פֿאַר מאַקסלען. אַזאַ זאַך וואָלט זי זיך נישט געוואַגט צו טון. זי קען אים, מאַקסלען דעם גראָבן, זי ווייסט מיט וואָס עס שמעקט אַז זי דערצערנט אים. ער האָט פֿיינט אַז זי שאַרט זיך צו, גלאַט אַזוי, צו אַן׳אַנדערן מאַן, נישט פֿון פּרנסה־וועגן. אַזאַ מאַוסע זאַך קען ער נישט ליידן. און בפֿרט נאָך אַז זי נעמט חנדלען צום

אַמאָליקן חתן, דעם איינגעגעסענעם שונא זיינעם. ס׳פּעריט אים אַצינדערט מאַקסלן ס׳פּעריט אים, ס׳טוט אים וויי, דאָס וואָס זי רופט אים אַ צונאָמען קאַליקע. די בושה שטעכט אים אין האַרץ שטומפּיק און שווער. די צוגעפּלעטשטע נאָז זיינע, בלאָזט זיך שוין, אין וואַקסנדיקן צאָרן. אין זיין גראָבן בויך בולבעט זיך, קאָכט דער כעס ווי ס׳קאָכט זיך און ס׳בולבעט שווער, גרעט אין אַ קעסל. די פאַרוואַקסענע ברעמען ציען זיך צונויף אין אַ האַרטער געשוואָ׳לענער קישקע. דאָס צוגעקוועטשטע אייגל זיינס קוקט שפּיציק, שטום און האַרט, ס׳זעט דעם ווייבס שטערן וואָס איז איצט אויס׳געגעלט גרויס, ווייס, שיין, שענער ווי תמיד. די לעקלעך אויפן קאָפּ, שטייען קאַפּויר, געדריידלט אין דער הויך איינציגווייז, ווי קליינע לעבעדיקע שלענגלעך. מאַקסל כוט זיין ווייב שטום אַ נעם ביי אַ האַנט, אַ שלעפּ אַוועק פון יענעם מיט אַ שטאַרק פאַרביסענעם שטומען כח, אַז ער רייסט אי[illegible]ר בישט אַרויס די האַנט פונם לייב:

— קום! . . .

קאַרל שפּרינגט אונטער. די מעדאַלן אויף זיין ברוסט קלינגען:

— הע, דו . . . אָסט מיר אויסגעשמירט די נייע הויזן . . . דו ייד פאַרשאָלטענער . . .

— וואָס? . . ייד? דו שעלסט . . . דו . . . דו . . . כ׳לאָז דיר אַרויס די קישקעס . . .

און ווי זיין שטייגער איז טוט מאַקסל אַ צי די הויזן אויפן גראָבן, שפּיציקן בויך. ער רוקט זיך נענטער, נענטער, דעם שווערן קיילעכ׳דיקן קאָפּ אָנגעבויגן פון דער זייט, ווי אַ צערייצטער ביק, צום שטויסן. און בעת דאָס גלעזערנע אויג קוקט קאַלט און גלייכגילטיק, גלייך ס׳וואָלט אים דאָ די גאַנצע מחלוקה נישט אָנגעגאַנגען, איז דאָס אַנדערע, דאָס לעבעדיקע פאַרלאָפן מיט בלוטיקע אָדערלעך און ס׳מעסט דעם שונא פון אונטן אַרויף שווער און וויסט שרעקיק.

פלוצים אָבער טוט ביי קאַרלן אין האַנט אַ בלין דאָס מיליטער־מעסער, אָבער מאַקסל טוט זיך קונציק אַ בייג, ער ווייסט שוין ווי־אַזוי אויסצומיידן. מיט איין האַנט, מיט יענער אין וועלכער ס׳פעלט אים דער גראָבער פינגער, טוט ער גיך, קוים מיטן אויג צו דערזען, אַ הייב די שווערע מאַרמלשטיין־פּלאַטע פון אַ טישל, אַ הויב און אַ בליץ־גיכן וואָרף אויף יענע ביידנ. אַ טראַסקעניש, אַ בהלה, שטום און גיך־אָנגעשטרענגט. צדדים פוןביידע זייטן שפּרינגען אונטער אָנגעצינדן מיט הייזעריקער רציחה, הענט, קעפּ, פאַרפלעכטן זיך, אַ קופּע אַקסלען הייבן, שטופּן זיך. ביר־גלעזער פליען, ברעכן זיך קלינגענדיק, פּנימער בלוטיקן און מ׳הערט נאָר דאָס וואָרנענדיק בייזערן זיך פונם קעלנער אין קויכיקן פראַק מיט די צושפּרייטע דלאָעס, ווי דער עק פון אַ פליענדיקן שוואַלב:

— מיינע הערשאַפטן, פּאַוואָליע די לאָמפּן . . .

אַז מ׳צעברעכט דאָ ביי די געשלעגן די שפּיגלען, די לאָמפּן, די שויבן איז דאָס זיין שאָדן, אָבער מ׳באַצאָלט אים דערנאָך. ער שענקט נישט. ס׳איז שוין אַזאַ ערן־זאַך צווישן די לייט דאָ, ביים גלאָזער אין קופּע.

די ווייבער רעדן אַלע גלייכצייטיג, שרייען מיט מורא, קוויטשען, לאַכן. מ׳ווייסט נישט וואָס זיי ווילן. אויף וועמענס צד זיי זענען. אָבגעריסענע געסלדיקע קינדער קוקן אַ רגע אַריין דורך די פענ־סטער צום „גלאָזער" אין קאַפע־הויז אַריין. זיי זענען שוין צוגע־וווינט צו זען ווי מ׳שלאָגט זיך דאָ, ווי מ׳שפּאַלט קעפּ, ווי מאַקסל דער גראָבער וואַרפט די מערמלשטיינערנע פּלאַטעס פון די טיש־לעך. די טירן פּראַלן זיך אויף, די שויבן קלינגען, אַ בינטל צע־יושעטע צעבלוטיקטע פּנימער שיט זיך אַרויס אין גראַען אָוונטליכן, פּראָסטיקן דרויסן אַרויס. מאַקסל דער גראָבער לויפט שווער, דריב־ניטשקע אין געסל, מיט די אָבגעליפּעטע קויטיקע טורעמלעך, וואָס

דער שיטנדיקער דינער האַרטער שניי פאַרשטעלט זיי. ער לויפט ציט די הויזן, לעקט מיט דער צונג ווי אַ הונט, דאָס געזאַלצענע בלוט פון דער צוקיילטער אייבערשטער ליפ און מיט דער האַרטער פאַרביילטער פויסט, ווי אַ אייזערנער האַמער, שלאָגט ער זיין ווייב, האַקט ווי ער טרעפט: אין קאַרק, אין בויך אין פנים:

— אַהיים גיי... דו... דו... קורווע...

דאָס ווייב רייסט זיך אַ רגע אַרויס פון אונטער זיין קולאַק. זי לויפט אַביסל ווייטער צושויבערט, צובלוטיקט, צעפליקט. זי פאַרהייבט דאָס קליידל אַרויסשטעלנדיק דעם נאַקעטן קייל־עכדיקן ווייסן אונטער־חלק אין ליכטיקן טאָג אַריין צו די קוקערס זי פּאַטשט אויף אים מיט דער פלאַכער האַנט קוויטשנדיק איבער דער גאַנצער גאַס:

— דו קאַליקע... דו ייד פאַרשאָלטענער... קום זיך גטז... צום ראַבינער קום... צום ראַ — בי — ג — ע — ר.

6

די פּאָר קליינע קאַרליקלעך פּיצלעך, אַלטע מענשלעך, וואָס פלעגן דאָ תמיד מאַכן קונצן אין צירק, טאַנצן אויף אויסגעשפּאַנטע שטריק, שפּרינגען אויף לויפנדיקע פערד, וואַרפן זיך אין דער לופטן צונויפגעדרייטע ווי רייפן, אין זייערע פלייש־פאַרביקע טריקאָט־הייזלעך, האָבן זיך איצט אין דער ליידיגקייט געפּרוּכפּערט און געמערט. מען האָט געזען ווי די פּיצלעך ראָזאָווע ווייבלעך זייערע, האָבן געטראָגן אָן בושה, אויף די הענטלעך, קליינע פּיצלעך קינדערלעך און זיי האָבן אויסגעזען ווי קליינע קינדער וואָס טראָגן ליאַלקעס אויף די הענט. די קליינע שיינע אויסגעפּוצטע מאַנסבילעכלעך, מיט די פּריצישע שפּאַציר־שטעקעלעך אין די הענטלעך, האָבן געמאַכט אַצינד גוטע מסחר׳ל. זיי האָבן אויסגעדינגען די קינאָס, באַזעצט זיך אין די שפּיל־ביידלעך, אָבגעקויפט די צירקן. זייערע

כיטרע אייגעלעך וואָס האָבן תמיד געשיינט מיט דאַנקבאַר-איבערגע'
שראָקענער פרייד אין לעבן אַריין ווי ביי קינדער וואָס די גרויסע
נעמען זיי מיט אויף אַ שמחה, זענען איצט געווען חוצפּהדיק איבער'
געצויגן מיט אָפענער גראָבער שלעכטיגקייט, ווי אָנגעפרוירענע שייב'
לעך מיט פראָסט. די קאַרליקלעך האָבן זיך געווידמעט, געשפּראָצט
אויפן אָרט פון די גרויסע, וואָס זענען אומגעקומען אויף די שלאַכט'
פעלדער, געשטאָרבן אין די שפּיטעלער אונטער די זעגן און מע'
סערס פון די דאָקטוירים.

מאַקסל דער גראָבער קאָן זיי נישט ליידן די קאַרליקלעך. ער
האָט זיי פיינט, אַז ער באַגעגנט זיי אין גאַס, אונטער דער בריק,
ביים „גלאַזער" אין קאַפע, טוט ער זיי אַ שטויס מיטן עלנבויגן,
אַ קאָפּ מיטן פוס. ער קוקט אויף זיי אַראָב מיט שפּאָט, מאַכט הוזק
און ער לאַכט מיט בטול דרייענדיק די אָנגעבלאָזענע גראָבע ליפּן
זיינע נישט אַרויסלאָזנדיק פון צווישן קרומען מויל-ווינקל דאָס
שטיקל אָבגעברענטע גראָבע ציגאַר:

— דאָס זענען מענטשן?

— מאַלפּעס זענען דאָס.

— קליינע חזירימלעך . . . כי . . . כי . . . כי . . .

— קוקטס זיי נאָר די ברואים. ווי פּיצל.

די קאַרליקעס וואָס שטייען נעבן זיינע פיס, זען אויס ווי קליינע
פייגל נעבן אַ מויער.

מאַקסל הייבט אויף איינע, אַ קליינס אַ קיילעכדיקס מיט אַ ראָזע
פיין פנימל זעצט זי אַנידער ביי זיך אויפן קני און זאָגט:

— ווילסט מיט מיר גיין שלאָפן. כ — י — כי — כי —
ווילסט?

— יאָ. פאַרוואָס נישט? כ'האָב אָבער מורא פאַרן מאַן מיינעם,
ער וועט מיך דען הרגענען.

זאָגט דאָס קליינע ווייבעלע ביי מאַקסלען אויפן קני, חיינקנדיק מיט אַ באַגערנדיק בליקל אַרויף צו אים, אין דער הייך.

שווער שרפּהט די זומערדיקע היץ. דער שטויב גליט אויף די שווייסיקע אָבגעצערטע לייבער אָן אַ העמד אויף זיי. די קויטיקע מויערן אין די געסלעך שיילן זיך פאַרשוו.רצטע, פאַרלאָזענע טרוי־ריקע. מ׳זעט צווישן זיי אַרומקריכן מאַקסל דעם גראָבנס שוויגער אויף אירע געלעמטע פיס, אָנגעשפּאַרט אויף צוויי שטעקענעס, גע־בויגן ביז צו דער ערד. אירע קנעכערנע פינגער גראַבלען אין די מיסט־בערגלעך, אין רינשטאָק. זי זוכט אַלטע שמאַטעס, פּאַפּיר, שטיקלעך פאַרברענטע קוילן אין אַש. אַז זי געפינט עפּעס באַהאַלט זי דאָס גיריק אין קיישל אַריין. אונטערן אָרעם טראָגט זי אַ געפּוּ־נענעם פאַרפוילטן אַלטן שקראַב.

מען זעט דאָ אויך מאַקסל דעם גראָבן זיך אַרומדרייען. זיין גראָבער בויך איז אַצונד איינגעפאַלן חרוב, אונטער דער פאַרלאָזענער לײדיקער באַן־בריק, זעט מען פאַרבייגיין אַ מיידל פון דאַנען, דעם קאָפּ אויסגעקראָכן, גראָליך, דאָס פּנים קויטיק און רויטלעך אָנגעפאַרבט צוקנייטשט און ליידיק ווי אַ אָנגעפאַרבטע שמאַטע. זי קען נישט גיין. פּאַוואָליע רוקן זיך די שקראַבעס, שאַרן זיך די אָנמעכטיקע פיס, וואָס צווישן זיי פוילט דאָס פלייש. ס׳אַ שרעק זי אָנצוקוקן.

מ׳זעט אויך דאָ מאַקסל דעם גראָבן זיך אַרומדרייען. זיין גראָבער בויך איז אַציּנד איינגעפאַלן, חרוב, ליידיק, ווי אַ ליידיקער זאַק. ער שאַרט זיך אַרום באָרוויס, דאָס צופליקטע רעקל אויפן הוילן פאַר־ברענטן לייב. איין אַרבל דערפון הענגט נאָך דערפון אינגאַנצן אַ צוטרענטער, אָבגעשליסן. זיין נאַקעטע האַנט קוקט אַרויס שוואַרץ מיט אָנגעוואקסענער בלאָטע. אין זיינע ליידיקע קישקעס וואָרטשיט ביז דער הונגער, גראַבלט דאָרט, ציט־צענויף די פאַרטרוקנטע גע־דערים, און ס׳שטעכט דאָרט אין זיי מיט שפּיציקע, דינע, פאַרשמאַכ־

טע שטעכערס.

שארנדיק מיט אַ פוס אין רינשטאָק און שמעקנדיק מיט דער נאָז אין דער ליידיקער גליענדיקער זוניקער לופט, זעט ער אויס מאָקסל ווי הונגעריקער אָבגעמאגערטער הונט.

ער געפונט עפעס אַ פאַרשימלט, פאַרדעכטיק שטיקל קנאָכן, באַטאַפּט דאָס לאַנג, שמעקט דערצו, נעמט דאָס קייען און ער שפּייט דאָס באַלד גיך אויס מיט פאַרקרומטן אָבשיי.

אַ אָבגעריסענער זעלנער, מיט אַרויסשטעקנדיקע, שפּיציקע באַקן-ביינער, פאַרטרוקנטע, שאַרפע, גראָע און הארטע ווי שטיינער, די אויגן פאַרזונקן אין צוויי שוואַרצע ליכטיקע טעכער ווי קעלערס, איין אַרבל אַ ליידיקן, שאַרט זיך אונטער, הויבט אויף דאָס שטיקל קנאָכן, שמעקט דערצו, באַטאַפּט דאָס, נעמט קייען און ער וואַרפט דאָס באַלד פאַוואָליע אַוועק, צעגערנדיק, אָבגענאַרט. פון זיין פאַרקרומטער אָנגעבויגענער קריכנדיקער שטומקייט האָט אַרויסגעשריגן דער גאַנצער צער פון די טויט-הונגעריקע בעלי׳חיימס.

פון צייט-צו-צייט כאַפּט זיך מאָקסל אַריין אין נאָענטן באַן-הויף ביי דער זייט, פון דער באַן-בריק. די טונקעלע הויף-געוועלבטע שטיינערנע מויערן, פעט פון קויטיקער שוואַרצקייט, זענען אָנגעפילט מיט זעלנער, קויטיק-צופליקטע צונויפגעקלעבטע פון שווייס, מיט שטעכיק-שוואַרצע נישט געגאָלטע בערד. זיי ליגן דאָ כסדר אויף די אָנגעמיסטיקטע שטיינער, צווישן זייערע האַרטע אָנגעפּאַקטע פעק, וואָס אַז מ׳קוקט זיי אָן, ווערט מען שלעפעריק. די העלזער פאַרפלאָכטן צווישן די שטיוול, שלאָפן זיי כסדר, די קעפּ אָנגעשפּאַרט אייגער אויפן אַנדערנס ברייטן, האַרטן, שטיינערנעם אונטער-חלק פאַרזונקען אין האַרטן-טויטן שלאָף. זיי פילן נישט ווי די כנים פרעסן זייערע קויטיק-שווייסיקע לייבער די ניי אָנגעקומענע טרעטן גלייכגילטיק אויף די שלאָפנדיקע און ס׳זעט אויס, ווי דאָס וואָלט שוין געווען

דאָס שלאַכט־פעלד מיט די אָנגעוואָרפענע נישט־באַגראָבענע הרוגים, הייזעריקע קולות, איבערגענעכטיקטע, בייזע, נישט־מענטשליכע, זינקען אין דער געדעכטעניש און פאַרשלינגען דאָס שוואכע קרעכצן פון די בלייכע צוקוועטשטע צוהאַקטע פאַרוווּנדעטע זעלנער, וואָס מ׳טראָגט אַרויס און אריין אויף די טראָג־בעטלעך אין די וואַגאָנעס מיט די אויפגעמאָלענע רויטע צלמים. אויגן זענען פאַרקלעפּט צוגעמאַכט, טויט. בלאָע טויטע ליפּן ציטערן אין גסיסה־קעלט. בלוט־פלעקן פינטלען אין דער פינסטערער גראָקייט. דאָקטוירים, די זעלנערישע היטלעך פאַרוקט אויפן שטערן, די ווייסע כאַלאַטן אָבגעשפּריצט מיט בלוט, לויפן פאַרביי מיט מעסערס, מיט זעגן אין די הענט. זיי שניידן דאָ לעבעדיקע אברים, זעגן פיס האַקן מענשליכע קנאָכנס. אַ זשומענדיקער ליאַרם פאַרשלינגט די קולות און קרעכצן פון די שטאַרבנדיקע. אויף די פאַרטעכער פון די נאַנעס וואָס העלפן די דאָקטוירים, זעט מען קלעבן אַלטע, פאַרטרוקנטע שוין שוואַרץ־געוואָרענע בלוט־פלעקן, ווי אויף די פאַרטיכער פון קצבים אין יאַטקע.

מאַקסל שטופּט זיך דאָ, צווישן די זעלנער, ער שמעקט מיט דער נאָז, זוכט מיטן אייגל. קרום שאַרט ער מיט אַ פוס, און אַז מען דערזעט אים, וואַרפט מען אים אַרויס פון דאַנען. זעלטן ווען נאָר, געלינגט אים אַרויסצוגנבענען פון אַ האַרטער פאַרשטופּטער זעלנערישער קעשענע אַ פאַרסמאָלצעוועט בייטעלע, אָבער אינעווייניק אין דעם געפינט ער תמיד אַ שטיקל שרייבפּענדל, אַ צעבויגן בלעכצלמל, אַ קנעפּל.

אַהיים גייענדיק אויף דער נאַכט, באַטראַכט ער נאָך אַמאָל די זאַכן פונם בייטעלע ביים שיין פון די גרינליכע לאַמטערן־פלעמלעך אין דער קלאָרער בלויקייט און ער וואַרפט זיי אַוועק. אין שטובזיצט שוין די אַלטע ביים פענסטער אין אויסגעבעטן שטיל און

דערזעענדיק מאַקסלען זאָגט זי:

— מאַקסל . . . מאַקס . . . אָסט עפּעס געבראַכט צו עסן, מאַקס? אַ שטיקל ברויט . . .

איר שוואַך הייזעריקלעך האַלצערן קול ציטערט איינגעדאַרט פון הונגער די געלעמטע פיס אין די וואַלענע שמאַטעס זענען קאַלט ווי שטיקער אייז, און ס'דאַכט זיך, אַז מיט אַ יעדן אָטעם הויכט זי אויס אַ רעשטל פון איר אָרעמען לעבן.

— נו מאַקס, וואָס וועט זיין? האַ? וואָס וועט זיין דער סוף? וואָס מיינסטו עפּעס? די שרצים, די ליליפּוטלעך, בראַנדיק זאָלן זיי ווערן, האָבן אונז אויסגעדינגען די דירה . . שוין פערציק יאָר, אַז כ'וווין אין אַ שטוב. קומען די קאַרליקלעך און דינגען זי אויס. ביזט קראַנק זיי צו דערהרגענען די קאַרליקלעך האַ? . . . אָבער ס'וויב דיינס האָסטו יאַקאָש געקענט דער-הרגענען, דאָס ווייב דיינס . . . דער הער פּינטל האָט אָבגעקויפט דאָס הויז ער וואַרפט אונז אַרויס פון דער דירה, הער פּינטל. באַ לייטנס איז מען יאַקאָש רייך געוואָרן פון דער מלחמה, באַ לייטנס מאַקס פאַרוואָס שווייג' סטו זיי. האַ? מאַקס.

מאַקסל שווייגט. ער פילט אַז ס'איז נישט גוט, אַז זיינע כחות מינערן זיך, אַז די אַלטע גלייבט נישט מער אין זיין גבורה. זי האָט גע' ווּסט תמיד די אַלטע אַז דער גאַנצער אונטער-דער-בריק האָט פאַר אים מורא, פאַר מאַקסלען. ער איז געווען אַ גוטער שדוך פאַר דער טאָכטער. אַצינד אָבער זעט זי, אַז מ'האָט אויפגעהערט פאַר אים מורא צו האָבן און ער קען גאָרנישט טון דערצו. ער טויג נישט מער

— אַלטע מכשפה . . זיי שטיל . . הערסט אַלטע . . . רעד נישט.

מאַקסל קלאַפּט מיטן קולאַק אין טיש און ס'גליסט זיך אים דאָס

לעצטע מאָל צו באַווייזן זיין גבורה, צו דערהרגענען די אַלטע . . .

דאָס שטיקל ליכטל וואָס שטעקט אין פליישל שמאַלץ, קנאַקט און שפּריצט אין דער שרעקיקער האַלב-טונקלקייט אַריין און מאַקסל כאַפּט אַלעמאָל אַ באַהאַלטענעם קוק אַהין אין ווינקל אַריין, צום קויטיק-צובראָכענעם בעטל. דאָרט ליגט דאָס ווייב זיינס. זייט דעם געשלעג אין קאַפּע „גלאַזער", קרענקט זי. די אינערווייניקסטע און אויסנווייניקסטע פּוילעניש האָבן זיך געעפנט, צושפּילט. זי ליגט איינגעוויקלט אין שוואַרצע שמאַטעס און די צוקנייטשטע הויט פון איר לייב, וואָס איז פון די אייביקע פּודערס און פאַרבן געבליבן ווייך-פאַרוויאַנעט און ראָזע, פּליט . . .

— איך וויל נישט גיין אין שפּיטאָל . . . איך וויל נישט שטאַר'בען . . .

קרעכצט די קראַנקע, אָבער זי טוט דאָס נאָר דעמולט, ווען זי הערט אַז דער מאַן אירער מאַקסל איז דאָ אין שטוב.

— מיצי, וועסט נישט גיין אין שפּיטאָל, וועסט נישט שטאַרבן... הערטס? אַז איך זאָג ניין איז ניין . . .

שרייט מאַקסל און זיין גיך-היקעוואַטע לשון ציטערט פון רחמנות און צער. די קראַנקע באַרויקט זיך. זי מאַכט צו די שלאַפע אויגן, די טויטע, און זי פילט זיך זיכער. זי פאַרלאָזט זיך אויף איר מאַן מאַקסל און זי גלייבט, פּונקט ווי דעמולט, ווען זי פלעגט אַנטלויפן פאַרן פּאָליציי-מאַן אונטער-דער-בריק, אַז ער, איר מאַן, וועט זי שוין באַשיצן אַ קייגן יעדער סכנה . . .

7

האַרבסטליכע מידקייט, טרויעריגקייט און ווייטע לעצטע שפּייזיקע זון וואָס וואַרעמט די ליידיקע זייקע מויערן, די פאַרמאַרעטע געבוי'גענע פּלייצעס.

די געלע האַרבסט־בלעטער פאַלן פון די ביימער און זיי שמעקן שאַרף און האַרב. אין צאַקיקן רויטליכן, פיינעם, פאַרנעפּלטן וואָלקן אויפן גרינליכן הימל-עק, אין דער הייך, זעט מען דאַכט זיך דאָרט אַ ווייטע לעצטע גרויסע, פאַרגייענדיקע מידע, שרפה. שטעדט און דערפער ברענען בלאָליך אין טאָג אַריין, באַלייכטן רויט די פינסטערע נעכט מיט לעכטיקן, פלוצימדיקן פייער-שיין. ס׳דונערט און ס׳בליצט, מענשן לויפן אָנגעבויגענע אין טויט-שרעק, גליטשן זיך אויס אין בלוט-ריטשקעס, פאַלן צוריסענע, געלעכערטע. בלוט און פייער און שוואַרצע רויך-וואָלקנס.

פונם שענק „צום ווילדן גוי״ הערט מען זינגען די טרויריקע נגונים פון די יידן וואָס דאַווענען דאָרט. אין דער אָבגעהאַקטער הייזעריגקייט דערפון, הערט מען פאַרוואָגלטע קלאָג פון יורדים, צו׳ בעגעסענע, גלייכגילטיקע, אָן הייליגקייט, אָן פאָרכטיגקייט.

קוים וואָס זי האָט זיך געשלעפּט, אָנגעבויגן אויף די צוויי שטעקענעס, איז מאַקסלס שוויגער פאַרפּוצט אין גרינליכן מענטעלע מיט די שוואַרצע פליטאַלעך, נאָך פון דער חתונה אירער, געקראָכן מיט אַן גראָבן אַלטן שוואַרץ-פאַרקלעבטן קרבן־מנחה סדור, דאַווענען, יום-כפור אין דער פרי צו זי ווייבער, וואָס זענען געווען אָבגעטיילט פון די מאַנסבילן אין שענק מיט אַ קויטיקן לייליעך. צווישן די היימישע ווייבעדיקע יידענעס מיט די ווייסע פאַטשיילעס אויף די קעפּ פילט זי ערשט, די אַלטע, דעם אמתדיקן היימישן טעם פונם יום-כפור וואָס זי האָט שוין אַזויפיל יאָר נישט געפילט אין די באַבירטען שטומע, קאַלטע טעמפּלען ווי זי האָט געדאַוונט. די אַנטלאָפענע יידן דאָ, האָבן נישט מער קיין [illegible]. מיט זי טליתים אויף די קאַפּע׳ ליושן, שאָקלען זיי זיך און ערייען, זינגען און זאָגן, די שווערע הערצער צוווייטאָגט אויפן חורבן פון דער וועלט.

— אָי, מי יחיה ומי ימית. מי בחרב ומי ברעב.

— אָי גאָטעניו.

מאַקסל דער גראָבער דרייט זיך אַרום אין דרויסן. ער זעט דורכן פענסטער די שאָקלנדיקע שרייענדיקע יידן אין די ווייסע טליתים און אַז די פאַרבייגייענדיקע באָרוועסע אָבגעריסענע שקצים פון דאַנען דערהערן פלוצים שופר־בלאָזן, שטעלן זיי זיך אָפּ, כאַפּן אַ קוק אין פענסטער, לאַכן, מאַכן חוזק פון די יידן:

— אַי — י, אַי, יידעלע . . . האַ — נד — ע — לע —

רוקט זיך מאַקסל אונטער דאָס אייגל זיינס פאַרקוועטשט אָנגעצונדן, באַליידיקט, רויט און ער דערלאַנגט אַ הילכיקן פּאַטש. ער שטייט געוויינטלעך, מאַקסל ביים גאָרטן־טירל נעבן נודנעם פּאָליציִיניק, וואָס טוט אַכטונג און ער העלפט אויך אַכטונג טון, אָבנעמען די בילעטן, נישט אַרייַנלאָזן אָן אַ בילעט. ער רעשט זיך, ווערט היימיש מיט די יונגע־לייט וואָס דאַווענען אין דרויסן, מיט די מחזורימלעך אין די הענט, ער קריגט זיך מיט זיי, און ער פאַסט פריידיק אַ גאַנצן יום־כפור גלייך מיט אַלע יידן . . . אַפילו זיין קראַנק ווייב, אין שטוב, אין שמאַטיקן בעטל פאַסט אויך. ווי אַלע יום כפורס.

— האָבן זיי זיך אויסגעבעטן אַ גוט יאָר. אַ געזונטס אַ לעבעדיקס.

— אַלעס בעסטע . . .

ווינשעוועט מאַקסל, איילנדיק, אָנגעבויגן אַהיים־גייענדיק, אויף דער נאַכט, ווען די שטערן צונדן זיך אין טונקלען הימל. און ער דרוקט הענט פון יונגע־לייט אין דייטשע רעקלעך, פון אַלטע בערדיקע יידן אין די אַרומגעגאַרטלטע בעקעשעס, וואָס לויפן גיך, אָנגעבויגן מיט די טליתים אָנגעטון, ווי שאַלן אויף די העלזער, אַהיים אָנבייסן. און ער שאָקלט רחמנותדיק דעם שווערן קאָפּ צוגעדעקט מיטן געקעסטלטן קאַשקעטלע, צו ברייטליכע יידענעס מיט רויטע פאַרווייַנטע אויגן, וואָס שנייצן די בלייכע פאַסטנדיקע נעז אין די

פּאַטשײלעס אַרײן, שלעפנדיק זײ פון די מחזורים:

— אַ גוט יאָר.

די שװיגער זײנע, פירט מאַקסל אַהײם, אונטערהאַלטנדיק זי בכבוד און צערטליך אונטערן אָרעם.

װײטע, אומבאַשטימטע קולות הערן זיך פּלוצים אין מיטן נאַכט, דורכן פענסטער. װײטע, אָבגעהאַקטע און אָנזאָגנדיקע טריט פון נאָכלױפנדיקע פּאָליצײ־פערד װאָס שמעקן מיט קערקער און בלוט, קלאַפּן אַ רגע שרעקיק־הױך אױף די שטײנער, און אַנטלױפן, פאַר־הילכן, אָבגעשװאַכט אין דער נאַכט אַרײן, װאָס נעמט זיך גרזען אין נײעם האָפן.

— מ׳הערט פון דערװײטנס, פון דער שטאָדט, די געשרײען פון די מענשן װאָס ציען זיך אין די דעמאָנסטראַציעס. די קעץ אױפן דאַך װײנען מיט קולות פון קינדער יאָמערליך־געצױגן, אין שרעקיקן גליסטן. אָן אױפהער שיטן זיך פּלוצים בײ טאָג די זײגער דורך דער באַן־בריק. צוקנײטשטע, שװאַרץ־פאַרריסטע, מיט סאַזשע אין די באָזלעכער קומען זײ צופּלעטשט אין די אָנגעשטאָפּטע באַנען, קריכן פון די באַן־דעכער װוּ די העלפט פון זײ זענען אין די פינסטערע טונעלן דערשטיקט געװאָרן פונם באַן־רױך. זײ אַנטלױפן פון די שיס־גריבער, פון די שלאַכטפעלדער, אַװעקװאַרפנדיק די ביקסן, איבערלאָזנדיק די קאַנאָנען שטעקן אין די לעכער. װי אַ קײט װאָס איז צעשפּרינגען, רײסן זײ זיך אָב, לײזן זײ זיך אױף. אַנטלױפן זײ. דאָס ערשטע רײסן זײ אַראָפּ די קײזער־קנעפּ פון די צוקנײטשטע שװײסיקע היטלען און װאַרפן זײ אַװעק מיט דערװאַכטן פרײדיקן כעס אין די אױסגעקראָכענע װאָנציעס, װאָס נעמען זיך װידער גלײכן, שפּראָצן, װאַקסן פאַרײנגט. מ׳רײסט די שטערנס פון די צלסטע, די גאָלדענע קאַרגנס פון די אָפיצירן די סמנים פון מאַרטערניש און טױט װאָס האָבן אַזױ לאַנג געהערשט מיט בײזער

קוויילעניש.

ווייבער שטופּן שוין וועגאַלעך מיט רויטליכע ניי־געבוירענע קינדער, נאָך איידער די מאַנען זייערע זענען אַהיים געקומען, מיט אָבגעפרוירענע פינגער פון די געפאַנגען־לאַגערס אין ווייטן שנייאיקן סיביר. ס'טוט זיך עפּעס דאָרט אויבן אין שטאָדט. ס'קאָכט און ס'רוישט. די הויכע רייכע פענסטער, זענען פאַרהאָנגען מיט שטומער איינגעהאַלטענער שרעק און זיי ציטערן הערנדיק די מעכטיקע געשרייען פון די איילנדיקע דעמאָנסטראַציעס וואָס פולן־אָן כסדר לויפנדיק, דעם באַפרייטן דרויסן:

— זאָל לעבן די רעפּובליק! . .

— אַוועק מיטן קייזער! . . .

אַ רויטע פאָן שטעקט זיך אַרויס פון אַ דאַך־פענסטערל. די פרישע רויטקייט פלאַטערט יום-טובדיק אונטערן גראָען הערבסט-הימל, שפּאַלטנ'דיק ווי אַ בליץ די פאַרגליווערטע שוואַרצקייט אין געמיט.

אַ ציימונגס-ייִנגל ווערט אַמאָל פאַרבלאָנזעט אַהער אונטער דער בריק. ער לויפט מיט אַ פּאַק פרישע בלעטער אונטערן אָרעם, וואָס שמעקן געשמאַק, ווי פרישע מצות ערשט פונם אויוון, און ער שרייט מיט אַ גוואַלדיקן הילך אַ קלינגענדיקן, ווי אַ לויטערער גלאָק:

— עקסטראַ אויס — גאַ — בע — וואַ — פּ — נ שטי — ל — שטאַ — נד — — — — פּ — רי — ד — ן . . . ר — עוו — אָ — ל — ו — צי — ע!

און ס'איז נישט מעגליך אים אָבצושטעלן און קויפן אַ בלאַט. ער לויפט ווייטער און שרייט.

מאַקסל קען זיך נישט איינהאַלטן אין שטוב; ס'טראָגט אים אונ'טער. די אומקלאָרע פריידיקייט וואָס האָט ווי אַ וואַרעמער ווינט אַ בלאָז געטון אין דרויסן נעמט דורך-און-דורך, שטופּט זיך אין האַלז, קיצלט די מויל־ווינקלען. מ'שמייכלט.

מ׳לויפט אַלע מאָל אַרויס אין דרויסן, אין פרײלעכן נײעם דרויסן אַרויס. די מויערן, דאַכט זיך, זינקען איין. מען באַמערקט זיי נישט. די טראַמווייס קענען נישט לויפן. זיי מוזן אַלע מאָל שטיין־בלייבן, איינגעענגט צווישן די מענטשן מאַסן. זיי קלינגען אומזיסט. מ׳הערט זיי נישט. די לאָדנס פון די רייכע שוי־פענסטער זענען אַראָבגעלאָזט. ביי די בעלי־בתים זעט מען שוין ווידער אָנגעוואַקסענע גראָבע בייכער.

אונטער דער באַן־בריק איז דער פּלאַץ שוואַרץ פון מענטשן. מ׳הערט דאָס קווינטשען פון די דינסט־מיידלעך אויף די פּלי־וואָגנס, אויף די הוידאַלקעס וואָס וואַרפן זיך שטאַרקער ווי אַמאָל. די קאַטאַרינקעס שרייען זיך איבער איינע די אַנדערע, שפּילן נייע שטיקלעך, רעוואָלוציאָנערע און זיי פאַרשלינגען די קולות פון די קונצן־מאַכערס אין די ביידלעך. מ׳זעט ווי דאָס ריזן־ראָד אין דער הייך דרייט זיך ווידער, שווער און פּאַוואָליע אינדערלופטן איבער די דעכער. שוואַרצע יידן לויפן מיט די שטעקאַלעך אין די הענט, אַהין און אַהער, איילן זיך מיט די פּאַרפּאַפּטע שוין אויסגעצויגענע בערד, שטופּן זיך צווישן די זעלנער, לויפן אַרויף, אַהין אין שטאָדט אַריין. זעלנער קאַליקעס מיט שוואַרצע ברילן אויף די פינסטערע בלינדע אויגן־לעכער, זיצן שוין אונטער דער באַן־בריק. אונטער־געהאַקטע הענט־רעשטלעך, צולעכערטע שאַרבנס, הילצערנע פּיס, שטרעקן זיך אויף דער בלאָטיקער ערד און די היטלען נעבן זיי זענען איבערגעקערט מיט די מיילער אַרויף. זיי בעטן אַ נדבה. ביי די וואָס ציטערן און טענצלען אונטער אין חולה־נופל שטעלט מען זיך אָפּ אין אַ רעדל. זייערע מיילער קרומען זיך, די אַקסלען הייבן זיך, די בייכער טאַנצן. דער גאַנצער גוף ציטערט, טרעסעט זיך, גלייך אומגעזענע הענט וואָלטן אים געשאָקלט, געוואָלט פון אים עפּעס אַרויסטרעסן. די אָנגעשפּרענגטע קעפּ ארבייטן הוידען זיך און ס׳דאַכט זיך אַלץ אַז זיי זאָרגן יאָ, יאָ, און, ניין ניין.

מאקסל טרייבט אוועק פון זיי די קוקערס, די ליידיק-גייערס, נ״צ די קרומע מאָרדעס און בלאָע איינגעקריצטע מיידל-קעפּ אויף די הענט, וואָס דרייען זיך שוין דאָ ווידער אונטער דער באַר־בריק!

— וואָס שטייט איר און איר קוקט . . . גייטס . . .

קיין סך צייט אָבער האָט ער איצט נישט צו דעם. ער זעט ווי זיין געוועזענער שכן, דער הער פּיגטל פאָרט דורך אין אייגענעם אויטאָמאָביל, דעם גלאַנציקן צעלענדער-הויט אויפן קאָפּ און מאקסל באַשליסט אויך צו האַנדלען. ער שטופּט זיך צווישן די זעלנער, ווייבער און יידן ביים באַן-הויף וואָס האַנדלען, קויפן מיליטערישע קאָצן, אַלטע שטיוול, מעסערס, קוק-גלעזער, הויזן.

מאַקסל דער גראָבער האַנדלט דאָ. ער שטופּט זיך צווישן די שרייענדיקע, קהלט זיך צעפלאַמט, שרייט און דינגט זיך, כאַפּט, רייסט פון די הענט און שטופּט זיין געביילטן קולאַק אין פּנימער אַריין, רוקט דאָס קאַשקעטעלע אויפן שטערן און טשעפּעט זיך צו פאר אַ שותף, צו צוויי פארטראָגענע יידן אין פארבלאָטיקטע בעקעשעס וואָס קויפן אַנ׳אַלטן זאק. אָבער אז ס׳קומט צו באצאָלן זיין חלק היזק, ווערט ער נעלם, מאקסל. ער זעט גאנץ גוט וואָס פאר שפּע ס׳טוט זיך אצונד דאָ אונטער-דער-בריק.

ווייבער נייע, וואָס ער קאָן זיי גאָרנישט, לויפן אהין און צוריק אין גרויס איילעניש. זיי פירן ליבע-אויסגעהונגערטע מאנסבילן נאָך אין די זעלנערישע רעק, אָבער שוין פשוטע קאפּעליוטשן אויף די קעפּ און די ווייבער זשויבען, לייזן, פארדינען געלט, מער ווי תמיד. זיי קומען אלעמאָל אויפסניי אָנגעלאָפן, טרעסנדיק די גראָבע פליישן, די רויטע היטלעך זיצן קרומלעך אויפגעלעבט און האָפער׳ דיק אויף די פארפוצטע קעפּ. זיי דאַרפן אפילו אצינד נישט רופן מער די קונים מיט גיריקע בליקלעך און מיט זיסע רייד. ווארום די מאנסבילן קומען אליין. לויפן נאָך די ווייבער, דרייען זיך ארום

זיי, ווי די הענער, שמעקן מיט די נעז, טאַפּן מיט די ציטערנדיקע הענט פון גיריקייט. זיי קענען זיך גאָר נישט דערוואַרטן, ביז זיי וועלן אַריין מיטן ווייב אין שטיבל אַריין.

דאָס געפּענטעטע לעבן איז באַפרייט געוואָרן. אין דעם דרענגענדן מענטשן־שטראָם שווימט דער אַלטער האָרוואַצקאַס רויטע ברייטע פּאָלערינע, מ'צוטראָגט איר די ביינער. זי פּירט, זיס־שמייכלענדיק מיטן אומשולדיקן קנייטשל אין דרייפּאַכן גוידער די קונים צו צווייט מיט אַמאָל, און ביי איר אין הויז־טויער טוט זיך אַ גאַנצער יריד. מאַנסבילן שטופּן זיך און גויעס שלעפּן קרעכצנדיקע ציגן ביי די שטריק.

די האָרוואַצקאַ האַלט איצט אַ צאַפּ צום פּאַרדינען. זי איז אויפגערעכט געוואָרן. די ג...ס באַצאָלן און דער האָרוואַצקאַס צאַפּ פּאָרט זייערע ציגן. אָבער ער וויל נישט, דער צאַפּ. ער באַהאַלט זיך כסדר, פאַרשטופּט זיך אין דער טיפענישט פונם קאַסטן, אין אָנגעמיסטיקטן טונקלען הויף וואָס דינט אים פאַר אַ שטאַל און ער וויל נישט אַרויסקריכן צו די ציגן. די האָרוואַצקאַ רופט אים מיט גוטן:

— קום טייערער . . . קום.

זי ווינקט צו אים מיט אַ פינגער, צוקוועטשנדיק איין אויג. ער רירט זיך נישט. זי שלאָגט אים מיט אַ שטעקן, מיטן בעזים, שלעפּט אים פאַרן בערדל — ס'העלפט נישט. ער בלייבט דאָרט, ווי צוגעקאָוועט, באַהאַלטן אין זיין פינסטערן לאָך. מאַקסל דער גראָבער העלפט איר דערביי. דאָס קאַשקעטעלע אָנגערוקט הויך אויפן שטערן, די צופלעטשטע נאָז אָנגעבלאָזן, שלעפּט ער אָנשטרענגענדיק די לעצטע כחות דעם צאַפּ מיט ביידע הענט, פאַר די געדרייטע, האַרטע עקשנותדיקע הערנער. מאַקסל ברומט און סאַפּעט שווער. זיין קאַרק איז בלאָ און געשפּאַנט ווי אַ גומינע קישקע, דער צאַפּ אָבער רירט זיך נישט פונם ווינקל. און ערשט, אַז די האָרוואַצקאַ פּאַקט,

מיט דער זשמעניע, דאָס פּרצוף בלאָ און צוקרומט פון כעס, דעם צאַפּ ב״י די בני מעים, טוט ער אַ גיכן ציטערדיקן געשריי און ער קריכט אַרויס פון זיין באַהעלטעניש צו טון בעל כרחך, זיין אַרבעט.

אַז מאַקסל קומט אַהיים צו זיך אין שטוב, זיצט די צושויבערטע אַלטע ביים פענסטער אויפן שטיל, מיט די אַרויסקריכנדיקע פלאַק׳ סענע געדערים איינגעוויקלט אין די געלע שמאַטעס. דעם צעשיטן פאַרקלעבטן טייטש-חומש האַלט זי אויף די שפּיציקע קני און דאָס איינגעפאַלענע, טויטע, ליידיקע מויל מורמלט, מורמלט:

— „אויך לערנין אונזשרי חכמים אָפּ פון דאנין, דאָס איין מענש זשאָל איין שטיין אין די האַרבריגן ווו ער איזש פריער איינגעשטאַ׳ נען, כדי ער זשאָל דעם ערשטן בעל הבית קיין חרפּה נישט אָן טאָן״!!

יידן, חכמים, אין שפּיציקע ספּאָדיקעס, שוואַרצע קליינע מיט פו׳ לע קיילעכדיקע בערד, אַלע צונויפגעקוועטשט אין אַ געדעכט רעדל און אַרומגעגאַרטלט מיט גאַרטלען ווו מ׳זעט זיי אויפגעמאָלן אין דער הגדה, דרייען זיך פאַר דער אַלטערס אויגן. זיי גייען אַרויס פון מצרים מיט פעקלעך אויף די פּלייצעס, וואַנדערן אין דער מד-ר, ברענגען קרבנות אין בית המקדש וואָס ווערט חרוב, לערנען תורה, מאַכן קדוש, קריגן זיך מיטן ווייב און פאַרדינען נישט אויף פּרנסה. אַ גרויסע גראָבע באַהאַלטענע פליג פאַלט אַראָפּ אויפן טייטש-חומש, איבערגעקערט מיט די פיסלעך אַרויף וואָס ציטערן אַביסל. די אַל׳ טע דערפילט רחמנות צום לעבעדיקן שרץ. מיט צוויי קנעכערנע גע׳ לע איינגעדאַרטע שפּיץ-פינגער נעמט זי די פליג און קערט זי צו׳ ריק איבער. די פליג דרייט זיך אין אַ רעדל ווי שכור אויפן טייטש׳ חומש דערנאָך פאַלט זי ווידער איבערגעקערט מיט די פיסלעך אַרויף — טויט. שטום-שוויגנדיק שטעלט די אַלטע אָן די פאַרשפּיצ׳ טע, דינע, איבערגעבויגענע נאָז מיט דער גראָבער בראָדיווקע אויפן שפּיץ צום פענסטער. אין דעמעריקן פּראָסטיקן דרויסן זעט זיך

פאַרבײַלויפן אַ מחנה פרעמדע באַוואַקסענע קויטיק-צופליקטע מענשן מיט קעסטלעך און קלימעקלעך אויף די פּלייצעס. זיי דרענגען זיך, שטופּן זיך מיט פריידיקע געשרייען, איין קאָפּ איבערן אַנדערן און כאָטש זיי גייען דאָרט כּסדר דאַכט זיך אויס, אַז זיי שטיין אַלע אויף איין אָרט ווי אַ טשערדע שאָף וואָס גייט פאַרנאַכט אַהיים פונם פעלד:

— מאַקס, מאַקס, קום נאָר אַהער, ווער זענען די לייט? . . .
רופט די אַלטע, בײַם פענסטער.

— רוסן . . . דאָס זענען געפאַנגענע רוסן . . . זיי גייען שוין אַהיים . . . אַהיים פאָרן מיטן באַן . . .

ענפערט מאַקסל אַ קוק-טוענדיק אין פענסטער.

— פאַרוואָס עפּעס?

— פאַרוואָס, פאַרוואָס, ווייל ס'איז שוין אויס מלחמה, אַלטע . . . ווייסט נישט? . . . מ'טרייבט שוין אַרויס דעם קיסר . . . גאַנץ גלייך אַזוי. מ'דאַרף נישט קיין מלחמה און מ'דאַרף נישט קיין קיסרים . . .

— מ'טרייבט אַרויס דעם קיסר? . . .

פרעגט די אַלטע אומגלויביק דערשראָקן און ס'דאַכט זיך איר אַז אַצינד מוז שוין קומען איר כּוח אויך.

— מ'טרייבט אים אַרויס, ווייל גיר האָבן פאַרלוירן די מלחמה. גאָר נישט ווייסט זי . . . אַבי זי זיצט אַ גאַנצן טאָג בײַם פענסטער . . . איי אַלטע, הערסטו . . . נו . . .

— פאַרוואָס האָב'מאַ עפּעס פאַרלוירן, מאַקס? קום נאָר אַהער מאַקס? דערציייל מיר אויך עפּעס . . . מאַקס . . .

די אַלטע גלייבט נישט און זי איז שטאַרק נייגעריק צו וויסן וואָס דאָ טוט זיך אַזוינס. אָבער מאַקסל ענטפערט איר שוין נישט. ער זיצט אַצונד אויפן ראַנד פונם קוילזיקן צוקנייטשטן בעטל און מיט דינעם באַהאַלטענעם נקמה-געפיל רוקט ער די האַנט אַ טאַפּ צו

טון דעם ווייבס שטערן, וואָס איז שוין שוואַרץ קלעביק און די לעקלעך אויף אים, קלעבן זיך קאַלט ווי טויטע ווערים. אָבער די קראַנקע שטופּט אים צוריק די האַנט מיט די לעצטע כחות.

— מיצי, איך בעט דיך, טרינק אַ גלאָז ווײַן . . . די מוזט טרינקען . . . ווערסטאַך דערקוויקן . . .

מאַקסלס צוגעקוועטשט אייגל פינטלט גיך פון רחמנות. ער הייבט די הויזן און איילט זיך פון טרויריגקייט.

— ווײַן . . . גלייך ער האָט געלט אויף ווײַן . . . וואָס איז געלט אָסטו? אַז אַ ייִד זיצט אַ גאַנצן טאָג אין שטוב . . . ער זיצט אין שטוב און זי כאָליעט אין בעט, מיינע שונאים . . .

די אַלטע רעדט פּאַוואָליע, צעצויגן, ברייט ביז זי ווערט אַנטשוויגן. דאָס אייגעפאַלענע דינע קויל אין דער כּישוף־ניש פון דער שאַרפער שפּיציק־איבערגעבויגענער מאָדנע איז גיפטיק פאַרשמאָלט, מיט אַ דין שמייכעלע און דער צוזויערטער קנעכערנער קאָפּ שאָקלט זיך אויפן אַלטן איינגעדאַרטן צוקנייטשטן האַלז, ציטערט כסדר: ניין, ניין, ניין.

ס'איז שטיל א רגע אין דער קאַלטער טריבקייט פונם שטיבל. דער בישט־געהייצטער פאַרזשאַווערטער אייזערנער אויוון אָטעמט מיט דער דומפּיקער געדעכטער טרויריגקייט פון שטיבער ווו ס'ליגט אַ שטענ־דיקער חולה. מ'הערט אַ טויבן צוגעדושעטן קלינגען ערגעץ פון אַ וווייטן קלויסטערגלאָק:

— וואָס הייסט געלט! . .

שרייט מאַקסל:

— נו וועל איך מיר לייען . . . מיצי וואַרט אַ מינוט איך לויף אַריין צו דער האָרוואַצקאַ לייען צוויי קראָנען . . .

ער כאַפּט זיין קאַשקעטעלע, לויפט אַרויף אַ טרעפּ העכער און קלאַפּט אָן אין דער האָרוואַצקאַס פאַרדעכטיקער שטום־פאַרשלאָסענער

טיר. אָבער יענע לאָזט אים נישט אַריין. ביי איר אין שטוב פּראַוועט מען היינט אַ סעודה, אַ פּראַזניק וואָס דויערט טעג און נעכט לאַנג. די שוואַרץ־קויטיקע פענסטער־פאָרהאַנגען זענען נאָך אַמאָל געדעכט, טונקל, פאַרהאָנגען, מיט טונקעלע טיכער און שמאַטעס. אין דער אָנגערייכערטער האַלב־טונקעלער שטוב וואַלגערן זיך פאַרדעכטיקע שכורע פאַרשוינען מיט קאָרץ־געשוירענע האַרטע עקיקע קעפּ און שמאָלע פאַרוואַקסענע שטערנס. אויף זייערע שטעכיק־געגאָלטע אייבערשטע ליפּן איז געשטעמפּלט יענער שרעקיקער, גראָבער חותם פון קרימינאַלניקעס וואָס קומען ערשט אַרויס פון תפיסה.

ווייבער אין די הויזן, מיט נאַקעטע אונטער־חלקים, בלויז מיט שיך און זאָקן אויף די פיס, די גראָבע פליישן אַרויסגעקוועלט, די אויגן פאַרגאָסן אין שכרות, זיצן אויף קניעס, וואַלגערן זיך אין די ווינקלען, צו־לייגן זיך אויף דער איינגעפאַלענער קרעכצנדיקער זאָפע, שרייען, צובלוטיקן זיך, בייסן זיך מיט די ציין די צוהיצטע לייבער הערזשען הייזעריק, קוויטשן און זינגען. ס'איז דאָ אין דעם, יענע ווילדע, גויעשע הפקרות, פון די געצן־דינער, וואָס זייערע אומוועריקע מעשים זענען אַ גרויל פאַרן בורא אין הימל. מ'גיסט אין פאַר־קרומטע שוימנדיקע ברילנדיקע מיילער גלעזער זויערן וויין, קאַלאַ־מוטנעם בראָנפן, מ'קלאַפּט מיט די פויסטן אין טיש און דאָס רויע געלעכטער, די הייזעריקע געשרייען און זינגען, ווערט פאַרשלינגען פון די קלאַנגען פון אַ צי־האַרמאַניקע אין געדעכטן נעפּלדיקן האַלב־טונקלען רויך. אַ פאַרפּוצטע, דעם אָנגעבעטן קאָפּ, באַשטעקט מיט קעמלען, די פליישיקע בלאָע נאָז באַשיט מיט ווייסן פּודער, שווימט אַרום די האָרוואַצקאַ, ברייט צושמייכלט טרעסנדיק די לייטזעליקע קנייטשלען אין איר נאָכהענגענדיקן גוידער און זי לויבט איר סחורה:

— מ'באַקומט היינט נישט קיין פלייש, אָבער „דאָס" איז נאָך

בעסער ווי חזיר־פלייש, הערשאַפטן . . . מיינע אייגענע היגטלעך, פעט און געשמאַק.

און אַלע מאָל שווימט זי אַריין אין שטוב אַריין צו די געסט מיט אַ ברוין פעט־אָנגעבראָטן הונטל, וואָס ליגט צעלייגט אויפן טעלער איבערגעקערט, גאַנץ, מיטן קעפל, די האַלבע פיסלעך אַרויף און ס׳שמעקט מיט א שאַרפן, פרעמדן זיסל כ׳ ריח. ס׳זענען דאָס די זעלביקע שיינע הינטלעך וואָס זי האָט געהאַלטן צו היילן אין איר שפיטאָל, וואָס זי האָט זיי ליב געהאַט, מיט גויעשער ליבשאַפט, גע׳קאָכט פאַר זיי קאַווע, און געשלאָפן מיט זיי אין איין בעט. דאָס פלייש ווערט פאַרטיליקט פון די גיריקע מיילער און די האָרוואַצקאַ ברענגט נאָך. אין שטינקיקן פינסטערן קעך־ווינקל דושען די שמאַ־טעס, אויפן שוואַרצן קוילן־קאַסטן הערט זיך אַ שוואַך קרעכצן:

— מאַמע גיב עפּעס עסן . . .

דאָס איז דער אַלטערס זון, אַנטאַן וואָס איז שוין אַהיים־געקומען פונם שפיטאָל. אויסגעזויגן, קנעכערן־פאַרשפיצט ווי אַ שקעלעט, איין פיס אָבגעשניטן אין גאַנצן, דער אַנדערער אונטערגעזעגט אויף אַ העלפט. ער ליגט דאָ, אַ בינטל דאַרע קנאָכן, א פלעק לעבעדיקע שוואַרצקייט, פאַרווישט אין קלעביקער, דומפּיקער, פינסטערניש, וואָס רירט זיך טונקל און שרעקיק.

— וואָס ליגסטו אין דער היים דו קאַליקע . . . גיי אונטער דער בריק אַרונטער . . . אַלע מלחמה־קאַליקעס שטייען שוין אונטער דער בריק און בעטלן . . . מאַכן שוין געלט. און ער ליגט נאָך אין דער היים.

די מאַמע בייזערט זיך און זי קען אים נישט מוחל זיין, דעם זון איר׳ן, וואָס ער שטערט איר אין דער גדולה . . . דער זון פילט דאָס און פאַרענטפערט זיך:

— איך קאָן נאָך נישט גיין . . . כ׳האָב דאָך נאָך נישט די

קיליעס . . . אַז כ׳וועל האָבן די קיליעס וועל איך גיין אונטער דער בריק אַרונטער . . .

אָנגעבויגן, די קאָלנערס אויפגעשטעלט, די זעקלעך מיט די שפּי־ציקע פּאַרקרומטע געציייגן אונטער די פּאָלעס, די שאַרפע מעסערס אין די קעשענעס, פאַרשווונדן זיי, די פאַרדעכטיקע פאַרשוינען פון דאַנען, שלייכן אין דער שטילער נאַכט גלייך אין די פינסטערע קאַנאַלן אַריין, אין די שיפע קעלערס אַריין, ברעכן שלעסער, האַקן קאַסע־קאַסטנס, שטעכן די מעסערס אין וואַרעמען מענשליכן פלייש אַריין. די האָרוואַצקאַ סודעט זיך מיט זיי, דרייענדיק גיך דאָס בייר־טע ביטרע מויל און פינטלנדיק געהיימניספול מיט אירע גנבהשע איינגעבעטע ווינקנדיקע אויגן. זי גיט זיי עצות, צאָלט געלט און זי באַהאַלט גנבישע פּעק אין קוימען אַריין. דער רויך קנוילט זיך אָב־געשוואַכט גרינלעך אונטער דער סטעליע, די געדעכט־פאַרהאַנגענע פענסטער, בלייכן אין זויערער פאַרטאָגיקער קעלט.

מ׳הערט אין ענגען בלאָטיקן הויף מיט די אָנגעוואָרפענע שמאַטעס, צו־בראָכענע קעסטלעך אַ גויגל פייפן. די אַלטע האָרוואַצקאַ בלייבט אַליין אין שטוב. זי האָט נאָך אַ סך ארבעטן צו טון. כּודם כּל דאַרף זי ציילן געלט און דאָס גוט באַהאַלטן אין שטרויזאַק פונם בעט. ווארום זי ווייסט איר סוף. איינער פון אירע נאַכטיקע געסט, עפּעס אַ פרעמדער פאַר־שווינדל, וועט איר צוהאַקן דעם קאָפּ מיט אַ האַק, איבער שניידן דעם האַלז מיט אַ גאָל־מעסער און אַוועקגראַבעווען דאָס ביסל אָב־געשפּאָרטע געלט. דערנאָך דאַרף זי אויפרוימען די שטוב, עסן אָנבייסן, גיין איינקויפן און אויפן ווייסן טאָג אַרויף זיך לייגן שלאָפן, כּדי ערשט נאָכוואַרימעס אויפצושטיין פודערן די פּיסקעס, פאַרקעמען דעם קאָפּ און אַרויסגיין אויפן פּלאַץ אונטער דער באַן־בריק זוכן נייע קונים. זי דערהערט פּלוצים אַ שטאַרקן קלאַפּ אין טיר, אַ פרעמדן. זי שלייכט אַהין צו, זי קוקט ארויס ... אײן

אויג דורכן קיך־לאָך, פּאַזאָליע, צוקרוסט, פּאַרעבעס, [illegible] זעט דאָרט פאַר דער טיר, אויף די פינסטערע טרעפּ [illegible] שווארצליכע יידן אין הויכע צעלענדער־היט, אין [illegible] רעק און מיט שטעכיקע קאָרצע בערד, צוויי קברנים פון דער קהלה. געקומען זענען זיי אוועקנעמען מאקסל דעם גראָבנס ווייב, מיצי וועלכע איז אין דער נאכט געשטאָרבן און זיי האָבן פאר בלאָנזעט צו דער האָרוואצקאס טיר. דער שווארצער מזיטן־וויאַגן האָט געווארט אין דרויסן. אז די האָרוואצקא האָט געעפנט א טיר־שפּעלטל האָט די יידן א זעץ געטון פון דאָרט עפּעס א פארדעכטיקער, זיסלעך־זויערער, גויעשער ריח, וואָס האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם. די יידן האָבן זיך צוגעהאַלטן די נעז.

זיי האָבן דערזען די האָרוואַצקאַ, אַ צופּאַטלטע, מיט נאַקעטע גראָבע פליישיקע אָרעמס, די נאַקעטע ווייכע נאָכהענגנדיקע בלאָליכע, יידיקע ברוסטן האָבן אַרויסגעקוועלט פונם קויטיקן בלויזן העמד ווי צוויי שטיקער אַלט טייג, ביז אויפן געפּאַלדעוועטן פליישיקן בויך אַרויף און די יידן האָבן ביידע אינאיינעם, האַלב־בייזליך, האַלב־אָפּגעשוואַכט אַ פרעג־געטון:

— ווו איז דאָס מת? . . .

מיר האָבן נישט קיין צייט.

— מיר זענען געקומען נאכן מת.

די אַלטע האָט געוויזן מיט אַ פינגער:

— דאָרט אונטן, ביי מאַקסל דעם גראָבן. ביים ייד . . . וואָס איילט איר זיך אַזוי מיינע הערשאַפטן? ביטע שיין, קומטס אַריין. קומטס נענטער. שעמט אייך נישט זיסע. אוצרלעך טייערע. נו הער־שאַפטן . . . מיר וועלן זיך גוט משמח זיין . . . זייער גוט. איר העט זען. איר וועט נישט האָבן קיין חרטה. איך נעם זייער ביליק. קומטס נענטער . . .

די האָרוואַצקאַ האָט זיסליך געוווּנקען מיט איר געמאַכטן פאַלשן שמייכעלע אין גוידער-קנייטשל. זי האָט ריידנדיק געעפנט די טיר נאָך מער אַביסל, שמאָל-באַהאַלטן צום אַריינלאָזן זיי.

די צוויי קברנים האָבן זיך איבערגעווינקען מיט צושמייכלטער פאַרשטענדעניש, גליסטיק. זיי האָבן זיך אַ שטאַרקע געטון מיטן עלנבויגן:

— נו קום. גיין מיר אַריין?

— קום.

אַז זיי זענען שפּעטער אַביסל אַרויסגעקומען פון דאָרט זענען זייערע האָרבאַטע נעז געווען נאָך לענגער, ברוגז-אָנגעדרודלט און אָבגענאַרט. זיי האָבן בייזליך-שטום געקנעפּלט די רעק און נישט אָנגעקוקט זיך. דער אַהין און יענער אַהער.

ביי מאַקסלן אין שטוב האָבן זיך די יידן נישט אומגעקוקט. געטון זייערס מיט געניטשאַפט ווי בעליבתים ביי זיך אין דער היים:

— אל מל — א ר — ח — מ — י — ם . . .

האָבן זיך ביידע אינאיינעם מיט איין קול אַ גאָרגל געטון היי־זעריק אין זייערע דייטשע פיר-קאַנטיק אָבגעטרעסעטע שטעכיקע בערד אַריין, מיט יענעם באַקאַנטן טרויער-נגון וואָס ס׳ליגט אין אים די גאַנצע פייערליכקייט פונם טויט. און גיך, גיך, איילנדיק ווי ביי אַ שרפה האָבן זיי די טויטע, אַ וויקל־געטון אין ליילעך, גענומען זי אויף די אַקסלן און אַראָפּגעטראָגן פון די טרעפּ. אַ שטיקל פוס פונם מת, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פונם ליילעך, געל און האַרט ווי האָלץ, האָט זיך אַלעמאָל אָנגעשלאָגן אין צובראָכענעם טרעפּ-געלענדער, פאַרטשעפּעט זיך אין שוואַרצן וואָגן, ווו מ׳האָט דאָס מת געטון אַ רוק אַריין. דער עלטערער קברן האָט אָנגערוקט טי־פער זיין הויכן צילענדער, אַ טרייב געטון די צוויי שוואַרצע פערד מיטן בייטש און דער וואָגן איז הויך-קלאַפּנדיק אויף די שטיינער,

אין דער גאַנץ־פריענדיקער גראָער ליידיגקייט אַריין אַוועקגעפאָרן דורך דער געוועלבטער באַן־בריק ווו דאָס ווידער־קול קלאפט טויב קיי־לעכדיק, אונטער די שוואַרצע שטיינער, פאַרביי דעם פלאַץ ווו מ׳האָט שוין געזען זיך אַרומדרייען די ערשטע ווייבער פאַרפוצטע, רויט־אָנגעפאַרבטע.

די הענט אין די הויזן־קעשענעס, דעם שווערן קיילעכדיקן קאָפּ אָנגעבויגן, האָט מאַקסל זיך אַרומגעדרייט אַהין און צוריק אין שטוב. ס׳איז אים מיט־אַמאָל דאָ גראם און ליידיק געוואָרן. די איבערגעבליבענע קלעביקע האַלב־ליידיקע מעדיצין־פלעשלעך אויפן קעסטל, ווינקען בלאָ און גרין און מאַקסל מוז אַלעמאָל אַ קוק־טון מיטן קרומען גלעזערנעם אויג אין ווינקל אַריין צום קויטיק־צע־וואָרפענעם בעט. אַ שרעקיק־גראָע קעלט ציט זיך דאָרט פון דער ליידיגקייט אין דעם. דער אַלטער פאַרזשאַווערטער זייגער אין ווינקל, קלאָפּט הויך, פאַרלאָזן און טרויריג.

די צעשויבערטע אַלטע קריכט אַצינד אַרום שווייגנדיק, אויף אירע געלעמטע פיס, ווי אַ גרויסע גראָע זשאַבע, צווישן די שמאַ־טעס אין די ווינקלען. זי פאָרעט זיך דאָרט, קערט מיטן בעזים און זי גיסט אויס גרינליך־פאַרשימלט וואַסער, דערנאָך פאַרהענגט זי דעם געפלעקטן שפיגל מיט אַ שוואַרצער שאַל, און באַלד זיצט זי שוין ווידער אין אויסגעבעטן שטיל ביים פענסטער. א פיר קוילן פאָרט דורך אין דרויסן. דער אָנגעלאָדענער וואָגן סקריפּעט שווער. פון אונטער די שווערע פערד־פיס אויף די שטיינער שפּריצן אַפיר פינקן און די שויבן ציטערן לייכט.

— מאַקס, מאַקס, וואָס זאָגסטו זישט קיין קדיש, מאַקס . . . אָסט באַגראָבן דאָס ווייב, אַ בראָך צו דיין קאָפּ, נעם און זאָג כאָטש קדיש . . . טו אויס די שיך, זעץ זיך שבעה . . . הערסט מאַקס ? . . .

מאַקסל טוט אויס די צופליקטע שקראַבעס פון די פיס, ער פאַר־שטייט וואָס די אַלטע מיינט. ער ווייסט אַז ס׳איז אַצינד אַן עת צרה אויף אים, אַז ער דאַרף אַצינד בעטן . . . בעטן צו גאָט . . . צום יידישן גאָט פון דער „קולטוס־געמיינדע״, דעם שווערן, גראָען אָנגעמיסטיקטן הויז אין יידישן געסל, ווו מ׳נעמט מצות אויף פסח, מ׳האָט דאָרט חתונה, מ׳גט זיך מיטן ווייב, און אַז מ׳שטאַרבט, נעמט מען פון דאָרט אַוועק, מיטן וואָגן. מאַקסל דער גראָבער ווייסט אַז זיין גאָט, דער יידישער זיצט דאָרט אַ שטרענגער, אַ בייזער, אַ שרעקליכער, וואָס האָט אַ ווייס אַלט פנים מיט אַ לאַנגער געדעכ־טער ווייסער בייזער באָרד, פונקט ווי ביי איינעם פון די רבנים וואָס ער האָט דאָרט געזען אַמאָל זיצן אין אַ באַזונדער שטיבל, אויף אַ ברייטן אויסגעבעטן שטיל.

ער וואָלט געוואָלט בעטן מאַקסל, צו גאָט, אָבער ער קען נישט. ער ווייסט נישט ווי־אַזוי. ער שטרענגט אָן דעם שווערן מח, דער שטערן שוויצט אים פון טרויעריגקייט, ער דערפילט זיך אָבגעשוואַכט, אָן כחות, ווי נאָך אַ הייסער באָד. אָבער ס׳גייט נישט. ער האָט קיינמאָל נישט „געבעטן״ מאַקסל דער גראָבער, ער קאָן נישט:

— איך האָב פאַרגעסן . . . איך קאָן נישט בעטן . . . הערסט אַלטע . . . ה׳כאָב פאַרגעסן, ווי אַזוי מ׳בעט . . .

ער פאַרענטפערט זיך אין שולדיגקייט, אָבער די אַלטע טענהט ס׳איריגע:

— אַ שיינער מאַן . . . דערהרגעט דאָס ווייב און זאָגט אפילו נישט קיין קדיש . . . ווי צו מיינע יאָר . . . נו, וואָס וועט זיין אַצינד . . . מלכה שוין אויך געשטאָרבן . . . מיצי מיין איך . . . פון וואַנען וועט מען נעמען צו לעבן? . . . וואָס׳עט מען טון? אין אַזאַ יקרות . . . געבליבן אַליין אויף דער עלטער . . . אַליין ווי אַ שטיין . . . ווי איז מיר. וואָס עלעך טון? . . . אַליין.

דער צופּאַטלטער אויסגעקראָכענער גראָער קאָפּ, אירער שאָקלט זיך אין צער. דאָס איינגעפאַלענע מויל אונטער דער פאַרשפּיצטער טרוקענער נאָז מיט דער בראָדאַווקע, שורמלט, מורמלט עפּעס. זי געדענקט אַצונד די אַלטע, ווען די עטלסטע טאָכטער אירע, מלכה, איז נאָך געווען אַ קליין שיין מיידעלע, מיט אַ געל־קוטשעראַווע גאָלדן קעפּל אין ווייסן קאָרצן סטענדל. אַצונד האָט מען זי שוין אַריינגעלייגט אַ פאַרפוילטע אין דער ערד אַריין . . . א וויטאָג דער מאַמען . . . זי האָט שוין געפוילט אַ לעבעדיקע נאָך. אָי, אָי אָי. אַ שיינער תכלית געוואָרן פון איר. אַ מאוסע פרנסה געהאַט, אַ ביטערע און אַ זינדיקע. זיי איר מוחל גאָטעניו. דו ביזט א דער׳ באַרעמדיקער פאָטער. דו ווייסט אַלע אמתן.

די אַלטע קרעכצט. זי דערמאַנט זיך אַצונד אַלץ מער און מער, ווען די טאָכטער אירע, איז געווען אַ קליין קיילעכדיק מיידל אַ פּאַרקויפּערין אין אַ רייכן זאָקן־געוועלב איז זי דעמולט געווען אין דער רייכער, גלאַנציקער קערנטנער־שטראַסע. אַז דער בעל בית אירער, א גראָב־בייכיקער דייטש מיט אַ פעט געפאַלדעוועטן קאַרק פלעגט דאָס מיידל אָנקוקן, האָט זיין גלאַנציקער פּליך געשיינט מיט א גליסטיק שמייכעלע. די ערשטע פּאָר זיידענע זאָקן האָט ער איר געשענקט, מיצין, א מתנה. געבראַכט איר זיי אין האָטעל אַריין ווו ער איז מיט איר געבליבן א שעה צייט אין פאַרשלאָסענעם טונקלען צימער. אונטערגעוואַקסן אַביסל האָט זי זיך שוין געדרייט, מיצי, אַליין, אין דער קערנטנער־שטראַסע, צוגלייך מיט אַלע שיינע, מיידלעך דאָרט, מיט די רויט־געפאַרבטע ליפּן, געזעסן גאַנצע נעכט אין די גאָלדבאַצירטע קאַפעס אין ווינקל אויפן רויטן פּלוש־זאָפעלע, געטרינקען וויין מיט אַ הער וואָס האָט זי געהאַלטן אויפן שויס, און זי מיטגענומען מיט זיך. כּינוואַנען זי פלעג אַהיים־גיין ערשט גאַנץ־פרי, ווען די שוואַרצע מענשן כוואַליעס שאַרן

זיך ביי די טויערן, לויפן צו דער אַרבעט. די טראַמווייען זענען מיט זיי אָנגעפּולט.

סודות, דאָקטוירים, שפּיטעלער, יסורים און פאַרפּודערטע קרעצלעך אויפן צוקנייטשטן געלן פּנים, אַלט פאַר דער צייט. קאַרג איז דאָס שטיקל ברויט אין אָרעמע שטיבער, פאַרביסן און בייז איז דאָס קריגעניש פון פאַרביטערטע טאַטע-און-מאַמע. און אַז די טאָכטער ברענגט פון ערגיץ אַהיים אַ פאַרדינסטל, איז דאָ צו-שטייער אויפן דירה-געלט וואָס מ'האָט קיינמאָל נישט צו צאָלן. מ'פרעגט נישט קיין שאלות און מען מאַכט זיך נישט וויסנדיק:

— וואָס איז זי עפּעס די טאָכטער אירע? די עלסטע. די שיינע?

— אַ פריזערקע איז זי. זי גייט אַרום אין רייכע שטיבער און זי פריזירט קעפּ פון דאַמען און הערן. אין אַ גרויסער שטאָדט איז אַלצדינג אַ פּרנסה . . .

און אַז די טאָכטער האָט געבראַכט צו פירן אַהיים דעם ערטשן פאַר־עכטיקן פאַרשוין, מיט אַ קרומער מאָרדע, פאַרשליסנדיק זיך מיט אים אין באַזונדערן שטיבל, האָט די מאַמע שוין פאַרקרומט די נאָז, געשפּיגן, פאַרצויגן דעם שטערן אין טיפע קנייטשן:

— ווער איז דאָס עפּעס געווען ביי מיר אין שטוב? פּע. שפּעטער אָבער געוויינט מען זיך צו די „געסט", מ'הערט ווי ס'שאַרכעט דאָרט אין „קאַבינעט", ס'סקריפּעט די אַלטע זאָפקע, און די מאַמע קוקט שוין שטום אין פענסטער אַריין. אַ פּרנסה ווי אַלע פּרנסות . . .

מען האָט זיי שוין געזען די מאַמע מיט דער טאָכטער גיין אינאיינעם שפּאַצירן אַביסל אין די גאַסן. די מאַמע, זי אונטער־פירט די טאָכטער, ביידע האָבן זיך געהאַלטן אונטער די אָרעמס, געגאַנגען פּאַוואָליע טרעסענדיק די שוואַרצע, ביליקע היט אויף די פאַרקעמטע שפּיץ-קעפּ. די טאָכטער וואַרפט אַ שמייכלדיק בליקל צו אַ פאַרבייגייענדיקן מאַנסביל און די מאַמע קוקט פאַרגנבעט,

היט צו ער גייט נאָך . .

— ער גייט?

— ער גייט.

און אַז די מאַמע איז שוין געבליבן זיצן מיט די געליימטע איינגעפאַקטע פיס, שטענדיק ביים פענסטער, אין געשטאָרבענעם טאַטנס אויסגעבעטן לעדערנעם שטול אויף רעדלעך, האָט זיך די טאָכטער פון לאַנג שוין געהאַט אַרומגעדרייט, גלייך מיט אַלע גאַסן־ווייבער אונטער דער באַן־בריק נאָנט פון דער שטיב, איר מאַן מאַקסל דער גראָבער האָט זי שוין געהיט און זי האָט געפירט פאַרדינען, אָרעמע לייט, אָבגעפאַרטיקט, צוגעפודערט דאָס פנים, דאָס בעזל, אַ קייגן געפלעקטן געשפּאָלטענעם שפּיגל, און זי איז ווידער אַוועקגעגאַנגען אונטער־דער־בריק אַרונטער. איצט אָבער וועט זי שוין נישט מער צוריק־קומען די טאָכטער. זי וועט שוין נישט מער אַריינקומען אין שטוב אַריין און זי, די אַלטע וועט דאָ זיצן אַליין, אַליין ביים פענסטער. אין דרויסן אַרויס, קאָן זי שוין נישט אַרויסגיין. די געלעמטע, געשוואָלענע פיס דינען שוין נישט. מאַקסל דער איידעם אירער, וועט אַוועק. וואָס וועט ער טון דאָ מיט איר? ער וועט חתונה האָבן מיט אַן אַנדער ווייב און זי וועט דאָ בלייבן זיצן אַליין, אין דומפּיקן טונקלען שטיבל נעבן פענסטער, זיצן אויסגעבעטן שטול מיט די אַרויסקריכנדיקע פלאַקסענע געדערים, דאָס פאַרשרומפּענע פּנים אונטער די גראָע האַרטע צושויבערטע האָר, ווי אַ גרויסע שפּין צוגעקלעבט אין שויב־ווינקל . .

ס'גליסט זיך איר צו וויינען, דער אַלטער. אָבער די טרוקענע איינגעזונקענע אויגן, ווי די קעפּלעך פון פאַרזשאַווערטע צוועקעס, בלייבן טרוקן, ס'קומט פון זיי גאָר נישט אַרויס, און זי זאָגט:

— מאַקס, נו מאַקס זאָג כאָטש קדיש . . .

מאַקסלען דאַכט זיך, אַז ער זעט דאָס ווייב זיינס ווי זי שטייט בלויז

אין די לאנגע זאָקן אויף די הויך־קנאַפּלדיקע שיך, ביים פּאַרהאַנגענעם שפּיגל, זי רייכערט אַ ציגאַר און דער רויך ציט זיך אין צוויי גליי־כע וואָלקנדלעך פון דער נאָז. זיין עקיגע מאָרדע הייבט זיך אונ־טער אַביסל דערשראָקן. ער זעט נישט גאָר נישט און ער פילט זיך באַפרייט פון אַ שווערער לאַסט וואָס ס׳איז אים אַראָפּ פון די אַקסלען. אויף אייביק:

— איך קאָן נישט בעטן אַלטע. כ׳האָב פאַרגעסן. כ׳ווייס נישט וואָס מ׳זאָגט . . .

— קענסט נישט? . . . וואָס דען קענסטו אַ שטייגער, האַ? כ׳וואָלט געוואָלט וויסן וואָס דו קענסט . . . אַ שיינער ייד . . . היינטיקע יידן . . . ווי איז מיר אין האַרץ . . .

די אַלטע רעדט, זי פילט אַ באַדערפעניש צו רעדן אַ סך, זיך צו קריגן, אויסצוטענהן זיך, אויסצורעדן דאָס האַרץ אַביסל, דאָס לעצטע מאָל פאַר אַ מענטשן. איר בלאַ אייגעפאַלן מויל, מורמלט כסדר, כסדר, פאַרקוועטשט אין גיפטיקער שאַרפער דינקייט. מאַקסל שטייט און ער קוקט זי אָן אַ רגע שטום פאַרחדשט. ער וואַרט מיט געפייניקטער נייגעריגקייט ווען זי וועט אויפהערן, צו רעדן. אָבער זי הערט נישט אויף. דאָס שאַרפע מורמלען ריזלט אין דער קאַלטער האַלבטונקלקייט, צווישן די אָבגעריבענע גרינליכע ווענט געבויגענע, אונטער דער נידריקער שנאהדיקער סטעליע איבערן קאָפּ, ריזלט קיל און איינגעגעסן ווי אַ שימליק ריטשקאַלע ערגעץ אין א זומפּיקער הייל צווישן פויליקע וואָרצלען. עפּעס אַ אָנגעשטרענגטער שווערער שטומער שפּיל קומט איצט פאָר צווישן דעם איידעם און דער שוויגער דאָ אין שטוב. עפּעס פילן זיי אַצונד ביידע, טונקל און פאַרמעקט אז די קרובהשאַפט זייערע האָט זיך אַצונד אי איבערגעריסן, אי באַפעסטיגט. איבער־געריסן דורכן קאַלטן שאָטן פונם טויט וואָס שוואַרצט זיך נאָך דאָ אין שטוב, און פאַרבונדן דורכן אָטעם פון ביידע לעבעדיקע מענטשן

וואָס שרעקן זיך פאַר דער אַליינקייט. אין איר אומבאַוווּסטער באַ־דעכטיקייט, גאַרט זי, די אַלטע, דעם לעצטן מענטשן צו ביגדן מיט דער לעצטער קרובֿהשאַפֿט, דעם קדיש. און אינאיינעם מיט דעם וועט זי שוין אויך דערגרייכן די לעצטע טובֿה פאַר דער נשמה פון איר זינדיקער טאָכטער, העלפן איר דערלייכטערן דעם שווערן וועג אויפֿן עולם האמת, און חוץ דעם וועט דערפון אויך שוין אַרויס־קומען א באַוואָרעניש פאַר דער אייגענער זינדיקער נשמה. ווארום זי ווייסט די אַלטע, אַז קיין קדיש וועט נאָך איר קיינער נישט זאָגן און זי וואָלט געוואָלט שוין אצונד ביים לעבן הערן קדיש זאָגן, כדי זי זאָל אים באהאלטן אויף דעמולט, אָבשפּאָרן אים אויף נאָכן טויט, פאַרן סוף. ס׳איז געווען אין דעם דאָזיקן טונקלען באַגערן פונם פאַרלעשנדיקן לעבן, די גאַנצע געוואַלטיקע גלייסטיקייט און ליב־שאַפֿט פונם יידישן געמיט צו גאָטס וועלט, צום לעבן אין עולם הזה און אין עולם הבא, אין אַלע אייביקייטן.

מאַקסל דער גראָבער האָט דאָס געפילט. אַ מעכטיקער, טונקלער, אָנשטימעקער ווייטער געשריי, דאָס קול פון דער אייגענקייט אין בלוט, האָט איצט מויב געקלינגען אין זיין נפש. אָבער די ברייטע אָנגעבלאָזענע ליפּן זיינע, זענען געבליבן שטום, פאַרשלאָסן. גע־קאָנט האָט ער מיט דער גראָבקייט פון זיין בויך, מיט דער גבורה פון זיינע הענט, מיט דער פעסטקייט פון זיין ביקישן קאַרק באַ־קומען דאָס לעבן, דאָ, אויף אונזער עולם, פאַר עולם הבא אָבער, זענען זיינע כחות צו שוואַך געווען.

דער צאָרן וועגן דעם האָט איצט גענומען קאָכן אין זיינע געדערים. אַ רגע האָט זיין קיילעכדיקער פליישיקער אויער נאָך געהערט דער אַלטערס בוירענדיק שטילן מורמלען:

— נו מאַקס.

— זאָג מאַקס.

— זאָג קדיש.

— פאַרוואָס זאָגסטו נישט מאַקס.

— דו גוי

אומגעלומפערט ווי אַ בער, האָט ער געטון אַ טאַנץ אונטער. צו' געשפּרינגען צו דער אַלטער גאָר נאָנט. דאָס קרומע מויל האָט געציטערט, די גראָבע צופלעטשטע נאָז איז געווען שוואַרץ ווי אויס' געשמירט מיט בלאָטע. דאָס טויטע גלייכגילטיקע גלעזערנע אויג איז איצט פלוצים געווען רויט פאַרלאָפן מיט בלוט. און אנשטעלנדיק דעם אייזער' נעם קולאַק דער אַלטער גלייך אין צוקאָרטשעטן פאַרזונקענעם פנים אַריין האָט מאַקסל דער גראָבער אַ שרעקליכן הייזעריקן געשריי געטון אָנגעזאַפּט מיט עפעס אַ נאָענטן, תחנונימדיקן, טרויעריקן נגון דער נגון פון קדיש:

— דו, דו, אַלטע זונה. כ'צוטרען דיר דעם בויך. הערטסט . . . כ'הרגע דיך . . . מכשפה.

בּייטאג

1

די שוואַרצע מאַרי איז, ווי תמיד געגאַנגען, טרעסנדיק אירע גרויסע, שווערע ציגײַנערישע אוירן־רינגען, פּאָרויס, פּאַוואָליע, אַביסל פאַרטראַכט, די הענט אַרײַנגעשטעקט אין די קעשענעס פון איר אָרימען, אָבגעווי׳בענעם מענטעלע. דאָס יונגע פריש־רויע פרילינגס־ווינטל, אין דעם נידריקן האָרבאַטן געסל האָט געוואַרעמט די פאַרפודערטע קרעצלעך אויפן אויסגעגלעטן שטערן, אונטערגעשטופּט אין דער פלייצע. און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס מיידל האָט גאָר נישט אין זין דעם קונה, וואָס זי פירט אַ שטיק וועג ווײַטער זיך. אָבער אַז זי איז צוגעקומען צו דעם שטילן, פאַרדעכטיקן מויער פונם „האָטעל גאַרני", האָט זי געטון אַ דריי־אויס איר יום־טובדיק פאַרפוצטן קאָפּ און אַ האַלבן, זיסן, פאַרזאָרגט־שמייכלענדיקן קוק־געטון צו יענעם. יענער איז אַרײַן נאָך איר.

די בעל־הבתים אקעגן־איבער, וואָס האָבן, ווי יעדן נאָכוואַרימעס אין די בלויזע זאַטע העמד־אַרבל אַרויסגעשטעקט די קעפּ דורכן פענסטער, האָבן ווי תמיד, זייט זיי וווינען דאָ אין געסל, פאַרגנבהט אַלע מאָל געפּרובט אַ שפּיז טון זייער נייגעריק־אָנגעשטרענגטן קנאה־בליק אַהער, דורכדרינגען די שיפּע, טונקלע שפּעלטלעך פון די גרינע ראָלעטן אין די פענסטער פון „גאַרני", כּדי צו דערזען עפּעס דאָרט אינעווייניק, אָבער זיי האָבן, ווי תמיד, גאָר נישט געזען. דאָ, אין „גאַרני", אין דער טונקל־קויטיקער אויסגעטרעטנקייט פון די שמאָלע שטיינערנע טרעפּלעך, האָט זיך פאַרדעכטיק געוויעט אין די קליינע קויטיקע צימערלעך אונטער די פאַרמאַכטע טירן, געדיכט איינע נעבן דער אַנדערער מיט נומערן אויף זיי. ס'האָט געשמעקט מיט הפקרות, ביליגן קעלניש־וואַסער, קויטיקע העמדער און מיט דער

זיסקייט פון ליידיקגיין. דער פאַרהוילענער ליבע-סוד, אויסגעוואַ־רעמט אין דער נאַכט-פינסטערניש, האָט איצט דאָ אַרומגעפלאַטערט אַ צושראָקענער אַ נעבעכדיקער אין דער טאָג-ליכטיקייט, ווי ס׳מאַכט זיך אַמאָל אַ מייזל, וואָס איז פאַרבלאָנדזשעט פונם לאָך, לויפט אַ צושראָקנס איבערן וועג אין מיטן העלן טאָג.

בשעת די פאָרלעך וואַרטן ביי די טירן פון די צימערלעך, ביז די אינעווייניקסטע וועלן פאַרטיק ווערן און אַרויסקומען, טליען אין די פאַרטרוקנטע אויגן פון די מאַנסבילן צאַפּלדיקע פונקען פון דער וואַרטנדיקער פרייד און די מיידלעך רעדן דערווייל פון זייערע אייגענע זאַכן: פון די קליינע ברידערלעך, פון די יסורים אין שפּי־טאָל פון געשטיקטע סערוועטלעך. איינע ווייזט אַ שיינע לולקע, וואָס זי האָט געקויפט אַ מתנה איר טאַטן צום געבורטס־טאָג. די פריידיג־קייט פון דאָזיגן שכנישן רעדן אַביסל, אַז מ׳טרעפט זיך ביי די טירן אין האָטעל, איז די איינציקע פאַרגעלטונג פאַר זייערע אָפּגע־קירצטע יאָרן. ביי זייערע קונים אָבער, די פאַרדעכטיקע אָבגעבערנ־טע פאַרשוינען מיט די איינגעקריצטע בלאָע אַנקערס אויף די ברוי־נע פעסטע הענט, און צובראָכענע ציין פון פאָרנט, זעגען די קוי־טיק-באַוואַקסענע מאָרדעס געווען אביסעלע קרום פון אומגעדולד. אַלע מאָל איז צוגעלאָפן די בעדינערין פון דאַנען, די „מוטער קאַטאַ־רין״, ברייט-אָנגעבלאָזן, מיט אַ בלאָער אָנגעפוילטער נאָז, און אויף איר ברייטן, הארטן, בלאָען פאַרטוך האָט מיט כח געקלונגען דער בונט שליסלען. מיט דער פויסט האָט זי געקלאַפּט אין די טירן פון די צימערן און געשריגן:

— הע . . . אַרויס . . . גענוג שוין! ווערט פאַרטיק . . . איר קענט נאָך זיצן דאָרט ביז מאָרגן . . .

פון אויבן אַראָפּ האָט פּלוצים דורכגעדרונגען אַ קוויטש, יאָמער־ליך-טיף און אָפּגעהאַקט, ווי דער געשריי פון אַ נאַכט-פויגל. די

מוטער קאַטאַרין איז אַ רגע שטיין געבליבן, די הענט אונטערגע־שפּאַרט אונטער די זייטן. דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— דאָס איז די משוגענע אַננאַ.

זי איז אַרויפגעלאָפן די טרעפּ און אַריין אין צימער. דאָ אויפן ראַנד פון קויטיק־צעוואָרפענעם בעטל, איז געזעסן אַננאַ, מיט רויטע גילקעלעך אויף די מאָגערע פיס, די אויגן ציטערנדיק צוגעקוועטשט און מיט די ציין האָט זי קרום, באַדעכטיק און פּאַוואָליע געריסן דינע שטרייפלעך פון איר העמד, און זי איז ענליך געווען צו אַ בלאָליך־מאָגער, האַלב־אָפּגעפּליקט הינדל. די אַלטע האָט צום ערשטן באַטראַכט די צוויי האַלבע ברעטלעך פונם טיש־דעקל, וואָס יענע האָט צובראָכן, דערנאָך האָט זי אַ כאַפּ געטון דעם מיידלס אויסגע־טרעטענע שיך, באַהאַלטן זיי אין איר פאַרטוך, און געזאָגט:

— דיין העמד מעגסטו רייסן וויפל דיין האַרץ גליסט, אָבער טישן ברעכט מען נישט . . . אַז דו וועסט נישט באַצאָלן פאַר אַ ניי דעקל, וועל איך דיר נישט אָפּגעבן די שיך . . . היינטיקע צייטן איז אַ יקרות אויף מעבל. פּרוב גיי נאָר צום טרעדלער עפּעס קויפן, וועסטו שוין וויסן . . .

זי האָט אָנגעכאַפּט די נאַקעטע ביים אַקסל, וואָס האָט געציטערט, און זי אַרויסגעשטופּט פונם צימער. דערנאָך האָט די אַלטע אַרונטער־גערופן:

— קינדער! קומט אַרויף! ס'איז פריי אַ צימער!

די מיידלעך זענען געלאָפן, זיך געשטופּט, געשאָלטן איינע די אַנדערע, גערופן זיך צונעמעניש, געקריגט זיך אויפן גראָבן שטייגער מיט צוקרומטע פּנימער, אַנטפּלעקנדיק די גאַנצע בייזע נידריגקייט פון די אָרעמע געסלעך זייערע: די שוואַרצע מאַרי האָט זיך דורכ־געשטופּט און די אַלטע, וועלכע האָט זי באַזונדערס ליב געהאַט, האָט זי אַריינגעלאָזט מיט איר „גאַסט” אין צימער.

— זי האָט געהאַט אַנ'אָנפאַל . . . דאָס קומט פון דער קראַנק־ הייט אירער... — האָט די שוואַרצע מאַרי געזאָגט צו דער מוטער קאַטאַרין בשעת זי האָט זיך אויסגעטון מיט דער כוונה זיך צו קריגן, אָנצוגעמען זיך די קריוודע פון דער פאַראומגליקטער חברטע, וואָס איר לעבן איז שוין געווען אויסגעשפילט, פאַרלוירן.

— אַנ'אָנפאַל . . . אַנ'אָנפאַל . . . איך בין זעכציק יאָר געגאַנגען מיט „הערן" און כ'האָב נישט געהאַט קיין אָנפאַלן . . .

האָט די אַלטע זיך געבייזערט, רעדנדיק צום וואַרטנדיקן אורח מיט געדעכטן צאָרן אויף די היינטיקע מיידלעך, די צו־וועטשטע לימענעס, וואָס זי פאַרשטייט נישט, ווי אַזוי עס געפונען זיך נאָך בעלנים אויף אַזוינע גרינע יאַשטשערקעס. דאָס זענען מיידלעך? געפגרטע קעץ זענען דאָס! אַמאָל אין אירע יאָרן זענען געווען מיידלעך! . . א צייט היינט . . .

— אָבער פון מיר ביזטו צופרידן, מוטער קאַטאַרין, וואָס?

די שוואַרצע מאַרי האָט געפרובט זיך אונטערשמייכלען, אָבער די אַלטע האָט נישט געלאָזט:

— איר זייט אַלע ווייל . . . איך קען אייך שוין . . . איר זייט געבוירן געוואָרן נאָר אויף שאַדן צו טון . . . נישט מער . . . ווער נאָר גיך פאַרטיק און גיי . . .

די אַלטע איז אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ. אָבער די שוואַרצע מאַרי איז נישט גיך פאַרטיק געוואָרן. ווארום דער גאַסט איז געווען צודרינגליך, גראָב געזוכט חסרונות און זיך געדינגען. זיין לאַנגע, קרומע נאָז איז געווען ברוגז האַרט, שטום, ווי געוועגליך ביי אַ מענשן, וואָס האָט חרטה.

— כ'האָב אָבער תמיד פיינט צו גיין מיט אַ ייד . . .

האָט דאָס מיידל פאַרביסן גערעדט און תיכף נאָך דעם, ווי זי האָט באַקומען דאָס באַצאָלטע געלט און זי האָט דערויף אַ הויך געטון

„צום גליק" און דאָס באַהאַלטן אין זאַק, זעצן ערשט איר׳ע שפּיציק, שוואַרצע יידישע אויגן פאַרלאָפן מיט אַ גראָען בייזן הייטל, ווי אַ בילמע, זי האָט זיך גיריק געדינגען, נישט פאַרגינען. געטון נישט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. אָפּגעגנאַרט

— אַח . . . מיט אַ יידישער טויג נישט . . . באַדאַרפט אָנטרעפן גראָד זי . . . נו נו . . . — אין אירע גראָבע ליפּן האָט דער אורח ערשט אַצינד דערקענט, אַז זי איז אַ יידישע.

און בשעת זיי זענען געלעגן נעבן אַן׳אַנדער אין קאַלטן, שמאָלן קויטיקן בעטל, האָט זיי געגנזייטיק פון די אויגן אַ קייגן־געבליצט יענע היימישע, דינע פיינליכע שנאה, וואָס מען דערפילט זי נאָר דעמאָלט, ווען מען דערקענט די באַהאַלטענע אייגענע חסרונות, פון דער אייגענער אומה, וואָס מען זוכט דאָס אויסצומיידן, ווי מען מיידט אויס אַריינצוקוקן אין דער פינסטער, ביי נאַכט, אין שפּיגל, כאָטש ס׳ציט דערצו. שפּעטער אַ ביסל, נאָכדעם ווי דער „גאַסט" איז אַוועק, איז די שוואַרצע מאַרי ווי איר שטייגער איז געווען די לעצטע צייט, געבליבן זיצן אַ נאַקעטע אויפן ראַנד פונם בעט און פאַרשנדיק־פאַרזאָרגט, באַטראַכט דעם נאַקעטן בויך אירן, וואָס איז מיט יעדן טאָג העכער, גרעסער געוואָרן, געוואַקסן. פּלוצלינג האָט זי זיך דערשראָקן, נישט וויסנדיק פאַרוואָס, זי האָט אַ געשריי געטון:

— מוטער קאַטאַרין! מוטער קאַטאַרין! קום ־אַר אַריין! זע נאָר! . . .

די מוטער קאַטאַרין איז איילנדיק אַריינגעקומען, קלינגענדיק מיטן בונט שליסלען אויפן פאַרטוך, אַ קנעט געטון מיט אַן׳איינציקן פינגער, מיטן גראָבן אָן אַ נאָגל, דעם מיידלס בויך אַרויף און אַראָפּ און געזאָגט:

— ס׳איז גאָר נישט . . . דו טראָגסט . . .

2

דאָס אומגליק קומט פּלוצים, אומגערעכטערהייט, ווי אַראָפּגעפֿאַלן פֿון הימל, און שוין ליגט מען דערונטער אַ צוקוועטשטער און צו־געווינט דערצו, גלייך ס׳וואָלט גאָר קיין מאָל נישט אַנדערש געווען. בשעת די שוואַרצע מאַרי האָט נישט מער געקאָנט גיין פֿאַרדינען, איז זי געזעסן גלייכגילטיק־פֿאַרגעסן אויף דער שוועל פֿון „גאַרני״, די ליפּן איינגעשרומפּן, פֿאַרדאַרט. בלאָ פֿון הונגער, באָרוויס, דעם קאָפּ קויטיק־צושויבערט אויסגעקראָכן, קלעביק פֿון בלאָטע און איר גרויסער שפּיציקער בויך האָט אַרויסגעשטעקט פֿרעמד, ווי אַן׳איבערגעקערטער קעסל. די מיידלעך, וואָס האָבן, ווי תּמיד, אַהער געפֿירט די „געסט״, האָבן אויף איר רחמנות געהאַט, איר מיטגעבראַכט עפּעס צו עסן: אַ שטיקל ברויט, אַ הערינג, אַ פֿרישן עפּל, וואָס ס׳האָט פֿון אים געשמעקט דער רויטער האַרבסט. דערפֿאַר האָט זיי מאַרי געלאָזט אַ טאַפּ טון אונטערן קליידל דעם בויך, ווו מען האָט געפֿילט אונטער דער האַנט אַ לייכטן אומהיימלעכן ציטער־טון דאָס קעפּל פֿונם נפֿש אין אים און דאָס צערטליך־קיצלדיקע געפֿיל דערפֿון האָט אָנגעיאָגט אַ באַהאַלטענע, נישט־געקאַנטע פֿרייד.

אָבער אין די פֿוילע, קאַלטע רעגן־טעג, ווען די פֿענסטער פֿון די האָרבאַטע, אָפּגעשיילטע טונקלע מויערן קנייטשן זיך פֿון דרויסן שוואַרצע, דורכגעווייקטע ווי נאַסע שמאַטעס, דעמאָלט וואַקסט דאָס אומגליק און שטאַרקט זיך אין דער נאַכט אַריין, וואָס פֿאַרשלינגט אין איר נאַסער שוואַרצקייט די שוואַך־ציטערדיקע, גרינע לאַמטערן־פֿלעמלעך און זיי וואַרפֿן דאָ און דאָרט אַ פֿאַרמעקטן געלן פֿלעק אויף אַ פֿאַרשוווּמענער געשטאַלט, וואָס שלייכט אין אַזאַ נאַכט וואַקלענדיק זיך אַליין, דורכגעווייקט אין קאַלטער נעץ, די באָרוועס, קיילעכדיק־געשוואָלענע פֿיס, שלעפּנדיק פּאַוואָליע אין דער

בלאָטע ביי די ווענט, און דער קאַלטער, שניידנדיקער ווינט, דורכ־
געמישט מיט רעגן און שניי, רייסט און שטופּט צוריק איף הינטער׳
וויילעכס איר גרויסן שווערן בויך, וואָס אין אים טוט אַלע מאָל אַ
ברענענדיקער שמערצליכער ריס:

— אָי וויי . . .

געקומען איז דאָס פּלוצים אין סאַמע ליכטיקן נאָכמיטאָג. די זון
האָט הערבסטליך־רויט געשפּיזט אין רינשטאָק אַריין, פאַר דער שוועל,
רויטליכע ציטערדיקע ליכטיגקייט. און בשעת מארי איז געלעגן
אויף די שמאָלע גלאַט־אויסגעטרעטענע שטיינער אין פאָר־הייזל פון
„גאַרני" און זיך אַ פאַרצערטע געקרומט אין די געבורטס־ווייען, איז
געשטאַנען נעבן איר די „מוטער קאַטארין" און זי אונטערגעטריבן:

— מאַך גיכער . . . גיכער . . ס׳איז בייטאָג . . . כ׳בין זעכציג
יאָר געגאַנגען מיט „הערן" און קיינמאָל נישט געהאַט קיין קינד . . .
צו זיי טשעפּעט זיך אַלץ . . . גיכער . . . ס׳קומען געסט . . .
ס׳איז נאָכמיטאָג . . .

אָבער די שוואַרצע מארי האָט נישט געמאַכט גיך. די ווע־
געשרייען זענען געקומען קורצע, הייזעריקע, פאַרחדושטטע. זיי
האָבן געקאָרטשעט און געדרייט דעם שווערן קערפּער, האָבן אויס׳
געצויגן און פאַרשפּיצט די שוואַרצע טרוקענע פינגער פון די הענט,
וואָס האָבן זיך מאכטלאָז געדראַפּעט אויף דער גלייכער וואַנט און
זענען צוריק אַראָפּגעפאַלן, ווי האַלב־טויטע שפּינען. שטומפּיק־
אָנגעשטרענגט, ווי ביי א פיש, האָט זיך איר מויל געצויגן,
געלעכצט נאָך דעם לעצטן לעבנס־אָטעם, וואָס האָט זיך רייצנדיק
דערנענטערט און דערווייטערט און אין דעם ווילדן אומפאַרשטענדליכן
שפּיל איז געווען די שטראָף פאַר די זינד פונם גאַנצן ווייבע׳
רישן מין . . .

— קוועטש זיך . . . קוועטש זיך . . דריק דאָס אַרויס . . .

אוח . . . אוח . . .

האָט די מוטער קאַטאַרין געֿרעדט מיט יענעם צוגעדושעט-שווערן ברוסט-קול פֿון מענשן, וואָס גיבן זיך אונטער חשק, בשעת זיי שלעפֿן אינאיינעם די שווערע משא. איר אַלטער, פֿעסטער פּרצוף האָט זיך מיט כּח געצויגן אַרויף און אַראָפּ, מיט אַ שווערן קוועטש, גלייך זי וואָלט אַליין איצט באַדאַרפֿט טון, דאָס וואָס יענע:

— אוח . . . או — ח . . .

ס'האָט נישט געהאָלפֿן. דאָס אָנגעפּולטע לייב האָט זיך געשפּאַנט. האַרט אָנגעבלאָזן צום פּלאַצן. די אַלטע האָט דאַרויף אויפֿגעשטעלט אַ קני, געדריקט געדריקט, ס'זאָל אַרויס גיכער. אָבער דאָס נפש האָט זיך נישט געאיילט, נישט געלאָזט זיך אַרויסדריקן. ס'איז שטע' קען געבליבן אין מיטן דערינען, ווי דער קאָרק אין האַלז פֿון אַ פֿלאַש און נישט געוואָלט ווייטער. דעמאָלט האָט די מוטער קאַטאַ' רין פֿאַרקאַטשעט אַנ'אַרבל, אַריינגעשטופּט די האַנט אין הייסן לייב אַריין, מיט צוויי פֿינגער, ווי מיט אַ אייזערנער צוואַנג אָנגעכאַפּט דאָרט דאָס קעפּל און אַרויסגעשלעפּט דאָס קינד צעל פּרחו. דאָס פֿאַרבלוטיקטע גופֿל האָט אַ געשריי געטון און די אַלטע האָט דאָס אַ וואַרימס, אַ נאַס, גיך מיט ווילקענעוודיקייט אַ וויקל געטון אין איר האַרטן, בלאָען, קאַלטן פֿאַרטוך, און נאָך איידער זי האָט געזען, האָט זי שוין געפֿילט אין די הענט, וואָס דאָס איז:

— אַ מיידל . . .

האָט די אַלטע געזאָגט אַ צופֿרידענע צו דער איינגעקאָרטשעטער, טויטער מאַמע, אויף די פֿאַרבלוטיקטע שטיינער אין ווינקל, אַוועק' געטראָגן אין פֿאַרטוך, מיט יענער צערטלעכקייט פֿון די ווייבער, וואָס איז די זעלבע פֿון אַ קאַץ, וואָס טראָגט אירע יונגע קעצלעך צווישן די שאַרפֿע ציין און שעדיגט זיי נישט, אָבער אַמאָל פֿרעסט זי זיי אויף.

ב

אין פונקט ווי דאָס גראָע קעצל דאָ אין „גאַרני״, דאָס אויסגע'
קראָכן-קויטיקע, מאָגערע, מיט די האַלב בלינדע פאַרקלעבטע אייגלעך,
וואָס יואַלגערט זיך אין די דומפּיקע ווינקלען, אין די פינסטערע
לעכער, און קיינער ווייסט נישט ווען ס'וואַקסט אויס, אַזוי איז די
קליינע מאַרי גרויס געוואָרן, וואַלגערנדיק זיך דאָ אין די רינשטאָקן,
אין מיסט צווישן די קאַנאַל-לעכער מיט די פאַרגראָטעטע אייזנ'
שטאַבעס אין טונקלען אָפּגעשיילטן האָרבאַטן געסל. אָפּגעריסן,
אָפּגעשליסן, דאָס ייִנגליש-אָפּגעשוירענע קעפּל פול מיט טשערקיס קרעצ'
לעך אויפן שטערן, בלאָטע אין די אויערן, האָט די קליינע מאַרי
אינאיינעם מיט נאָך אַ כאַליאַסטרע אזעלעכע קינדער וואָס די גאסן-
שטיינער געבוירן זיי, ארומגעשלייכט אונטער די בריקן, אין די
גאַסנווינקלען, געקליבן פאַרפוילטע פּרות אין די רינשטאָקן פון די
מאַרקן, אָנגעפּולטע מיט קופּעס שפּייז, גרינצייג, אויבסט, קרייטעכצער.
די זינגענדיקע קולות פון די גראָבע סעדעכעס אונטער זיי, מיט די
גרויסע אָנגעפּולטע קעשענעס אויף די בייכער, פאַרשענערן דאָס
לעבן פון די אָרעמע, אויסגעטרוקנטע ווייבער מיט די אויגן פון
הונגעריקע וואָנעס. די גיריקע בליקן שלינגען די סחורות, קלייבן-
איבער דאָס אויבסט, בלייבן צוגעקלעבט צו די רויטע זייטלעך
פערד-פלייש, וואָס הענגען אין ביידל, שוואַרץ פון אַלטקייט. מען
ניוכעט, מען שמעקט, מ'שטופּט זיך און מ'וועגט די הייפּטלעך קרויט
אין האַנט, מ'טאַפּט די פאַרדעכטיקע גרינע, טריקענע לינג און לעבער'
לעך פון אומבאַקאַנטע וואַלד-חיות און צום סוף טראָגט מען אַהיים
ליידיקע קיישלעך. נאָר אָט ווערט אַ שטופּעניש, אַ צונויפלויפעניש,
אַ געזעמל. דעם פּאָליציאַנטס היטל גלאַנצט אַרויס פון די צונויפ'

געשטעקטע ווייבערישע קעפּ. ער פירט גדלותדיק די קליינע אָפּגערי׳ סענע מאַרי, האַלטנדיק זי פעסט ביים הענטל. זי גייט אַליין. זי קען שוין דעם וועג אַהין, אין אַרעסט אַריין, ווו זי וועט זיצן אין פינס׳ טערן לאַך פערצן טעג פאַר אַרויסגעבענען אַ בייטעלע פון דער קעשענע. מ׳לויפט נאָך מיט געלעכטערס, מיט רחמנות אויף ביינ וונדער:

— אַזאַ קליינס און ס׳גנבהט שוין . . .

— די קליינע זענען נאָך ערגער פון די גרויסע .

— מ׳דאַרף זיי צעכטן, נאָר צעכטן . . .

— זעט נאָר ווער איז דאָס עפּעס? וועמענס איז דאָס . . .

אויסגעבלייכט און מאָגער, מיט לאַנגע אויסגעוואַקסענע הענטלעך, די קעפּלעך אָפּגעשיט מיט רויטן ציגל־פאַרך גליענדיק פאַרשמאַכט אין דער שרפהנדיקער זומער-זון, זעט מען זיי, די קליינע גאַסן-קינ׳ דער, אַרבעטן, אַרומקריכנדיק צווישן די באַלקנס אייזנס און קלעצער אונטער די פאַרשלאָגענע לעכער פון די נייע מויערן, וואָס מ׳בויט. זיי טראָגן ברעטער, שלעפּן שטיינער, דערלאַנגען ציגל, וואָס מ׳וואַרפט איינס דעם אַנדערן אין די הענט אַריין, און שעפּלעך קאַלך מיט זאַמד, וואָס מ׳טראָגט, שטייען אַליין אויף די קעפּ פון די קליינע פונקט ווי ביי די אַלטע אָפּגעווייסטע ווייבער מיט די שוואַרצע באָר׳ ווניסע פּיס. אין זייערע מידע שטומפּיקע אויגן איז דאָ די גאַנצע שטומע געדולדיגקייט פון פאַרהאָרוועטע פערד.

און גלייך מיט די אַלטע זיצן די קליינע אויף-דער-נאַכט אין די אָנגעריכערטע, ליאַרמענדיקע שענקן, טרינקען בראָנפן און לאַכן מיט פאַרשאַרטע קוויטשלעך, ווען די שכורע גרויסע קנייפּן זיי אויפן הוילן לייב. שווער נאָגט דער הונגער אין די ליידיקע, יונגע געדע׳ רים, וואָס וואַלטן אַנ׳אַקס פאַרטיליגט. די טריפנדיקע אייגלעך שלינ׳ גען גיריק, די אָנגעלייגטע עסן-וואַרגן אין די שוי-פענסטער און די

קאַלטע רעגן-טעג בלאָזן טויטע פאַרלוירנקייט אויף די ציטערנדיקע ליפּן פון די עלענדע קינדער, ביז ס׳שנייט באַרויס, אָנגעשפּאַרט אָן דער שוואַרצער מויער-וואַנט און דער ווינט פּאַטשט אויף איר די אָפּגעפּליקטע נאַסע שטיקלעך פּלאַקאַטן אָנגעקלעבטע איינע אויף די אנדערע. פאַרדאָס אָבער שטופּן זיי זיך אָפּגעשיילטע אין די וואַרעמע רויטע האַרבסט-לוסטיקע טעג, אין די רייכע גאַסן, ווי א טשאַטע פרעכע שטאָדט-פויגל, אין מיטן דרינען אָן מורא. זיי לאַכן, קרומען זיך נאָך די אויסגעפּוצטע פאַרבייגייער, מאַכן חוזק. לויפן גיך אריין פאַרקויפן שוועבאַלעך זיי, די אָנגעזעצטע באַגילדנטע קאַפע-הייזער, ווו דער פאַרקעמטער-אויסגעסטראַיעטער קעלנער מיטן ווייסן סערוועטל אונטערן אָרעם, לויפט גיך צו און טרייבט ארויס.

זיי דערקענען די פרעמדע אין די פּעקלעך, וואָס ווערן געטראָגן, דאָס שנירל אויפגעהאָנגען אויף אַ פינגער. לויפן נאָך פון אונטן, פאַרלויפן פאַראויס און שטרעקן אויס אַ דאַר הענטל מיט אַ גע׳ מאַכטן, וויינענדיקן רחמנות-קול:

— שענקט עפּעס . . . שענקט עפּעס אַן אָרעמער יתומה . . .

דער נדבן פאַרקאַטשעט מיט שווערקייט די פּאָלע און בשעת זיין האַנט שטעקט אין דער זאַטער וואַרימער קעשענע אַרויס׳ צונעמען דעם גראָשן, פאַלט זיין בליק מבינותדיק גיריק אָנגעצונדן אויף דער קליינער מאַריס פאַרבלאָטיקטע לאַנגע שוואַרץ-אָבגעבּרענ׳ טע און פעסטע פיסלעך, וואָס זענען צייטיק געוואָרן פאַר דער צייט.

און מיט דעם אייביקן סוד פון די ווייבער, וואָס ס׳איז נישט מעגליך צו דערגרונטעווען, ווען ס׳איז ביי זיי געשען דאָס ערשטע מאָל, איז די קליינע מאַרי אַלע טאָג געגאַנגען אין האָרבאַטן געסל, פאַרויס, פּאַוואָליע, אַביסעלע פאַרטראַכט, די הענט צערייבגעשטעקט אין די קעשענעס פון איר צרימען מענטעלע און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט גאָר נישט אין זין דעם „גאַסט“, וואָס זי פירט אַ שטיק

װעג אונטער זיך. אָבער ביים ראַדעכטיק־שטילן טויער פֿונם האָטעל „גאַרני„ האָט זי אויסגעדרייט איר יום־טובדיק פּאַרפּוצטן קאָפּ און אַ האַלבן זיסן פאַרזאָרגט־שמייכלענדיקן קוק געטון צו יענעם, און יענער איז אַריין נאָך איר.

דאָ אין „גאַרני" האָט זיך, ווי תּמיד, אין מיטן העלן טאָג גע־ היימניספֿול געראַיעט, ווי אין אַ בינשטאָק. און ווי איר שטייגער איז געווען, איז די „מוטער קאַטאַרין" אַרומגעלאָפֿן אין איר גרינן, האַרטן בלאָען פֿאַרטוך מיטן קלינגענדיקן בונט שליסלען און זי אָט געקלאַפּט מיטן קולאַק אין די טירן פֿון די צימערן, ביי װעלכע ס'האָבן פֿון דער דרויסנדיקער זייט געוואַרט נייע פּאָרלעך און זי האָט געשריגן:

— גיכער . . . גיכער . . . ווערטס פערטיק . . . שוין גענוג . . . איר קענט נאָך דאָרט זיצן ביז מאָרגן . . .

און איינמאָל, ווען די קליינע מאַרי האָט, נאָכדעם ווי דער גאַסט איז אַוועק אָנגעהויכט דעם פּאַרדינטן באַנקנאָט „צום גליק" און אים באַהאַלטן אין זאָק, איז זי אַ נאַקעטע זיצן געבליבן און ויפן ראַנד פֿונם צעוואָרפענעם קויטיקן בעטל און באַזאָרגט־בייגעריק באַטראַכט דעם בויך אירן, וואָס איז אין די לעצטע טעג אַלץ גרע־ סער און גרעסער געוואַקסן. פּלוצים האָט זי זיך דערשראָקן און אַ געשריי געטון:

— מוטער קאַטאַרין! מוטער קאַטאַרין! זע נאָר! . .

די מוטער קאַטאַרין איז איילנדיק אַריינגעקומען און אונטער אירע טריט האָט געסקריפּעט די פּאָדלאָגע. זי האָט אַ קנעט געטון מיטן גראָבן פֿינגער אַרויף און אַראָב דעם מיידלס בויך און געזאָגט:

— ס'איז גאָרנישט . . . דו טראָגסט

צוויי זינגערס

די פאַרגליווערטע דומפּיקע טונקלקייט אין שטיבל גראָט, פאַרווישט פונם קליינעם, בלינדן, האָרבאַטן הויף-פּענסטערל. אויף די פּאָרכיקע שייבלעך, טריבע, גרינליכע און ווי צוקנייטשטע פון אַלטקייט, טוט זעלטן אַ שפּריץ אַ האַרבסטיקער, שיפּער רעגן-שפּריצל, דין און לאַנג און שפּיציק ווי אַ נאָדל. מ'האָט נישט געקאָנט וויסן צי ס'איז די טריבקייט פון פאַרטאָג, צי די דעמערונג פון אָוונט. קיין שום שאָרך פונם גאַסן־רעש האָט נישט געדרונגען אַהער אינם בלאָטיקן, האָרבאַטן, הויכן, שמאָלן הויף מיט די לאַנגע, שמאָלע, פּאָרכיקע אָפּטריט-פּענסטערלעך. דאָס שטיקל שווערע, גראָע הימל וואָס שנייד זיך איין אין דער הויך צווישן די מויערן זעט אויס ווי אַ ליגנדיקער שטיוול.

ווי זיין שטייגער איז, זיצט דער קליינער זקן, דער הער בערטאָלד שלייכער אַביסל אָנגעבויגן אינם קליינעם קויטיקן בעטל, אַ שטיקל צייט שטום און פאַרגליווערט. דערנאָך טוט ער אַ פּיר מיט די לאַנגע, שמאָלע, בלייכע פינגער איבערן גראָען פאַרפּאַפּטן שויבער זיינעם, טוט אַ שטילן קרעכץ, נעמט אַראָפּ דאָס זייגערל וואָס הענגט צוקאָפּנס אויפן צוואָק, לייגט עס צו צום אויער און ער הערט אַ רגע אַ שטיל, שוואַך, גיך און איידל געגנגל, קוים קוים וואָס ס'טיקט. ס'דאַכט זיך אַז אָט אָט הערט דאָס זייגערל אויף צו טיקן, דאָס חיות וועט זיך אים אויסלאָזן און ס'וועט בלייבן אינגאַנצן שטיל. אָבער ס'איז נישט שטיל געבליבן. ס'איז געגאַנגען. די קליינע גאָלדענע ווייזערלעך האָבן געוויזן זיבן מינוט נאָך דריי. דער הער שלייכער ווייסט אָבער אַז די צייט איז נישט ריכטיק. ס'קאָן זיין נאָך אַ סך פריער, אָדער אויך שוין אַ סך שפּעטער.

פּלוצים טוט זיין שטומע, אָנגעבויגענע שפּיציק־שמאָלע פּלייצע אַ גיכן צאַפּל. דער טויטער בליק ווערט לעבעדיק געשפּיצט. אויף דער אָפּגעריבענער, גרינליכער, פעטיקער וואַנט קריכט פּאַוואָליע אַ וואַנץ. זי בלייבט אַלע מאָל שטיין פאַרטראַכט, דערנאָך קריכט זי ווייטער. שלייכער שטעלט זיך גיך אויף אין בעט. די נאָז אויפגעצויגן רעגט געוויטלט פון דערוואַרטונג. זיינע שפּיציקע פינגער הייבן אָן אַן אָנגעשטרענגטן געיעג נאָך איר. יאָגן נאָך פון אונטן, פון פאָרנט, פאַרשטעלן דעם וועג פון אַלע זייטן. דאָס שרעק אַנטלויפט אין טויט־שרעק, דרייט זיך אַרויס מיט כיטרעקייט פון צווישן די פינגער וואָס פאַרפּאָלגן. אָט אָט ווערט זי געכאַפּט, אָבער פּלוצים טוט זי זיך אַ רייס אָפּ פון דער וואַנט און אַ וואָרף אַראָפּ אונטן צווישן בעט־ווינקל. דערווייל איז דאָס לעבן געראַטעוועט. דער גורל אָבער, איז אַ געחתמטער. שאַרף און אָנגעשטרענגט לויערט שלייכערס בליק לאַנג־לאַנג אין פינסטערן בעט־ווינקל אַריין. און אָט באַווייזט זיך ווידער אַ וואַנץ. שלייכער דערקענט זי. ס'איז די זעלבע. פּאַוואָליע, פּאַוואָליע קריכט זי אַרויף די וואַנט, רויק, נישט־וויסנדיק פונם זיכערן טויט וואָס לאָקערט אויף איר. באַדעכטיק צינדט דער אַלטער אָן אַ שוועבעלע. דעם קאָפּ געשטרעקט, די פאַרזונקענע אויגן ברייט צעעפנט אין פריידיקער אכזריות רוקט ער אומדערבאַרעמדיק כיטרע צו דאָס פלעמל, פּאַוואָליע באַדעכטיק דעם שרעק פון אונטן. דאָס בייכל טוט זיך אַ שטרעק אין גסיסה, ס'ווערט לענגער. ס'דאַכט זיך אַז אַ יאָמערליכער טויט־געשריי האָט אַדורכגעריסן די האַלבטונקלקייט. אָבער ס'איז שטיל ווי פריער. די גראָקייט גליווערט אין שטום־שווייגעניש.

שפּעטער אַביסל קריכט שלייכער אַראָפּ פון בעט, דרייט זיך שטיל ווי אַ ווייסער שאָטן אין די צו־ברייטע שוואַכע, קויטיקע גאַציעס וואָס רוקן זיך כסדר פונם קליינעם, מאָגערן, חרובן גופל

און זיין גראָליך צושויבערט קעפּל מיטן קליינעם בערדל, שאַרף און שפּיציק ווי אַ קלין, בלייכט זיך פאַרווישט אין דער טונקלקייט. מ׳הערט אַן אַנמעכטיק ציִענדיק סאַפּען, אַ פאַרדושעט קייכן ווי פון אַ הינדל וואָס האָט דעם פּיפּיטש אויפן צינגל. ער טוט זיך נאָך נישט אָן דער אַלטיטשקער. ער וואַרט נאָך אויף עפּעס, האָרכנדיק מיט אַן אונטערגעשטעלטן שאַרפן, בלייכן אויער. ס׳פילט זיך דאָ מיט שימליקער, פאַרלייגערטער, גראָליכער אַלטקייט, מיט פאָרכיקע אור־אַלטע שמאַטעס וואָס קנוילן זיך פינסטער און שרעקיק ווי שטשערעס אין די ווינקלען, מיט פאַרגעלטע, אַלטע צייטונגען וואָס ס׳נעסטן זיך אין זיי שוואָבן און מיט דער אומבאַשטימטער זויער־ליכער ליידיקער קעלט פונם טויט, וואָס מ׳פילט נאָר אין יענעם שטיבל ווו ס׳שטיין טהרה־כלים.

דער אַלטער בויגט זיך צום פענסטער. ער איז זיך דערווייל מתעסק מיט זיין זייגערל. אַ קליינס איז דאָס זייגערל, אַ זילבערנס און אַ שוואַכס. די איינגעקריצטע בלימלעך אויף די דינע דעקלעך זענען שוין לאַנג אָפּגעריבן פון אַלטקייט. די קליינע רעדלעך, די פיינע געדערימלעך אינעווייניק, זענען אָנגעשפּינעוועט מיט רויטע רוביגדלעך. דער אַלטער מענש לייגט דאָס צו פריער צו איין אויער דערנאָך צום אַנדערן. ער הערט זיך איין נאָכאַמאָל צום שטילן, שוואַכן גענגל. ער האַלט איין דעם סאַפּענדיקן אָטעם, מיינט אַלץ אַז אָט אָט בלייבט דאָס זייגערל שטיין. אָבער ס׳גייט ווייטער ווי ביז איצט, שוין פון כמה וכמה יאָרן אָן, אייביק. ער ציט דאָס אָן, דרייענדיק מיט ליבשאַפט, באַדעכטיק דאָס שוואַכע ש׳ייפל מיט זיינע שפּיציקע, דינע פינגער. ס׳גייט ווייטער דאָס זייגערל. די קליינע גאָלדענע ווייזערלעך רוקן זיך כסדר צו פרי אָדער צו שפּעט, אָבער וויפיל דער זייגער האַלט, קאָן מען דערפון נישט וויסן.

נאָר אָט דערהערט זיך פּלוצים אונטער דער טיר, פון דער אַנדערער שטוב אַ שוּ ער, אומגעלומפּערט טרעטן. די בריק סקריפּעט אונטער די טריט. ס׳פּאָרעט זיך דאָרט עמיצער מיט גראָבע הענט. טעפּ קלאַפּן. דאָס איז הער שלייכערס בעל-הבית, דער אַלטער הער גריל, וואָס קומט אַהיים ווי אַלע טאָג פון דער אַרבעט עסן וואַרעמעס. שלייכער עפנט אַ שמאָל טיר-שפּעלטל, גלייך ער וואָלט מורא געהאַט אַז אַ קאַלטער ווינט זאָל נישט אַריין צו אים אין שטיבל אַריין, און ער פרעגט מיט זיין טרוקן-אויסגערוטן דינעם, באַפעלנדיקן קולעכל:

— ווי שפּעט קאָן זיין אויף אייער זייגער, הער גריל?

און ווי תמיד שוין מכמה וכמה יאָרן רוקן זיך צו צום טיר-שפּעלטל צוויי הענט מיט צוויי זייגערס. אַ קליין, גלאַט-ווייס, שמאָל ווייך, ווייבעריש הענטל וואָס האַלט צווישן די דינע, איידלע פינ־גער אַ קליין, איידל, ווייס זייגערל — שלייכערס האַנט מיט זיין זייגערל — און אַ גרויסע, שווערע, שוואַרץ-פאַרהאַרטעוועטע האַנט מיט אָפּגעקוועטשטע גילקעלעך, וואָס האַלט צווישן די ברייטע, שטומפּיק-שוואַרצע, אָן-נעגלדיקע פינגער וואָס זעען אויס ווי סענקעס אויף אַ קלאָץ, אַ גרויסן, אומגעלומפּערט-קיילעכדיקן, שווערן, אַלטן, מעשענעם זייגער. ס׳הערט זיך פון אָט דעם זייגער אַ הויך קנאַקנ־דיקער קלאַפּ, אַ טיק-טאַק ווי דאָס קלינגענדיקע קלאַפּן אין אַ שטייסל — דעם גרויעשן בעל-הביתס האַנט מיט זיין זייגער:

— פונקט צוועלף . . . זאָגט דער בעל-הבית מיט זיין אונטער־טעניקן, הייזעריקן, פאַרהאַרטעוועטן, גראָבן קול, וואָס ס׳קלינגט אין דעם דער קלאַפּ פון האַמערס, דאָס טויבע ברומען פון מאַשינען. דער הער שלייכער דרייט אָן די צייט אויף זיין זייגערל נאָך יענעמס, דאָס טיר-שפּעלטל פאַרמאַכט זיך. אַצונד ערשט נעמט ער זיך פוצן און סטראָיען מיט באַנייטן כח. ער בערשט שטאַרק די ליידיקע

אויסגעטרעפּקעטע הויזן מיטן אויסגעקראָכענעם בערשטל אָן האָר, און ס'דויערט לאַנג ביז ער טוט אָן זיין הויזן, האַרטן, קויטיקן קראַגן וואָס איז אין די ברעגעס אַביסל איינגעבראָכן. לאַנג, זער לאַנג, קעמט ער רחבֿהדיק זיין קיילעכדיק-אויסגעשפּיצט גראָ בערדל און צום סוף ערשט, בייגט ער זיך זייער לאַנג פאַרן געשפּאַלטענעם שפּיגעלע אָנטועענדיק דעם וווילינגעשן ברייטן הוט אויף אַן אויער און בשעת דעם הערט ער ווי אונטער דער טיר עסט דער בעל-הבית וואַרעמעס. די ציין יענעמס קייען פּאַוואָליע אָבער מיט כונה און שטאַרקייט און ס'הערט זיך זייער הויך פּאַוואָליע רייבן ווי מען הערט דאָס רייבן פון פערדישע ציין ווען זיי קייען.

מיט אַ סך יאָרן צוריק פלעגט שלייכער הערן דאָ אַלע טאָג, אין דער מיטאָג-שעה, קייען אַ סך מיילער אַזוי, דעם בעל-הביתס ווייב, זין און טעכטער, וואָס פלעגן קומען פון דער אַרבעט, שוואַרצע, פאַרסאַזשעטע, שטומע און מידע עסן וואַרעמעס. דערנאָך האָט ער נישט געהערט מער ווי צוויי מיילער קייען. די אַלטע מיטן אַלטן. שלייכער געדענקט זי נאָך די בעל-הביתטע זיינע. אַ לאַנגע, דאַרע, קנעכעריקע גויה מיט אַ פינסטערן, בייזן בליק ווי ביי אַ הונגעריקער קאַץ. זי פלעגט אַהיים קומען מיטן קיישל אויף דער האַנט, דעם קאָפּ פאַרבונדן מיט אַ פאַטשיילע, אָנגעהאָרעוועט און שטום, איבערגעבויגן אַביסל פון אייביקן ליגן אויף די בריקן אין יידישע שטיבער, ווו זי האָט זיי געוואַשן און געריבן. זי איז געשלאָפן אין פינסטערן קיך-ווינקל איינגעוויקלט אין שמאַטעס, גראָד דאָרט ווו שלייכער האָט באַדאַרפט אַדורכגיין צו זיך אין שטיבל אַריין. דע'מאָלט, אין פינסטערע נעכט, פלעגט ער נאָך חשק האָבן פּאַוואָליע צו עפענען די טיר, אַריינשלייכן אין די גאַציעס צו דער בעל-הביתטע אויפן געלעגער, שטיל אַרונטער-רוקן זיך נעבן איר צווישן די שמאַטעס. איינגעשטעלט דאָס לעבן אין קאָן, איינגעהאַלטן דעם

סאפּענדיקן אָטעם, דער בעל־הבית זאָל נישט הערן און דערהרגע־נען מיט אַן איינציקן קליק. בייטאָג אָבער האָבן זיי זיך נישט גע־קאָנט, נישט געזען זיך יאָרן לאַנג. אַמאָל נאָר האָט זי אים דער־טאַפּט אין דער היים די בעל־הביתטע, געקריגט זיך מיט צאָרנדי־קער גערעכטיקייט וועגן דירה־געלט וואָס דער הער שלייכער האָט נישט געצאָלט.

— אומזיסטיקע ווינערס דאַרף איך נישט . . . ייד ! . . .

איינמאָל געדענקט שלייכער, האָט אים די בעל־הביתטע וואָרעמעס־צייט צוגעשלעפּט צום ווינקל, חושד געווען אים, אַז ר׳האָט דאָרט אָנגעמיסטיקט, און שרייענדיק:

— דו חזירשער ייד פאַרשאָלטענער . . .

האָט זי אים דערלאַנגט צוויי קנאַקעדיקע פּעטש איבערן געלן אויס־געסטראָיעטן, שפּיציקן פּנים. און טאַקע אין יענער צייט געדענקט ער, האָט ער געהערט ביי זיך אין שטיבל ווי מ׳טראָגט זי אַרויס אַוועקצופירן אויפן טויטן־וואָגן די בעל־הביתטע זיינע. מ׳האָט גע־הערט נאָכדעם דאָרט אין שטוב טעג־לאַנג אַ פאַרשכורטן גויעשן גע־זאַנג, טיפּען מיט שווערע פיס, געשרייען, קוויטשיקע ווייבערישע און גראָבע מאַנזבילישע הייזעריקע, גלעזער קלינגען און קלאַפּן מיט שווערע, גראָבע פויסטן אין טיש. מ׳האָט דערקענט, פון פריי־לעכן ליאַרם אַרויסשרייען, דעס בעל־הביתס קול ווי דאָס שרייען פון אַן אָקס. דער האַרבער, זויערער ריח פון וויין און בראָנפן האָט זיך דורכגעשפּאַרט צו שלייכערן אין זיין שטוב אַריין. ער האָט געוווסט אַז מען איז זיך משמח דאָרט, ביים בעל־הבית, נאָך דער געשטאָרבענער. ער האָט געדרייט די איידעלע, געלע, יידישע נאָז מיט אָפּשיי און מורא, געשראָקן זיך אַהיים צו קומען ביינאַכט שלאָפן. זייט דעמאָלט אָבער איז שטיל ביים בעל־הבית אין שטוב. זייט לאַנגע יאָר שוין אַז דער בעל־הבית מיטן קאָמערניק זעען זיך

בּישט פּנים אל פּנים. אַז שלייכער קומט געוויינטלעך אַהיים שפּעט אין דער נאַכט, שלאָפט שוין דער בעל־הבית אין זיין שטוב, דאָרט ערגעץ אין שמאַטיקן ווינקל, און ס'הערט זיך נאָר זיין כראָפּען, הויך־אויסגעצויגן מיט כח ווי דאָס זעגן פון אַ שטומפּיקער זעג. ווען דער בעל־הבית גייט אינדערפרי אַוועק צו דער אַרבעט, שלאָפט שלייכער ביי זיך אין שטיבל, איינגעדרייט, דאָס קעפּל פאַרלייגט, שטיל ווי אַ הינדל. נאָר זייערע זייגערס זעען זיך יעדן טאָג פּונקט צוועלף, וואַרעמעס־צייט.

2

עפּעס אַ שווערע און פינסטערע שטראָף ,יגט אין די ליידיקע קריכנדיקע יאָרן פון אַ מענשן וואָס לעבט זיי אָפּ איינער אַליין, אַנדערש נישט ווי גאָט האָט געבאָטן. די שטראָף פונם גורל פאַר דער מענשליכער אָפּנאַרעניש.

דער רויך וואָס קריכט נידריק, שוואַרץ און גראָבליך, פונם רויטן האָרבאַטן ציגל־קוימען, פאַרשטעלט אייביק די שיין פונם טאָג און ס'פאַלן פון אים קליינע שטיקלעך סאַזשע, וואָס לייגן זיך שטיל, טויב און ווייך אויפן פענסטער־ברעטל, אויפן צובראָכענעם פאַר״ זשאַווערטן טאָפּ אָן אַ דנאָ, וואָס הענגט אייביק אויפן צופוילטן קלעצל אין הויף, און אויפן שוואַכן האַרץ. מען האָט נישט באַמערקט ווען די מויערן האָבן זיך גענומען ביקן, האָרבן, שיילן, בייע זענען געוואַקסן הויך, יונג, שיין און שטאַרק.

דער שכנטעס קליינער ייִנגל איז געוואָרן גרויס. אַ נייער מענש. די האָר אויפן קאָפּ זענען גראָ שטעכיק־האַרט. מ'איז אַלט געוואָרן, איידער מ'רעכט זיך דערויף. שטילער, דומפּיקער, עלטער און פינסטערער ווערט מיט די יאָרן דאָ ביי שלייכערן אין שטיבל. די צייט איז שטיין געבליבן פאַרגעסן ווי אַן אַלטער צובראָכענער

זייגער. בלויז אַמאָל נאָר ווערט אַהער פאַרבלאָנדזשעט אַ ציענדיקער הייזעריק׳ י־ער נגון:

— האַנד — על — ע — ע — ע — ע — ע — ע. האַנד — ע — לע — ע — ע — ע — ע.

— אַלטע וועסטלעך, אַלטע רעקלעך . . .

איינגעגעסן גאָרגלט זיך דאָס צופּלעטשטע זינגענדיקע האַלז־קול פונם שוואַרצליכן קויטיקן יידן מיטן ליידיקן זעקל אויף די פּלייצעס אונטן אין הויף. דאָס קול ציט זיך פונם פאַרקרומטן מויל ווי פון אַ הייזעריקן טראָמייטער. ס׳דרינגט אין אַלע שטיבער, אין אַלע פענ־סטערע לעכער פון די האָרבאַטע פעטיקע, אָפּגעשיילטע הויפן מיט די אָנגעוואַקסענע מיסט־בערגלעך, פאַרזשאַווערטע קעלער־פענסטער, בלאָטע און אָרימקייט. שלייכער האָט ליב צו הערן דאָס קול. ער האָט אַלע יאָרן אַן אַלט רעקל צו פאַרקויפן און ער רופט פון צייט צו צייט אַרויף אַ „האַנדעלע־ייד" דורכן פענסטער. ער באַגרעט זיך לאַנג ביים פאַרזשאַווערטן פענסטער, וואָס קאָן זיך נישט עפענען. זיין קעפל ציטערט אין דערוואַרטנדיקן האָפן צום מסחר אַ אומקלאָרע געהויבנקייט גראַבלט שוין אין דאָרן האַלז די קנעכערנע אברים דערוואַרימען זיך. דער ייד אונטן אין הויף פילט דאָס. ער שטייט און וואַרט, שטום און אָנגעשטרענגט מיט אַ געשפּיצטן אויער. ער פילט שוין מיט זיין שאַרפן חוש וועלכעס פענסטער ס׳וועט זיך עפע־נען און ער קוקט אַרויף אהין תחנונימדיק מיט אַ פאַרקוועטשט אייגל, דאָס בערדל פאַריסן אין דער הויך, קרומלעך פאַרשטיינערט אין דער לופטן, וואָס אין דער אונטערטעניקער געדולדקייט פון דעם, ליגט דער גאַנצער יידישער בטחון. אַז ער גייט אויף די טרעפּ, הערט מען שוין אַ שאָרכנדיק גלייכגילטיק טאַפּן און וואָס נעענטער ער גנבעט זיך צו דער פינסטערער טיר, אַלץ מער צורינט דער בטחון, צורינט פון זיך אַליין, צוגייט ווי שניי וואָס מ׳ברענגט מיט זיך פון דרויסן,

אויפן קאַפּעלאַטש זיין שטויב פאַרדריקן די שוין זיינע ברעמען שווייגנדיק ברוגז-בייזלעך. ער טוט אַ טאַפּ מיט ביטול דאָס רעקל וואָס שלייכער האָט דאָס אַרויסגענומען באַדעכטיק פונם קאַסטן, אָפּ־געפּוצט, דאָס אָפּגעבערשט מיט דער האַנט, דאָס מינדסטע שטויבעלע. דער סוחר טוט דאַרויף אַ האַלבן קוק און וואַרפט דאָס אַנידער צו די פיס. שלייכער הייבט דאָס אויף, ווייזט דאָס אים נאָכאַמאָל, טוט מבינותדיק מיט צוויי פינגער, אַ גלעט, אַ צי, די פּלייצע פונם רעקל און ער רעדט יענעם איין:

— כמעט ניי . . . פילייכט צוויי מאָל געטראָגן. עס איז אַ פיין רעקל . . . זי זעהען אַ שטאָף . . . איך וואָלט דאָס נישט פאַרקויפט, נאָר זאָל אַן אָרימער ייד פאַרדינען . . .

אָבער דער סוחר קוקט זיך נישט אום אויף דער פּלייצע. לאַנג און שווייגנדיק טאַפּט ער דוקא די אָפּגעריבענע לאַצן, די אויס־געטרעטע קעשענעס, קערט איבער אַן אַרבל מיט דער צוריסענער פּאָטשעווקע אַרויס און וואַרפט דאָס רעקל ווידער אַנידער צו די פיס.

— רעקלעך . . . ווער ברויכט היינט רעקלעך? . . . איין קאַפּע־לאַטשל ווען זיי האָבן . . . איין שיכל . . . וואָס ווילן זיי דאַפיר? ס'איז נישט ווערט צוויי העלער . . . זאָגט דער סוחר, פינסטער אָפּגענאַרט, אַרומזוכנדיק מיטן בליק אין אָרימען שטיבל מיט די צולעכערטע אויסגעברענטע, גרינליכע, שימליקע ווענט, אַנגעשטעלטע צובראָכענע שאַפעס, שטויב און פינסטערניש. און ס'ווערט אים שטאַרק קלאָר, אַז עפּעס צו פאַרקויפן איז שוין דאָ זעכער נישטאָ וואָס. ביידע יידן טוען זיך אַ קוק אָן מיט פאַרשטענדניש און שנאה, אַ שאַרפע און פאַרביסענע, גרייט זיך דורס צו זיין. שלייכערס שפּי־ציקע, בלייכע פינגער ציטערן פון כעס. ער עפנט די טיר און בעט זיך שטיל, געפּייניקט

— גייען זיי ביטע . . . גייען זיי . . . איך האָב נישט קיין צייט . . . איך האָב נישט קיין רעקלעך צו פאַרקויפן . . .

דער סוחר גייט שווייגנדיק אַוועק. אין דער טיר אָבער בלייבט ער פּלוצים שטיין און זאָגט גיפטיק ווינקנדיק מיט אַ האַריק פּאָר׳ קוועטשט אויג, מיטן אָפּענעם כיון ווי צו טון, אַרויסצונעמען די נשמה:

— זענען זיי נישט צופעליק אויס קרעמביץ? . . . פון וואַנען זענען זיי?

און ריכטיק. יענער טרעפט. הער בערטאָלד שלייכער איז באמת געקומען פון דעם דאָזיקן גאַליצישן שטעטעלע מיט אַ יאָר פערציק צוריק אַהער קיין ווין. זייט דעמולט וווינט ער דאָ, ביי הער גריל אין שטיבל. אָבער ער האָט פיינט זיך צו דערמאַנען אין דעם. מ׳דאַרף נישט. און זייט דעמאָלט טאָקע, שאַרט ער זיך אַלע טאָג פאַרגנבעט פונם האַרבאַטן, בלאָטיקן געסל, איינגעקוועטשט אין זיין אָפּגעריבענעם, גרינליכן, קורצן דייטשן ראָק מיט די צוויי קנעפּ אין סטאָן, דעם ברייטן קינצלערישן פעטיקן קאַפּלאַטש האָפּערדיק אויף אַן אויער. ער שטופּט זיך טענצלענדיק צווישן די גייענדיקע מענטשן און ער קלייבט סטעזשקעס, זוכט מיט אַ פאַרצויגענער נאָז פון עקל, נישט איינצוזרעכטן זיך די אָפּגעפּוצטע געלאַטעטע שפּיציקע שיך אין דער בלאָטע, ווו ס׳שטעקן אין איר פאַרפוילטע גרינוואַרג׳ בלעטער, פאַרדעכטיקע שמאַטעס, צוטרעטענע מייז. ער מייד אויס אַ קופּע קוילן, וואָס אַ שוואַרצער מענטש מיט אַ זאַק אויפן קאָפּ שיט אָפּ אין אַ קעלער אַריין, און אין מיטן וועג יאָגן זיך נאָך צוויי קויטיקע הונט, אַ קליינער מיט אַ גרויסן זיי דרייען זיך באַגערנדיק אין רעדל, שמעקן זיך צו די הינטינס, אַנטלויפן, דרייען זיך ווידער, ווילן זיך בייסן מיט די פאַרשלאָסענע פּיסקעס, ביז דער קליינער באַפּט דעם גרויסן, דראַפּעט זיך אויף אים מיט אָנשטרענגעניש,

פאַלט אַראָפּ און קריכט נאָך אַ מאָל. צום סוף שטעלט ער אַרויף
צוויי פיס אויף יענעמס רוקן און זיי פּאָרען זיך, גיך, גיך, מורא
האָבנדיק מ׳זאָל זיי נישט איבערשלאָגן אין מיטן. דערנאָך אָבער
אַנטלויפן ביידע דער אַהין און דער אַהער, אָפּגענאַרט, באַלאָדן
מיט דער גאַנצער נישטיקייט פונם לעבן אויף די אָנגעבויגענע קעפּ.
די מויער-טורעמס זענען פאַרהילט פונם פאַלנדיקן שניי. די בויכיקע
בריק איז ווייס. אין די גלאַנציקע רייכע שיינע גאַסן, שטרעקט זיך
דער אַלטער שלייכער. דאָס געשריי פון די לויפנדיקע אָטאָמאָבילן,
דאָס קלינגען פון טראַם, דער גלאַנץ פון די גאָלדענע שילדן, דאָס
לויפן פון די מענשן, די שיינקייט פון די שויפענסטער, דער גאַנ׳
צער געוואַלטיקער שטאָט-רעש באַלעבט דעם אַלטן, באַשפּריצט אים
מיט נייעם כח, פאַרטאַמלט זיין געמיט. זיין צוויקער אויף דער בליי׳
כער, טויטער נאָז, גלאַנצט פריציש און ער שפּאַנט וויכטיק מיט גדלות,
איילט זיך צוגלייך מיט אַלע לויפנדיקע. מען זעט אים זיך שטיפּן
צווישן זיי, דעם ברייטן קאַפּעלאַטש אָנגערוקט אויף אַן אויער און׳
טערטענצעלנדיק צו דער מוזיק פון די לוסטיקע שטיקלעך, וואָס די
בעטלערס אין די גאַסן-עקן שפּילן אויף די הייזעריקע שפּיל-קעסט׳
לעך, אַרויסשטעקנדיק זייערע נאַקעטע פאַרבלאָעטע, אָפּגעזעגטע
פיס-רעשטלעך, דינע, צודרייטע אונטערגעהאַקטע הענט, אָפּגעפוילטע
בעז. אויף אַ שטיינערנעם שוועל זיצט אַ יידישער אָרימאַן.
דער גרויסער צובראָכענער האַרטער קאַפּעלאַטש, ווי אַן איבער׳
געקערטער קליינער קעסל, איז אים אָנגעריקט איבער די רויטע
צויאַטערטע אויגן אָן ברעמען ביז אויף דער גראָער שיטערער
צובלאָזענער באָרד. זיין קליינער אָרימער, גופל ווי אַ פאַרדאַרטער
קויטיקער וואָרצל, הויקערט זיך אין דעם ברייטן שמאַטיקן צו׳
פליקטן ראָק און ער שפּילט אויפן שטילן צובראָכענעם פידאַלע פאַרבינדן
מיט שטריקלעך, אָנגעשפּאַרט אָן דער באָרד די שענסטע פריילעכסטע

יידישע שטיקלעך, צוזינגענדיק דערביי שטיל אין דער גרויסער צו־בלאָזענער באָרד אַריין צו זיך אַליין, פאַר דער אייגענער הנאה וועגן:

— אָ־י — אָי פּראַטיק — אויף — דער — נאַכט — איז — אַ — יע — דער י — יד אַ מ — יי — יי — יי — עי — לעך — עך.

ער טוט גיך אַ כאַפּ די נדבה מיט איין פינגער, באַהאַלט זי אין די גרויסע בייטל־קעשענעס, כדי נישט מפסיק צו זיין און ער פידלט ווייטער מיטן מאָגערן שוואַכן שמוטשיק און אָפּט זעט מען זיין צו־קרימט מויל דערביי אונטערלאַכן, פריילעך צו זיך אַליין מען פילט, אַז אָט דער דאָזיקער טייערער ייד איז דער שענסטער און בעס־טער פון אַלע יידן פון דער גאַנצער שטאָט ווין. שלייכער קען אים נישט ליידן. ער האָט אים פיינט מיט דער שנאה פון איין קליינעם צום אַנדערן. ער שעמט זיך מיט אים. מיט זיינע יידישע שטיקלעך וואָס ער שפּילט. תמיד ווען שלייכער גייט דורך די גאַס פאַרביי יענעם, פאַרגעסט ער נישט אַ רעד צו טון צו זיך אַליין:

— ווען ער זאָל זיך כאָטש אָפּשערן די באָרד . . . ווען ער זאָל כאָטש נישט שפּילן קיין יידישע שטיקלעך . . . אַזאַ מאוסע זאַך!

און אַז שלייכער זעט ווי פאַרבייגייערס געבן דעם אָרימאַן אַמאָל אַ נדבה, טוט דאָס אים אַ ריס אין האַרץ. ער רעד אין דער וועלט אַריין צו די פאַרבייגייערס טרעסנדיק די נאָז אין גערעכטן צאָרן:

— זאָ איין שווינדלער . . . ער איז אָנגעשטאָפּט מיט געלט. ער האָט צוויי הייזער . . .

די גאַנצע געוואַלטיקע רו אָבער, די פאַרגעלטונג פאַר אַלע פּיינען און נויטן קערט זיך אום צו שלייכערן ערשט אין יענער רגע, ווען ער דרייט זיך אַריין מיט דער דרייטיר אין רייכן, גאָלדבאַצירטן קאַפע „הערן־האָף“. דאָ צווישן די גרויסע קרישטאַלענע שפּיגלען איז ער אַן אַנדערער מענטש, אין אַ אַנדערער וועלט. זיצנדיק פאַר־

זינקן אין גרין-פּלושענעם ווינקל ביים מאַרמאָרטישל, רייבט ער יך צופרידן איין העגטל אין אַנדערן און באַפעלט דעם אויסגעסטרעֶיעטן קעלנער מיטן ווייסן שרינט אין מיטן קאָפּ.

— איין שוואַרצן קאַפּע . . .

שלייכער גלעט זיך מיט ביידע הענט דעם גראָליכן שויבער, די שפּיץ נאָז שמייכלט צופרידן. די שלאַפּע געלקייט אונטער זיינע אויערן בלייכט זיך דאָ אין פריצישער איידלקייט. ער קאָן זיך דאָ מיט אַ סך פון די שטאַבילע געסט, די היגע דייטשע שרייבערס, וואָס נישט זייער גאַנצע אַרויפגעשלעפּטע קולטור און נישט די אַריסטאָקראַטישע גלעזלעך איינגעקלעמט אין איין אויג, קענען פאַרגלעטן אַביסל די האָרבעס אויף זייערע קרומע יידישע נעז. אַז מען זעט זיי דורך די גרויסע קאַפּע פענסטער אייביק דאָרט זיצן, בלייכע און אויסגעסטרויעטע, פאַרזונקען אין די ווייכע פּלושזאָפקעס, די אָפּנאַרנדיקע בויכיקע שטערנס געבויגן איבער די צייטונגען, ווערט מיט אַ מאָל ווי פון אַ בליץ באַלאָכטען קלאָר די גאַנצע שנאה פון די אומות העולם צו אָט דער פרעמדקייט פון די צו־דרינגליכע יידישע קולטור־נעז. אָנגעבויגן איין האַנט אין הויזן־קעשענע, אַ גראָבן ברענענדיקן ציגאַר אין מויל מיט זיין לייטזעליק אונטערטעניגן שמייכעלע אויפן שפּיציקן גראָען בערדל, דערנעני־טערט זיך שלייכער מיט דער צייטונג אין דער האַנט אונטער אַ פּלייצע און זאָגט:

— האָבן זי געלעזן הער דאָקטאָר דעם פעלעטאָן פון פעליקס סעלצער אין דער פרעסע? שיין, זער שיין . . . איך זאָג אינען . . . אַ — אַ — אַ . . .

ער שאָקלט הנאהדיק דעם קאָפּ און דאָס טויטע מויל פאַרציט זיך קיילעכדיק־געשפּיצט אין קוויקנדיקער זיסקייט ווי ביי אַ יידענע אַז זי פאַרזוכט איינגעמאַכץ:

— זער שיין אַ — אַ — אַ.
שלייכער ווייסט, אַז זיי האַלטן אים דאָ פאַר אַ טעאַטערמענש, פאַר אַ „יידישן קונסטפריינד" פאַר אַ געהויבענעם מבין, פאַר איינעם פונם פאַך. און כאָטש זיי האָבן פיינט און שעמען זיך מיט זייערע ברידער פונם מזרח די פינסטערע קויטיקע „אָסט-יידן", מיט די פאַרפאַפטע בערד און לאַנגע פאות, די ווילדע בריאים, גנבים און שווינדלערס, די אָנזעצערס, וואָס מען מאַכט אויף זיי פאָגראָמ' מען, מ'קוילעט זיי, דאָרט אין דער ווייטקייט, ווייסן זיי פונדעסט' וועגן אַז ביי יענע איז דאָ עפּעס אַזוינס, וואָס זיי האָבן נישט: „חסידישע מיסטיק", „קבלה", תנ'ך. און אָט ער, הער שלייכער, איז פון דעם דער ראש. ער מאַכט דאָס אַלץ, ער „אַראַנזשיערט" דאָס ביי יענע, ביי די יידן פון מזרח. און זיי די דייטשן האָבן דארום צומאָל רחמנות אויף דעם אַלטן, גלייך ווי מ'מוז רחמנות האָבן אויף אַ יעדן גאָטס באַשעפעניש און דערצו נאָך אויף אַ ברודער אַן אומגליקליכן, אַ נישט לייטישן.

ווי אַן אויסגעווייקטער אַלטער קאָטער, קריכט שלייכער אַרום אין גיסנדיקן רעגן, צווישן זייערע רעדאַקציעס, אין די קאַנצלייען, אין די קאַפע-הייזער. ער וואַרט שעהן לאַנג פאַרשמאַכט און פאַר' פרוירן, געדולדיק אין די פאָרצימערס, ביז ער נאַרט אויס ביי זיי אַ נאָטיץ אין זייערע גרויסע דייטשע צייטונגען וועגן דער „יידי' שער טרופּע" וואָס שפּילט דאָרט אונטן אין יידישן געסל אין שענק אין זשאַרגאָן-שפּראַך. ער האָט זיך אָנגעגרייט אַ גאַנצע רעדע צו רעדן מיט זיי, אָבער דער כח האָט אים פּלוצים פאַרלאָזן. שלייכעו' טענהט צו די דייטשן עפּעס אומפאַרשטענדליכס, קוים אָטעמדיק, מ'הערט נישט אַ וואָרט, מ'זעט נאָר ווי ער דרייט, מאַכט מיט זיין ווייכן ווייסן הענטל, לאַנג, לאַנג, ביז ס'ווערט אים שווינדליק אין די אויגן, טריקן-שטעכיק אין האַלז. זיינע שפּיציקע שמאָלע אַקסלען

ציטערן פאַרחלשט, אָט, אָט פאַלט ער אַנידער, ער פאַרלירט דאָס לשון. מיט די לעצטע כחות טוט ער אַ גלעט מיט ביידע ציטער־דיקע געלע הענט זיין גראָלעך בערדל:

— ביטע הער רעדאַקטאָר קאָמען זיי מיט מיר... איך פיר זיי אַהין. ס׳איז טאַקע נישט צום גלויבן, אָבער קונסט איז קונסט... זיי וועלן אַליין זען, ביטע שיין ווי אַזוי די יידישע שפילן... עס איזט איין רעטעניש...

אין דער טרוקענער האַלז-הויט זעט זיך דורך ביים רעדן, זיין דאַרער גאָרגל, ווי אַ סענקעוואַטע שטעקן אין אַ זאַק. ער באַמיט זיך מיט די לעצטע כחות איבערצורעדן, אָפּצונאַרן דעם דייטשל, צו שלעפן אים אין יידישן טעאַטער אַריין, זען ווי מען שפּילט קונסט און אַז יענער מיט דער פעדער אונטערן אויער, די שטרויענע וואָנציקע אונטערגעהויבן פון אונגעדולדיקייט, שרייט אַז ער האָט נישט קיין צייט, זאָגט צו אויף אַן אַנדער מאָל, דרייט זיך, רייסט זיך ווי אַ געבונדענער האָן, אונטערטענצלדיק אין פיין אויף איין אָרט, דעמולט פּרובט שוין הער שלייכער דאָס לעצטע מיטל זיינס. ער נעמט חלשן. זיין שמאָל-שפּיציק הענטל טוט זיך אַ כאַפּ צום האַרץ, די אויגן פאַרגלייזן זיך, איבערגעצויגן מיט אַ ווייס הייטל, דאָס קעפל הענגט אַראָפּ, די קניעס בייגן זיך, קוים וואָס ער סאַפּעט אַרויס:

— איי מיין האַרץ...

שוין ער רוקט זיך, אָנגעלעבט אָן דער וואַנט, פאַלט אַנידער. דעמולט מוז שוין דער דייטש אוזאָגן, ער שרייט:

— איך וועל קומען... הער שלייכער...

3

די פרנסה איז אַ ביטערע און הער שלייכערס טרחה ווערט נישט אָפּגעשאַצט. ביינאַכט שטופּט ער זיך שוין אונטער די צובראָכענע, וואַקלדיקע קוליסן פון יידישן טעאַטער, דאָרט אין גליטשיקן, ענגן קעלער־לאָך צווישן די שמאַטעס און לאַכעס און ער דינגט זיך היציק ווען די פּאָר קראָנען וואָס ער פאַרדינט ביי די שפּילערס פאַרן אויסנאַרן אַ נאָטיץ אין די דייטשע צייטונגען. אַ קליינער, אַ פרעמדער דאָ, שטופּט ער זיך, געפּייניגט פון שנאה און ביטול, צווישן די אָנגעוואָרפענע בעקעשעס, קאָסטיומען מיט גלאַנציקע פליטערלעך, געפאַרבטע נעז און ביסקעס און ער רעדט פשוט יידיש, אַז דאס אַלץ וואָס ס׳טוט זיך דאָ, האָט מען אים צו פאַרדאַנקען, דאָס האָט ער געמאַכט, דאָס איז זיין „אָראַנזשמאַ״:

— ווען נישט איך, וואָלט מען געמעגט נעמען די טאָרבעס און גיין אין די הייזער . . . רעדט ער קיילעכדיק־הייזעריקלעך פאַרביסן, טרעסנדיק דעם קאָפּ, די אויגן צופלאַמט אין צאָרן.

אָבער די שוישפּילערס דאָ הערן אים נישט. מ׳פאַרבט זיך ווייטער אין שווייסיקער איילעניש די באַקן, די שטערנס. מ׳טוט אָן שויבערס, מ׳קלעבט בערד און פאות, מ׳מעסט אָן פּאַפּירענע קרוינען, איינגעבראָכענע, אָפּגענוצטע, די גאָלדפאַרב אויף זיי איז פאַרזשאַווערט, שוואַרץ, און בעת דעם עסט מען מיט גרויסן אַפּעטיט, שטייענדיק, א יושקע. הער שלייכער וואַרפט אַ האַלב אייגל, אַ גליסטיקס אין אַנדערן, צ׳פּענעם שטיבל, אין דער „גאַרדעראָבע״ אַריין, צו די ווייבער. מ׳שטייט דאָרט אין די בלויזע הויזן, מ׳פאָדערט די נאַקעטע פּלייצעס, מ׳שטופּט שמאַטעס צווישן די ברוסטן, מ׳בעט אויס די הינטנס מיט קישנס. מ׳זעט נאַקעטע פיס, ווייבערישע, גראָבע, גוואַל־

טיקע. מ׳רעדט דאָ אַלע אינאײנעם, מ׳שרײַט מיט געהויבענער בײַז־קײט, מ׳לויפט, מ׳יאָגט, אָנשלאָגנדיק זיך אײנער אין אַנדערן, ווי כּחותנים פאַרן באַדעקנס. און נאָר דער עלסטער צווישן זיי דער דירעקטאָר ישראל דזמב טוט צו שלײַכערן אַ דריי־אויס זײַן געקרומטע נאָז, אַ פינסטערן טרעסע מיטן רבנישן ספּאָדעק אויפן קאָפּ און אַ צי די הויזן אונטער דער זיידענער בעקעשע:

— הערט נאָר איר . . . איר זענט אַ פאַרכוואַטע יידל . . . איר הערט וואָס איך זאָג אײַך? . . . אַרויס פון דאַנען, וואָרום . . . הע . . .

און דעמבס לצנותדיקע, אַשיקע אויגן זוכן שוין אַרום אַ כּלי־זין. שלײַכער ווייסט, אַז מיט אים טאָר מען נישט קיין סך רעדן, דעמבס פאַרשטייט נישט קיין חכמות. זײַן אײַזערנער קליק איז שטענדיק אָנגעברייט און ס׳קיצלט אים, אויף שלײַכערס קעפּל אַ קנאַק צו טון. הער שלײַכער רוקט זיך אַרויס פון דאַנען, אָנגעבויגן, צוהאַלטנדיק דעם צוויקער אויף דער נאָז, צוּבראָכן, קוים קוים וואָס ער אָטעמט.

אָבער אינעווייניק אין טעאַטער, צווישן די אַקטן, ווען דער פאָרהאַנג איז אַראָפּגעלאָזט, טענצלט ער שוין אַ צושמייכלטער, אײַן האַנט אין הויזן־קעשענע גדלותדיק געשטרעקט, צווישן די זיצנדיקע אין די פאָדערשטע רייען. ער פילט זיך דאָ יום־טובדיק אויפגעלייגט און געהויבן. וואָרום דאָס אַלץ איז פון זײַנעטוועגן. דאָס האָט מען אים צו פאַרדאַנקען, זײַן הענטל טוט אַ גלעט דאָס שטראַלנדיקע בערדל און ער נייגט זיך לייטזעליק אַהין און אַהער צו די אַלע ציוניסטישע טעאַטער־קריטיקערס, וואָס לויפן אַרום ווי די פאַרסמטע מייז מיט די ווייבלעך אונטערן אָרעם, דאָס ברויט־מיט־פּוטער אין קעשענע, פון איין טעאַטער אין אַנדערן. אויף זייערע נאַרישעוואַטע פּנימער ליגט צולייגט די גאַנצע אויסגעסטראָ־

יעטע טפשות פון די אָפּערעטן און דראַמעס, וואָס זשומען ווי פליגן אין זייערע געמיטער, אייביק נישט־אָנגעזעטיקטע מאָנענדיק נאָך טעאַטער. שלייכער שטעקט דאָ אַלע, אַ באַגליקטער, אַ צושמייכלטער זיין ווייס, ווייך און שמאָל־שפּיציק ווייבעריש הענטל:

— האַבע די עהרע הער שמעלקעס!

— האַבע די עהרע הער ייטעלעס!

— האַבע די עהרע הער שלייכער!

— גוטע „רעזשי״ . . . איינע יידישע דראַמע . . . פאָן דעם גלות.

— וואַס זאַגן זי עפּעס צום דריטן אַקט? איך האָב תיכף געזען אַז ער איז צו קערץ . . . ווייס איך וואַס . . . זיי האָבן אים געשניטן . . .

— די סצענע מיט דעם שוואַגער איז וואונדערבאַר . . . האָבן זיי געזען ווי ער וויינט? . . . מיט אמתע טרערן . . .

— דער ראַבי איז זער גוט . . . נאָר אַביסל צו שוואַך ביים שטאַרבן. ער מוז מער ליידן . . .

— אָבער וואָ איז די מיסטיק?

זאָגט צום סוף עיזשען פריינדליך, אַ געפּרעסט דייטשל, וואָס דערמאָנט מיט זיין געבילדעטן, געשווירענעם, רויטליכן, דייטשן בערדל דעם פּריצישן בעלפער אין דערהיים, בעת ער איז געגאַנגען שבת אינדערפרי אין די העניטשקעס, אין די קאַלאָשן אין שול אַריין דאַווענען און האָט געקליבן סטעזשקעס.

דאָרט, גאָר אין דער ערשטער ריי, זעט מען אַמאָל זיצן דעם באַרימטן דייטשן דיכטער, וואָס זיין נאָמען שם׳ט איבער דער וועלט. ער שעמט זיך נישט מיט זיינע אָרעמע ברידער, די יידן, און ס׳ציט אים אַמאָל, צו אַנטלויפן פון דאָרט, פון דער בייזער פרעמדקייט, פון די געהויבענע, שווערע בורג־טעאַטערס און צו

קומען אַהער, אין אָרימען יידישן אונטערגעסל, צו די בעלי-מלאכות און דינסטמיידן. און דאָ ערשט באַקומט זיין בכבודע, געבויגענע, רבנישע נאָז, די גאַנצע ערפּאָ״כטיקייט פונם תּלמיד-חכם: זיין שאַרפער בליק, לעכצנדיק נאָך שיינקייט און רו, טוט אַ בליץ און אַ שניט ווי די שאַרף פון אַ בלאַנק מעסער און ס׳ווערט קלאָר דער גאַנצער ווערט פונם לעבן, ווען מען זעט ווי דער ווייסער לענגליכער לאָק, וואָס פאַלט איבערן באַהאַלטענעם קלוגן שטערן זיינעם, איז נאָך אַלץ צערבלאָזן אין האָפערדיקער יונגשאַפט, פול כח, וואָס קאָן זיך גאָרנישט מינערן. שלייכער איז מיט אים אַ גאָר נאָנטער שמיגלקע. ער קריכט אַמאָל צו יענעם אַהיים, אין דער ווייטער, שטילער רייכער גאַס, אין דעם שיינעם, ווייסן הויז צווישן די בוימער, און די בעל-הביתטע פון דאָרט איז דעם אָרעמען יידן מכבד מיט אַ גלעזל טיי און אַ שטיקל חלה. ווען ער, שלייכער, וויל, קאָן ער צו יענעם איצט צוגיין און רעדן אַביסל, אַז אַלע זאָלן דאָס זען. אָבער ער באַהאַלט זיך אים אויף שפּעטער. און שפּעטער אַביסל שטייט ער שוין טאַקע נעבן יענעם און ביידע רעדן מיד און ווייך מיט ווייסע, שמאָלע הענט. און כאָטשע דער באַרימטער דיכטער קאָן שוין זייט דרייסיג יאָר נישט ליידן וואָס מ׳שטעלט אויף אים אָן אַלע נעכט אין די טעאַטערס די קוק-גלעזער, שטעלט ער זיך פונדעסטוועגן מיטן פּנים צום עולם אַזוי, אַז מ׳זאָל אים קענען זען גוט, פון אַלע זייטן. שלייכער שפּיצט לייטזעליק-אונטערטעניק דאָס מויל און פלייסט זיך אָנצושטעלן זיין קיילעכ׳דיק-שפּיציק בערדל, וואָס איז מיט אַ כיון פונקט אַזוי גרויס און ווייסליך גראָ ווי דעם דיכטערס, אין איין הויך, אַזוי, אַז פון דער ווייטנס זאָל מען זיי קענען פאַרבייטן. דער עולם פאַרבייט זיי טאַקע. שלייכער רעדט שטיל, מיט מתיקות:

— ווי האַלט איר מיט אייער נייער דראַמע „דאָס זיסע מיידל״?

— מ׳קאָן היינט נישט אַרבעטן קיין סך, מ׳באַקומט נישט קיין קוילן . . .

ענטפערט דער דיכטער, אַ זיפּץ טוענדיק צום עולם.

— נו יאָ, ס׳איז שווער היינטיקע צייטן . . .

טוט אויך שלייכער אַ שווערן זיפּץ צום עולם, וואָס שטעלן אָן די קוק גלעזער אויף זייערע ביידענס ענליכע, בלייכע מידע איידעלע נעז.

4

און די דאָזיקע שווערקייט, אין די שוואַכע פיס זיינע לאָזט אים שוין נישט אָפּ, שפּעט אין די נעכט, ווען ער שלעפּט זיך איבער די פינסטערע, בלאָטיקע געסלעך אין די יידישע שענקלעך. די געל־געפּלעקטע טישטיכער אויף די ליידיקע טישן בלייבן זיך מיט שווערער מרה־שחורה יידישער. די גראָבע שענקערין דרימלט אין די פּאַרלייגטע הענט אַריין אויפן הויכן בוזעם. איבער איר קאָפּ הענגען ווייסליך פאַרשימלטע קאָלבאַסן אויף שטריקלעך. אַן אַלטיטשקער אין ווינקל הוידעט דאָס אויסגעקראָכענע קעפּל, קייעט מיט אַ איינגעפאַלענעם מויל אָן ציין, גוואָדזשעט מיט די בלייכע בלאָע יאַסלעס, די פינגער, די לאַצן פונם ראָק פעט צושמירט, און די נאָז הענגט אים אַריבער איבער דער אויבערשטער שטעכיקער ליפּ רויטליך בלאָ, פליישיק־אָנגעבלאָזן ווי אַ אָנגעפּולטע קישקע, באַזעצט מיט רויטע ווייםפּערלעך. שלייכער דערנענטערט זיך אַהין צו יענעם אין ווינקל, טייטלט אים אַריין גיריק מיט אַ פינגער אין טעלער אַריין און זאָגט:

— זעען זיי, צו אָט אַזאַ שיין ביסל ראָסל וואָלט גוט געווען אַביסל פרישע בולבעס . . .

דער עסער דרייט ביין די שפּיציקע פלייצע נישט־אויפהויבנדיק

דעם קאָפּ פונם טעלער:

— נו — נו, זער וואָל . . . קויפן זיי זיך עפּעס, וועלן זיי עסן . . . כ׳בעט אײַנען, גייען זיי! שטערן זיי מיר נישט!

— וואָס זענען זי זאָ בייז? . . . זי . . .

— זי, ווען זיי גייען נישט אַוועק, פּלעט איך אײַנען דעם קאָפּ!... הערן זיי? . . .

— ווער? זי מיר?!

— יאָ! איך אײַנען!

ביידע אַלטיטשקע שפּרינגען אונטער פון די בענקלעך, מיט אויסגעשטרעקטע העלזער, די קעפּלעך אָנגעשטעלט איינס אַקעגן ס׳אַנ׳דערע, ווי צוויי אונטערגעפּליקטע הענער וואָס ווילן זיך שלאָגן, שפּיזן זיי זיך אַריין גיפטיקע שנאה אין די אַלטע פּאַרזונקענע אויגן שטום און פאַרביסן געצויצן:

— ז — י — י — י — י!

— ז — י — י — י — י!

פאַרשלייערט אין יום־טובדיק־מיד שײַנען די געלע לעמפּלעך אין שפּעט־נאַכטיקן קאַפע. שלייכער זיצט דאָ אויבן אָן אין דושנע הייסן אונטערשטיבל צווישן די אָנגעזעצטע קעפּ, געלע און גלאַנציק־גלאַטע ווי געגלייזטע טעפּ. דער שײַן פון די לעמפּלעך שפּיגלט זיך אין זיי. פון די מײַלער בלאָזן זיך גראָבע רויך־וואָלקנס. ער שפּילט דאָ אין דאָמינעס. ער קלאַפּט היציק מיט די גרויסע ביינערנע, אָפּגעניצטע דאָמינעס, וואָס זענען געל פון רויך, און זײַן שפּיץ־נאָז שײַנט מיט אָנגעשטרענגטער, רויטער פײַערדיקייט, וואָס ס׳ליגט אין דעם די גאַנצע צאַפּלדיקע שכרות פון די שפּילערס. ער בלײַבט דאָ דער לעצטער. ווען די פאַרשלאָפענע פאַרשמירטע קעלנערס שטעלן אַרויף די בענקלעך אויף די טישן, דעמאָלט זיצט ער שלייכער איינער אַליין אין קאַפע, און מ׳זעט אים אַרויסנעמען אַ געגזונענעם

פּיפּיק פון דער בוזים=קעשענע, ער עסט פּאַוואָליע, באַדעכטיק, מיט הנאה, דערנאָך דאָביוועט ער אַרויס פון דער אונטערשטער הויזן=קעשענע אַ הינערישע פּולקע, אַ שטיק קעז, און צום סוף קייערט ער אַן עפּל. לאַנג און מיט הרחבה.

— גייען זיי . . . גייען זיי. ס'איז שפּעט. טרייבן אים די קעלנערס בייזלעך=שלעפּעריק.

קיל און אַשיק=טונקל גראָען די פּאַרטאָגן אין די ליידיקע, מידע שטאָט=גאַסן. אַ וואָגן קלאַפּט הילכיק אויף די שטיינער צווישן די פינסטערע מויערן מיט די שוואַרצע, שלאָפנדיקע פענסטער.

הער שלייכער גייט אין דער פרייער ליידיקייט, שאַרנדיק זיך מיט יענער יום=טובדיקער האָפּערדיקייט אין זיין שטרעקנדיק געננגל, ווי געוויינטליך ביי מענטשן וואָס וואַכן דורך די נעכט. אין מיטן אויפן שטראָז שטייט אַ רויטער ברענענדיקער לאָמפּ. אַרבעטאָרער, די שוואַרצע האַרטע פלייצעס געבויגן, פּאָרען זיך דאָרט שטענדיק ביים צורעכט=מאַכן דעם קאַנאַל. זיי קלאַפּן מיט די פּאַרשלאָפּענע, מידע האַמערס און פיילן שאַרף מיט פיילן. אין פינסטערן געסל ביים גרינליכן לאַמטערן=שיין דרייען זיך ווי תמיד די אָנגעפּאַרבטע גאַסן=מיידן מיט די בייטלען אין די הענט, זוכנדיק קונים. אין די פריערדיקע יאָרן פלעגן זיי זיך אַלע אַ לאָז=טון צום הער שלייכער, פאַרשטעלן אים דעם וועג, ווינקען, מיט זיסליכע שמייכלען רופן:

— קום אוצר . . . שעם דיך נישט . . . לאָז דיך פאַרפירן, זיסער . . .

אָבער אַז זיי האָבן שוין געזען מיט די יאָרן דעם אַלטיטשקן אַלע נאַכט דאָרט אַהיימגיין, האָבן זיי זיך שוין נישט מער אומגעקוקט אויף אים, זיי האָבן שוין גערעדט, געלאַכט, געקריגט זיך שרייענדיק אויף די קולות וועגן זייערע זאַכן. צוגעווינט זיך צום קליינעם פאַרבייגייענדיקן פאַרשווינדל ווי צום לאַמטערן-סלופּ.

און נאָר אַמאָל פּלעגט איינע, מיטן צודרייטן היטאַלע אויפן קאָפּ, קלאַפּנדיק איין פוס אין אַנדערן פון נודניקייט און קעלט, אָן האָפן א זאָג־טון:

— נו הער פּראָפעסאָר... ווי שפּעט איז אויף אייער זייגער...

שלייכער בלייבט אַ רגע שטיין. אַ גליסטיקער קיצל טוט זיך אַ גנב׳ע אַריין אין אָפּגעקילטן געמיט. ער נעמט געוויינטליך אַרויס זיין קליין שוואַך זייגערל פונם וועסטל־קעשענע, לייגט דאָס צו צום אויער און ער זאָגט שוין ווייטער גייענדיק:

— מיין זייגער האַלט זיבן מינוט נאָך זיבן... אָבער ס׳גייט נישט גוט...

דעמאָלט רוקט זיך שוין אונטער אַ אַנדערע פון די מיידן, די גראָבע פיס אַרויסגעשטרעקט ווי צוויי ווייסע קלעצלעך, און זי טוט אים אַ קנאַק מיט דער פלאַכער האַנט ביטול׳דיק איבערן ברייטן קאַפּעלאַש:

— אַלטער שטינקער!

אַריינקומענדיק אין פּאַרטאָגליכער פינסטערניש צו זיך אין שטיבל אַריין, ציגד דער אַלטער אָן אַ שוועבעלע. די שוואַרצע גרויסע און פעטע שוואָבן צולויפן זיך אין אַלע זייטן, שרעקיק און גראָבלענ׳דיק צווישן די שמאַטעס און פּאַפּירן. ער הענגט אויף זיין זייגערל צוקאָפּנס אויף דער וואַנט. מאָרגן וועט ער דאָס ריכטיק אָנשטעלן נאָך דעם בעל־הבית׳ס זייגער. אָבער מאָרגן וואַרעמעס־צייט דאַכט זיך אים, אַז אונטער דער טיר ביים בעל־הבית, איז שטיל. ס׳האָט זיך נישט געהערט ווי דער בעל־הבית קומט אַהיים און קייעט הויך פון די טעפּ. הער שלייכער האָט לאַנג געוואַרט. ער האָט נישט געוווסט ווי־פיל דער זייגער איז. ער האָט אַרומגעשלייכט אין זיינע צו־גרויסע ליידיקע גאַציעס, ליידנדיק, נישט געווינט צו קיין נייעסן, שטום, באַלאָדן מיט שווערער אומגעדולדיקייט. אַלע מאָל, אַלע מאָל האָט ער צוגעלייגט

זיין זייגערל צו איין אויער דערנאָך צום אַנדערן. דאָס איז געגאַנ־
גען ווי תּמיד, מיט זיין איידלען, שוואַכן געגנגל און ס׳האָט געהאַלטן
צען מינוט פאַר זעקס. פאַוואַליע, באַדעכטיק האָט הער שלייכער
געפּרובט עפענען א טיר־שפעלטל:

— הער גריל . . . וויפיל האַלט אייער זייגער? . . .

אָבער קיינער האָט נישט געענטפערט. די שטילקייט האָט געגלי־
ווערט ווי גראָער געפרווירענער נעפל אין דער דומפּיקער האַלב־
טונקלקייט. פאַרגנבעט אויף די שפּיץ־פינגער איז ער אַריין צום בעל־
הבית אין שטוב אַריין. אין ווינקל אויפן בעט, צווישן די אָנגע־
וואָרפענע, שווארצע שמאַטעס, דאָרט אין שטוב האָט אַרויסגעקוקט
דעם בעל־הביתס שטילע, שוואַרץ־פאַרשמירטע פאַרהאָרוועטע וואָנציע.
ס׳האָט געשמעקט דאָ אַצינד מיט טויט און ליידיקייט און צוקאָפּנס
אויף דער וואַנט האָט געהאָנגען זיין שווערע מעשענער זייגער.
הער שלייכער האָט זיך אויסגעצויגן אויף די שפּיץ־פינגער, צוגע־
טראָגן זיין קליין זייגערל צו יענעם און דאָס געוואָלט אָנשטעלן
לויט יענעמס ריכטיקער צייט. אָבער ער איז אַצינד געווען שטיל,
דעם בעל־הביתס זייגער אינאיינעם מיט זיין נפש ס׳האָט זיך נישט
מער גערירט אין זיינע געדערעם. זיין הויכער, שטאַרקער גאַנג, האָט
נישט מער געקלאַפּט. ער איז שטיין געבליבן. זיינע גרויסע שוואַרצע
ווייזערס זענען געשטאַנען איינער אויפן אַנדערן שטום. טויט. פּונקט
ביי צוועלף.

צוזשן בײמער

1

דאָס קלײנע פערדל טענצלט גיך, דריבנע, די דינע פיסלעך פלעכטן זיך אײנס־אין־ס'אנדערע װי די רינגאַלעך אין אַ קײט, טרעטנדיק אױפן אײגענעם פלאַכן מאָגערן שאָטן, װאָס יאָגט אַ צוּ־לײגטער פאָרױס אױפן װײטן װײסן זוניקן פעלד־װעג.

אױפן װעגאַלע דרימלט אײנגעהױקערט הױדנדיק זיך ר' זעליג סאַדאָװניק, מיט דער בײטש אין דער האַנט. זײן ברײטע רױטע באָרד הױדעט זיך איבער דער גראָבער קױטיקער װאָלענער פאַטשײ־לע אױפן האַלז, און זי שימערט אין דער זון, דורכזיכטיק מיט אַ גאָלדענעם גלאַנץ. דאָס װעגאַלע קלאָפּט, טרעסעט מיט די צע־בראָכענע זײַטלעך צוגעבונדענע מיט שטריקלעך, מיד שלעפעריק אין הײסן פאַרגליװערטן מיטאָג־שװײגן אַרײן: טאַ — טאַ, טאַ — טאַ — טאַ . . .

פון הינטן יאָגט נאָך אַ געדיכטער װײסער װאָלקן פאָרך. די גאָלדענע פליגן זינגען, בינען זשומען אין די אױערן אַרײן, שלע־פערן אײן אין נאָך טיפערער מידיקײט און נאָר װען דאָס װעגאַלע טוט פלוצים מיטן פעדערשטן רעדל אַ פאַל־אַרײן אין אַ גריבל אױפן װעג, טוט רעב זעליג אַ הױב־אױף דעם קאָפּ און גיט שװער־צוגעקװעטשט אַ טשמאָק מיטן מױל :

— װיאָ !

פון בײדע זײטן װעג זענען שױן די פעלדער אָבגעשניטן, לײדיק. דאָ און דאָרט שטײט אין דער מיטן אַן אײנזאַמער איבערגעבליבענער פאַרװיאַנעטער באָדיאַק. פון זײנע שטעכערס ציען זיך די ערשטע סוף־זומערדיקע זילבערנע פּאָװיטינעס, זײ טשעפּען זיך אױף די ברע־מען, אױפן ראַנד פונם פאַרסמאַלצעװעטן קאַפּעלאַטש, צו ר' זעליגס

בייטש. פון דערווייטן קלייבן צונויף אַנגעבויגענע גוים סנאָפּעס און שטעלן זיי אויף אין שפּיציקע קופּקעלעך, וואָס זען אויס ווי קליינע הייזלעך. אונטער דעם בלענדענדיק־ווייטן גרינליכן סוף־זומער־הימל, חייזן זיך אויס די גוים זייער ווייט, ווייט, איינגעשרומפּן, און קליין, ווי קינדער. דאָס שאַרפן פון אַ קאָסע קלינגט פון ערגעץ דין, העל, און קלאָר אין דער פאַרגליווערטער הייסער בלאָקייט אַריין פאַר' שווומען ווי אין חלום.

— דאַי באָזשע שטאַסציע */

שרייט ר' זעליג.

— דאַי באָזשע אי וואַם **/

שרייען צוריק די גוים.

איבער די ווייטע פעלדער, שיטערע טרויריקע וועלדלעך, איבער די אָבגעשיטע ליימיקע ריוועס מיט די אַרויסקריכנדיקע קאָריניס פון זיי, די בלאָטיק־פאַרהאַרטעווטע ווייסע טריט פון די בהמות אין די פלאַכע טאָלן און קרומע בערגלעך, איבער אָט די וועגן און שטעגן ליגן אויסגעלעבטע דעם יידנס יאָרן, געגאַנגענע און געפּאָרענע פאַשפּינען איבער דער ערד, וואָס דערנערט מיט אירע קרייטעכצער און וואָס וועט שענקען רו אויף אייביק אין דער טיפעניש פון איר שויס.

אונטן אין טאָל שלאָפט דאָס דאָרף. די שטרויערנע שוואַרצע דעכלעך, באַהאַלטן צווישן די טונקעלע געדעכטע ביימער, זענען אָנגערוקט טיף איבער די קליינע פענסטער און זיי זען אויס ווי אָנגערוקטע שמוישענע היטלען איבער די אויגן.

דאָס שוואַרצע ראָד פון דער מיל דרייט זיך רעשיג־שווער אונ'

---

*/ גיב גאָט גליק.

**/ גיב גאָט אויך אייך.

טערן וואַסער־שטראָם. ביים ברעג קלאַפּט אַ גויע וועש מיטן פּראַלניק אויפן שטיין, פון אונטער איר פאַרהויבענעם גראָבן העמד קוקן אַרויס אירע נאַקעטע פיס, גראָב, פּריש און רויט פון נאַסקייט.

ר׳ זעליגס פערד־און־וועגאַלע יאָגט איצט, פליט מיט צולאָזטע וואַשקיס דעם באַרג־אַראָפּ. אַקעגן, באַרג־אַרויף שלעפּט זיך אַ באַ־גרעבעניש. דאָס שוואַכע פערדל בויגט דעם קאָפּ, צעשפּרייט די זייטן, רייסט די ערד מיט די פּאָדקאָווועס און שלעפּט מיט אַלע כחות די שווערע טרימבנע, וואָס ליגט אויסגעשטרעקט אין דער לענג. אַ קליינער באָרוועסער גוי מיט לאַנגע קודלעס, דאָס העמד איבער די הויזן, גייט פאָרויס און טראָגט פעסט איןביידע הענט אַ גרויסן דעמבענעם צלם אָנגעשפּאַרט אין בויך. אַ שוואַרצער הונט מיט אַ אַרויסהענגענדיקער רויטער צינג, וואָס באַרירט די ערד, לויפט נאָך. אַ הויכע אָנגעלאָדענע פיר סנאָפּעס קומט אָנגעיאָגט. די איינגעשפּאַנטע ווייסע אָקסן האַלטן צוריק מיט זייערע שוואַרצע גראָבע קעפּ די לייכטע לאַסט וואָס רייסט זיך באַרג־אַראָפּ. די פירן פאַרטשעפּען זיך שיער.

— העי, אויף אַ זייט! אויסמיידן! — שרייט דער פלאַקסענער אָבגעברענטער שייגעץ וואָס זיצט אויבן אויף דער פיר סנאָפּעס, די באָרוועסע שוואַרצע מעכטיקע פיס אַראָבגעהאָנגען.

ר׳ זעליג פאַרקערעוועט דאָס פערד־און־וועגאַלע אין סאָד אַריין, וואָס שטייט שטיל און געדעכט מיט זיין טונקעלער מאַסעביימער אָנגעשפּאַרט אין דער מיט באַרג. אַ פרישע שאַרפע טונקלע גרינקייט שמעקנדיק קיל און האַרב, וואַשט אויס די מידיקייט פון די אויגן דעם פאָרעך און די היץ.

די אַלטע ברייט־צעוואַקסענע ביימער, צעקרומטע, פאַרפלאָכטענע, שווער־באַלאָדענע מיט גרויסע עפּל, באַוואַקסן מיט מאָך, און פאַרוויקלט די גראָבע שטאַמען מיט הויכע ווילדע כאָפּטעס און גע־

האַקסן, האַלטן אין זיך איינגעוועבט די שטילקייט און פאַרשטעלן שוואַרץ דעם הימל. אויף די שוואַרצע זונען־פלעקן אין גראָז ציטערן לייכט די שאָטנס פון די צווייגלעך ווי געצייכנט פון רויך. פייגל מיט רויטע קעפּלעך און געלע בייכלעך, שאַרפן זיך די שנאָבלען אָן די ביימער, פליען צווישן זייער געדעכטער טונקלקייט פייפן און שרייען.

דאָס מידע פערדל מיטן ווייסן פלעק אויפן שטערן פינטלט מיטן בלינדן אייגל און טוט אַ געשמאַקן ניס. ר׳ זעליג ווידער זוכט אין דער שמעקנדיקער גרינער געדעכטקייט אַן אָרט זיך מכין צו זיין. די רויטע באָרד זיינע איז אין שאָטן גראָ. דערנאָך שפּאַנט דער ייד אויס דאָס פערד, פּענטעט די פּאָדערשטע פיס מיט אַ שטריק און טוט אים אַ באַך מיט דער פויסט אין בויך.

— טפּ — ר — ר! גיי פּאַסע . . .

ר׳ זעליג דינגט יעדעס יאָר דעם דאָזיקן סאָד ביים פּריץ מונם דאָרף. ער, ר׳ זעליג סאַדאָווניק, איז אַ לאַנגער, ברייטער, איבער׳ געבויגענער טויבער ייד, מיט אַ בלוי גילקעלע אונטערן לינקן אויג. די פּאָלעס פון זיין גרינער בעקעשע זענען תמיד איינגעשטעקט אין גאַרטל, און זיין פערשמאָלצעוועטע יאַרמעלקע אונטער דעם אויס׳ געקראָכענעם סאַמעטענעם קאַפּעלאַטש איז צוגעקלעבט צו זיין ברייט׳ טען ברוגזן לעדערנעם שטערן ווי אַ שוואַרצע ערדענע שיסל. ער וווינט אין ראָזדינע און האַנדלט בשותפות מיט זיינע זין און איי׳ דעמס, דאַרפסגייער און סאַדאָווניקעס, גראָבע האַרטע האָראָפּאַשנע געשטיפּלטע יידן ווי די קלעצער, אָנגעפּעלצטע אין האַרטע בלע׳ כענע קויטיקע לייבלעך איינס אויפס׳אַנדערע, זומער און ווינטער. זייערע נעז צווישן די פּאַרפּאַפּטע בערד זענען קיילעכדיק און אָנגעשטאָפּט מיט גרינע הערלעך. מ׳קריגט זיך אינאיינעם, מ׳רעכנט זיך מיט קריידלעך אויפן טיש, מ׳וואַרפט זיך דערביי די העסעס

פון די ווענט אין די קעפ אַריין, און שמחת־תורה האָבן זיי אַלע בשותפות אַ חזקה אויף אתה הראתה.

— ווו קען ערגעץ זיין דער למך, ווו . . . כאַליעט אודאי אין ביידל קער ער כאַליאען . . .

רעדט ר׳ זעליג צו זיך אַליין און לאָזט זיך גיין צום שטרוי־ערנעם ביידל וואָס שטייט אין מיטן סאָד אין אַ זוניקן געלן אויסגע־טרעטענעם פלעק אָנגעשפּאַרט אין אַ געוואַלדיק־גראָבן צעוואַקסע־נעם שוואַרצן בוים. די צווייגן גרייכען ביז צום גראָז אויף דער ערד.

אינעווייניק אין טונקעלען ביידל שטייען אָנגעפּולטע זעק מיט עפּל און באַרן, גרויסע, גרינע האַרטע ווינטערדיקע. קופּעס אויבסט ליגן אין שטרוי, טאָרבעס וואַלגערן זיך, קעסטלעך, שמאַטעס. אונטער אַ קראָקווע שטעקט אַ געקאַרבטער הילצערנער לעפל, אַ צעשאָטע־נער „ספר נפלאות” מיט גראָבע ראַזעווע בלעטער, אַ שטיק זאַלץ. פאַרן אַריינגאַנג אויף אַ צווייגל הענגט אַ פאַרדאַרטע האָניטשע און אַ קריג וואַסער.

ר׳ זעליג לייגט צו ביידע הענט צום מויל און טוט אַ געשריי:

— רעב ליפּע! רעב ליפּע!

— האָפּ, ה — אָ — פּ! — ענטפערט פון דערווייטן אַ קול און דאָס ווידערקול קומט צוריק פאַרשפּעטיגט טויב פון ערגעץ ווייט, ווייט: — האָפּ, ה — אָ — פּ!

אונטן אַרום, נישט ווייט פון וואַנען דאָס קול איז געקומען, באַווייזט זיך באַלד צווישן די ביימער ר׳ ליפּע דער היטער, אַ קליינער איינגעטרוקנטער זקן מיט אַ קליין הערביקל אויף די פּלייצעס זיך, אַ קאָרץ [illegible] אַ [illegible] לייב[illegible] אָן קנעפּלעך, אַ גרויסע אַלט־מאָדישע זילבערנע קייט מיט אַ זייגער־שלעסל הענגט אים אויפן בויך. פאַר פּופּציק יאָר האָט ער זי באַקומען אַ מתנה צו דער

חתונה פון זיין ווייב, וואָס האָט אים אין אַ יאָר אַרום געגט. זייט דעמאָלט לעבט ער אַליין ר׳ ליפע. ווינטער דרייט ער זיך אַרום אין די שטיבער אין שטעטל, לאַטעט אָן אַ בריל, יידישע לייב־פּיטערס, פּליקט פעדערן אונטערן אויוון, און דערציילט שיינע מעשיות מנחה־צייט אין וואַרימען שניידערשן שולעכל. זומער היט ער דעם סאָד ביי ר׳ זעליגן פאַר צוועלף זעקסערלעך אַ וואָך.

— איר הערט ר׳ זעליג, כ׳האָב היינט געכאַפּט אַ שייגעץ . . . שרייט ר׳ ליפע פון דערווייטנס.

זיין גרויס שמוישן היטל, וואָס דאָס פוטער ביי די ברעגעס איז אויסגעקראָכן, שטייט אים האָפּערדיק מיט אַ שפּיץ, שאַרף אויפן גרויען קאָפּ און זיין בערדל איז ווייס, ווייך און פּעכקע, ווי אָנגע־שוימטע מילינעס פון זייף און ס׳הענגט ביי אים אונטער דער גאָמ־בע, פריילאָזנדיק דאָס איינגעשרומפּענע געלע שפּיציקע מאָרדעלע, וואָס דערמאָנט אָן דעם נאַקעטן גאָרגל פון אַ טרפהנעם האָן.

ר׳ ליפע שפּאַנט אין גראָז מיט אַ גראָבן קרומען סענקעוואַטן שטעקן אין דער האַנט און אונטער אים לויפט נאָך אַ קליין באָר־װעס שייגעצל מיט אַ ווייס פלאַקסן קעפּל. פון די צעפליקטע לייב־ווענטענע הייזלעך שטעקט אַרויס דאָס פאַרבלאָטיקטע שפּיציקע גויעשע מילהכל.

— ביטיסיע באָהאַ פּאַניע ליפּע, ווידייטע מיני קאַפּעליאָך . . . */ ווײנט דאָס שייגעצל אָן טרערן.

— ניע מאָזשנאַ קראַסטי, מ׳טאָר נישט גנבענען — וואָס מיינסטו עפעס, אָ נעמאַ דורנעך! — כ׳האָב געכאַפּט אַ גנב! איר הערט ר׳ זעליג? . . . — רעדט ר׳ ליפע אויפגעלעגט מיט באַהאַלטענער פאַלש־קייט צו געפעלן דעם בעל־הבית.

---

*/ פאָרכט איך פאר גאָט ר׳ ליפע, גיטס אָב דעם קאפעלאטש.

— האָ? וואָס . . .

מאַכט ר׳ זעליג אָנבויגנדיק מיט דער האַנט אַן אויער, און בשעת מעשה פאַרציט זיך זיין מויל קרום אַרויף אַזוי, אַז אויף דער האָרי׳ קער באַק באַווייזט זיך אַ שווארצער לאָך.

— איר הערט, ר׳ זעליג, ה׳כאָב היינט אַ גאַנצן טאָג געהיט דעם סאָד . . . געכאַפּט אַ שייגעץ . . .

שרייט ר׳ ליפּע מיט אַלע כחות יענעם אין אויער אַריין. — איר הערט, אונטן אין סאָד האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ שייגעץ און געטרע׳ סעט עפּל, געגנבעט פולע קעשענעס . . . נאַט, ר׳ זעליג, כ׳האָב ביי אים אַראָבגעכאַפּט דעם קאַפּעליאַך . . .

ר׳ זעליג נעמט פאַרוויגנדיק, ברוגז, דעם שייגעצלס צעלעכערטן קאַפּע׳ לאַטש פון ר׳ ליפּעס הענט, באַטאַפּט אים פּאַוואָליע, איז אים בודק פון אַלע זייטן, קערט אים איבער מיטן אונטערשלאַק אַרויס און זאָגט טרעסנדיק מיט זיין רויטער באָרד:

— צוואַי גראַצער! ווערט אינגאַנצן צוואַי גראַצער . . . פו, אַ מציאה . . .

— גוט, איז צוואַי גראַצער, — כאַפּט אונטער ר׳ ליפּע מיט היץ. — צוואַי גראַצער גיין אויך נישט צו-פיס . . . אָסטו געזען אַזוינס . . . ווען איר פאָרט אויס די גאַנצע וועלט, געפינט איר נישט אַפילו אַ האַלבן גראַצער . . . הערט איר ר׳ זעליג, איר מעגט הערן, דער רבי ר׳ מאירל איז אַמאָל געגאַנגען קיין קאָזלעוו אויפן יריד, הכלל . . .

דאָס שייגעצל זעצט זיך דערווייל אַנידער אין גראָז, קראַצט זיך די פלייצע אין בוים און כאַפּט בינען ביי די דורכזיכטיקע דינע פליג׳ לען. דאָס ווייבנען האָט זיך ביי אים אויסגעוועפּט, פאַרגעסן געוואָרן. ער קוקט אין דער זון אַריין, וואָס נעמט זיך פון דעם לאַנגען קוקן האַקלען אין דער הויך צווישן די בוימער-שפּיצן אין די אויגן נעמט

אים ברייען אַ געלער גאָלדענער פלעק, וואָס פלאַטערט און ווערט דערנאָך שוואַרץ . . .

און בשעת ר׳ ליפּע דערציילט די מעשה פונם רבין ר׳ מאירל, פּאָרעט זיך דערווייל ר׳ זעליג ביים וועגאַלע און נעמט אַרויס אַ טעפל קאַשע-מיט-יאויך פאַרבונדן מיט אַ שטריקל וואָס זיין צַלטיטש־קע האָט אים אין דרהיים מיטגעגעבן אויף וואַרימעס.

— וואָס האָט איר עפּעס מיטגעבראַכט פון מיינעטוועגן גוטס ר׳ זעליג? . . . — פרעגט ר׳ ליפּע ביטרע צעשמייכלט און רייבט זיך די הענט.

— האַ? — וואוּע? . . . — פרעגט ר׳ זעליג און פאַרשטייט יאַקאָש וואָס יענער מיינט.

— אָט אַ דאָרט — אָ אין טאָרבעלע . . . — קרעכצט ער און קייט. — או . . . האַ . . . נו . . . אַ ייד . . . דאָרט אָ . . . אונטן אין זאַק . . . אוי, אוי, אוי, . . . נו . . .

ר׳ ליפּע זוכט לאַנג, באַברעט זיך אין וועגאַלע, הויבט אונטער אַ שווערן זאַק מיט קלייען פאַרן פערד, שלעפּט אַראָב אַ קאַסטן, וואַרפט אַראָב אַ פאַס, זוכט באַדעכטיק אָנגעשטרענגט מיט פריי־דיקער דערוואַרטונג ביז ער געפונט אונטערן שטרוי אַ קליין סליחהלע . . .

— אַזוי, דאָס סליחהלע . . . — זאָגט ער אַביסל אָבגענאַרט־ברוגז, — זייער וויל טאַקע, ר׳ זעליג, וואָס איר האָט מיר גע־בראַכט דאָס סליחהלע . . . אַ שיינעם דאַנק . . . נו . . . כ׳האָב געמיינט אַביסל געקעכץ . . . לאָז זיין אַזוי . . .

ביידע יידן קריכן אַריין אין ביידל, באָברען זיך דאָרט איטלי־כער אין זיין טאָרבאַלע, קריכן צוריק אַרויס מיט אַ קרעכץ, דרייען זיך אויס מיט די פּלייצעס צו אַנאַנדער, דער אַהין, דער אַהער און טוען אַ זיפּ יעדער פון זיין פלעשל . . . דערנאָך וואַשן זיי זיך די

הענט, ווישן זיי אָב אין די פּאָלעס און זעצן זיך אַוועק אין גראָז עסן. די פּאָדקאָווּעס פון די ווייסע צעדרייטע האַרטע שטיוול מיט די רויטע אויערן, בליאַסקן אין אַ זונען-פּלעק ווי גלאָז. ר׳ זעליג עסט זיין קאַשע-מיט-יאויך פונם טעפּל, האַלטנדיק דאָס פעסט צווישן ביידע קני און ר׳ ליפּע שניידט מיט זיין שאַרפן קניפּיקל דינע פעניצלעך פון זיין ברייטל, אַ הויכע, אַ האַרטס, מיט אַ ברוינער געשמאַקער צעראַפּעטער שישקע און טינקט זיי אין זאַלץ. נאָכן עסן גלעטן זיך די יידן אָב די בערד, זיפצן און בענטשן במנוחה, זאַט, מיטן געדריידלטן נגון: ה — זן א — ת ה — ע — ו — ל — ם . . .

ר׳ זעליג פאַרגינט זיך נישט, ער הויבט אויף פון אונטערן בוים אַ קליין צוגעלעגערט עפּאַלע און קייט מיט הנאה. ר׳ ליפּע זוכט זיך אויס פונם זאַק אַ גרויסן עפּל, אַ שיינעם מיט אַ רויט בעקל, טוט אין אים געשמאַק אַ ביס אַריין מיט זיינע שטאַרקע ציין און שפּייט תיכף אויס:

— אַהי . . . ווערעמדיק . . . אַזאַ שיינער עפּל און ווערעמ־דיק . . . לאָמיך זען, זאָגט מיר אַ שטייגער, ר׳ זעליג, ווו אַרום קומט אַריין דער וואָרעם אין עפּל אַריין, האַ? אַרום און אַרום גאַנץ און אינעווייניק אַ וואָרעם . . . כ׳מיין זיין ליבנס נאָמענס סוד . . . הערט איר, ס׳שטייט געשריבן אין דער הייליקער תורה . . .

— אַ תל געמאַכט אַן עפּל . . . אַ . . . ייד זאָל נאָר האָבן אַ טבע אַ תל צו מאַכן פון אַלצדינג . . . נו . . . נו . . .

ברומט ר׳ זעליג צופּיפּציענדיק זיינע געדעכטע גראָבע ברעמען וואָס הענגען אַראָב איבער די אויגן בייז און פאַרצאָרנט ווי צו־געקלעבטע שטיקלעך קלאָטשע.

2

די לאַנגע, שטילע, דײַסע סוף־זומער-טעג צייטיקן גיך דאָס אויבסט פילן דאָס אָן מיט זאַפּטיקער שווערקייט, בלייכן געל די דינע שטענגלעך וואָס טרוקענען איין און ווערן שוואַך און שוואַכער. ס׳קראַכט צווישן די גראָבע צוצווייגטע שווער-באַלאָדענע ביימער. צווייגלעך ברעכן זיך. קאָרצע באָרוועסע שיקסעס, טראָגן אין די פאַרהויבענע גראָבע סטאַניס קופּעס עפּל, דראַפּען זיך, נאָך פלינקער פון די ווייסקעפּיקע צוכראַסטעטע שקצים אויף די ביימער און ראַיען זיך דאָרט אין דער טונקלער געדעכטקייט צווישן די צווייגלעך. מ׳הערט גראָבע ווערטלעך זיך איבערוואַרפן פון איין בוים צום אַנדערן, באַגלייט פון הערזשענדיקע געלעכטערס און אַז ר׳ ליפּע הייבט אויף דעם קאָפּ צו די רייסערס, זעט ער זיי זיצן צווישן די ביימער אויפן סאַמע שפּיץ, ווי גרויסע מאַלפּעס און זיי פרעסן. די גראָע קליינע גויעשע אייגלעך לייכטן זיך פון דער גרינקייט, ציין קנאַקן אין די עפּל אַריין און מיילער מאָלן הויך מיט רעש.

— זיי רייסן דען די כלבים . . . ר׳ זעליג זעט נאָר . . . זיי פרעסן . . . הע כלאָפּצי . . . מיידלעך וואָס טוט איר נישט עפּעס . . .

שרייט ר׳ ליפּע. אָבער צווישן די ביימער ענטפערט אים אַ הילכן, דאָ און דאָרט פון אַלע זייטן וואוהין ער דרייט זיך. ר׳ ליפּע פאַר׳ דרייט די נאָז מיט עקל שפּייט און אַנטלויפט:

— עשו גנב . . .

ר׳ זעליג הערט נישט וואָס ר׳ ליפּע רעדט. ער זעט נאָר ווי דער ייִד דרייט זיך ארום און פוילט זיך אָנצובייגן, צו טון עפּעס, אויפצוקלויבן אַן עפּל:

— אבי ער נעמט געלט מיין בלוט . . . א ייד זאָל נישט וועלן איינטינקען אַ האַנט אין קאַלט וואַסער . . . טפו זאָל ער ווערן . . .

ביייזערט זיך ר׳ זעליג. די בעקישע האָט ער אַצונד אויסגעטון. פון די קויטיקע לייבלעך שטעקן אַפיר די ציצית פונם לייבצודעקל, אויף דער שפּיץ צוגעקלעבטער יאַרמולקע ליגט אַ געל בלעטל. דער ייד אַרבעט מיט אַלע כחות, האָרוועט. ער בייגט זיך מיט שווערקייט שלעפּט זעק מיט אויבסט, טראָגט אָנגעפּולטע קאַסטנס אויפן קאַרק און טרעסעט מעכטיק מיטביידע הענט אַ גראָבן שוואַרצן בוים. דאָס אויבסט פאַלט און שיט זיך מיט רעש ווי אַ גראָבער האָגל אין גראָז אַריין. ר׳ זעליג לויפט, טרייבט אונטער די רייסערס און כאַפּט אַ שיקסע וואָס וויל אַנטלויפן מיט אַ טאַרבע עפּל פונם סאָד אַרויס. ער שלעפּט די טאָרבע עפּל דער שיקסע פון אונטערן העמד אַפיר, דערלאַנגט איר צוויי קיליקעס אין קאַרק אַריין, רייסט איר אַראָב די פּאַטשיילע פונם קאָפּ און שרייט:

— רויבערס מערדערס . . .

די קופּעס אויבסט וואַקסן, דער רעש שטאַרקט זיך, די אָנגעפּולטע זעק מערען זיך און בשעת ר׳ זעליג טראָגט זיי אויפן קאַרק הענגט זיין ברייטע באָרד אַראָב צובלאָזן שיינענדיק און האָפּערדיק און זי זעט אויס ווי אַ בייער בכבודער בעזים. די אַרבעט דויערט ביז אין דער זינקענדיקער נאַכט אַריין און ר׳ זעליג שלאָפט דעמאָלט נישט אין ביידל מיט ר׳ ליפּן נאָר אַליין אין דרויסן אויפן פייכטן ראָסע-גראָז נעבן אָנגעלאָדענעם וועגאַלע אויבסט, אַ זאַק צוקאָפּנס צוגעדעקט מיט דער בעקעשע און די יאַרמולקע אויף די אויגן. מען מוז היטן דאָס ביסל אייגנס, די גוים, די גנבים זאָלן דאָס נישט צושלעפּן און מ׳קען זיך נישט פאַרלאָזן אויף פרעמדע מענטשן. וואָס דען דער היטער, ר׳ ליפּע דער למך וועט היטן? אַ שיינער היטער . . . ער שלאָפט אין בויד איינגעניאַרעט צווישן שטרוי, די שטיוול וויסגע׳

טון און פונזיינטוועגן מעג מען אַרויסטראָגן דעם גאַנצן סאָד. באַ־
גינען, אין דער בלאָליכער מאָרגנקעלט ווען ס'נעמט שוין זשאַריען
אויף טאָג, שטייט ר' זעליג אויף, וואַשט די אויגן מיט דער ראָסע
שפּאַנט איין דאָס וועגאַלע און פאָרט אַהיים אין שטעטל אַריין. מיטן
אויבסט:

— ר' ליפּע . . . ר' ליפּע . . . טוטס אכטונג ר' ליפּע . . .
אָט מען געזען א פּאָפּעניש פון א ייד איי איי איי . . . הפקר מיין
פּראַצע . . .

שרייט ר' זעליג אַריין אין ביידל אַריין. שווער קריכט דאָס פערד
און וועגאַלע איבערן פייכטן קאַלטן וועג וואָס ס'גלאַנצט אויף אים
די ראָסע. די רעדלעך סקריפּען און דאָס פערדל הייבט די טרוקענע
זייטן, קריכט צוּלייגט אויפן שפּיץ־באַרג אַרויף גאַנץ אַליין אין דער
שטילער ווייטער בלאָער ליידיקייט. אין די טאָלן אָנגעפולט מיט
ווייסן נעפל, אין די שלאָפנדיקע דאָרף־עקן בלייבט דאָס פערד־און־
וועגאַלע שטיין ביי די שוואַרצע ביימער־מאַסן אונטער די ריוועס
ביי די סעדער. ר' זעליג לייגט צו די הענט צום מויל און שרייט
אין דער טונקלער שטילקייט אַריין:

— שיי — עע!!!

— שלו — מ — ה!!

— פּי — נ — יי!

אומעטום באַווייזט זיך צווישן די ביימער אַן אַנדערער ייד, אַ
זון אָדער אַ איידעם, מיט אַ האַרטער קאָרצער שטיינערנער באָרד,
דעם וואַטענעם שפּענצער אויפגעהאָנגען אויף איין אַקסל, פּאַוואָ־
ליע אויסגערוט:

— גוט מאָרגן.

— גוט יאָר . . .

— עפּעס געטרעסעט? . . .

— דריי זעקלעך . . .

— טו נאָר אַכטונג . . .

שווייגנדיק לאָדט מען די זעק אויפן וועגאַלע, מ׳בינד מיט שוואַרצע האַרטע צוטראַסקעטע הענט שטריק און מ׳קניפּט פעסטע קניפּ האַרטע גוואַלטיקע. מ׳גיט מיט אַהיים די ליידיקע טעפּ איינ׳ געבונדן אין די טאָרבאַלעך און מ׳צוגייט זיך שווייגנדיק מיט נאַסע שטיוול פון ראָסע:

— וויאָ . . .

טוט ר׳ זעליג שווער אַ צמאָקע מיטן מויל. די ווייסע פריצישע הויפן בלישטשען אַרויס פון דיביימער און צווישן די שווערע שטיינערנע שטאַלן קריכן שוין אַרום שקצים און שיקסעס. מ׳שפּאַנט פערד הייזעריק אויסגערוט פון שלאָף און ס׳שמעקט מיט פאַרנדיקן פרישן מיסט און פריש-געמאָלקענער וואַרימער מילך. ווייט שוין אויפן ליידיקן וועג נעמען זיך די נאַקעטע פעלדער רויטלען אין ציטערדיקער ראָזער לעכטיקייט, נידריק אָבגעגילט פון דער רוי׳ טער אויפגייענדיקער יונגער זון. אַלע מיט אַמאָל הייבן זיך אויף די פייגל שרייען און וויגן זיך אין דער ראָזער לעכטיקייט. ס׳דאַכט זיך אַז זיי פליען נישט-צונעמענדיק די פליגל. מ׳זעט שוין ווי באָרוועסע גוים מיט די לאַנגע קודלעס גייען נאָך אונטערן פלאָג וואָס שנייד שוואַרצע גלייכע כוואַליעס פרישע נאַסע ערד. אַ בוזיק איינער אַליין, גייט פּאַוואָליע צווישן זיי אויף זיינע לאַנגע רויטע פיס און פיקט דאָרט מיטן לאַנגען שאַרפן פיסק פאַרטראַכט און שטום. אונטערן באַרג בלישטשעט אַרויס דער שפּיץ קלויסטער, דער קיילעכדיקער שול-דאַך הייבט זיך אַרויס פון די קרומע אָנגע׳ שטיפּטע קליינע דעכלעך און אַז ר׳ זעליג פאָרט אַריין קיין ראָז׳ דינע, גליען שוין די נאַסע שויבן ראָזיק אין דער זון. ווייבער גיסן די פּאָטשאַפּן פאַר דער טיר און ייִדן מיט אויסגערוטע פאַר׳

מעליקטע בערד קערן מיט די בעזימעס די שווענן פון די געוועלב־
לעך. דאָס פערד און וועגאַלע ווערט באַקלעבט פון שטאָרעמדיקע
ווייבער מיט די אונטערגעבונענע פאַטשיילעס, מ׳שרייט, מ׳שטופט די
הענט, מ׳דינגט זיך, מ׳פּאַרזוכט און מ׳קייעט. קיישלעך, פּאַרטיכער,
עפּענען זיך פאַרשלינגען די קאַרגע קווערטלעך עפּל וואָס ר׳ זעליג
מעסט צווישן די אָנגעשטעלטע קעפּ. ער ליגט צולייגט איבער די
זעק נעמט געלט און בייזערט זיך שרייענדיק:

— דריי בייע אַ קאָרט . . . ווייבער . . .

באָרוועסע אייניקלעך מיט פאַרשמירטע נעז דראַפּען זיך אויף
די רעדלעך בעטן מיט גיריקע אייגלעך דעם זיידן אַן עפּאַלע אָבער
דער זיידע גיט נישט:

— אַהיים גייט ממזרים . . .

— נישטאָ קיין עפּל . . .

ר׳ זעליגס באָרד טרעסעט זיך, דאָס גילקאַלע אונטערן האָריקן
אויג איז גרויס און בלאָ און דער קאַפּעלאטש איז צודרייט אין
טאַמלענדיקן איילעניש פאַריקט אין דער הויך אויפן לעדענעם
שטערן:

— כ׳על אייך נהרגן . . . גזלנים . . .

דעם זיידנס שרייענדיקער בייזער ווערט פאַרטראָנקען צווישן די
ווייבערישע קולות. מ׳גנבעט פון די קעסטלעך, מ׳שלעפּט פון די לע־
כער אין די זעק וואָס זענען פאַרשטעקט מיט שטרוי, מ׳שטופּט־אָן
די קעשענעס וואָס זענען טיפער פון טאָרבעס, אָן דנאָיס, מיט עפּל,
מ׳רייט אויפן דישעל און מ׳שלאָגט זיך אויף די רעדלעך מיט פרעמדע
יינגלעך וואָס צובלוטיקן די נעזלעך. און ס׳איז נישטאָ קיין גרעסער
גליק דערנאָך מער אין גאַנצן לעבן ווי דעמאָלט אין די יונגע יאָרן,
ווען מ׳פּאָרט אונטער אויפן ליידיקן וועגאַלע וואָס דער זיידע פּאַר־
קערעוועט אַהיים פונם מאַרק. אין די ליידיקע קעסטלעך זשומען

פליגן און ס׳שמעקט אין זיי מיט זיסלעך-וואַניקער האַרבקייט. דער יידע טיילט די אייניקלעך, יעדן איינעם אַ אונטערגעפּילט עפּאַלע וואָס ס׳איז איבערגעבליבן אין זאַק און דעם זיסן טעם דערפון פילט מען דערנאָך אַלע יאָרן.

אָנגעקומען אויפן בערגל פּאַמעט ר׳ זעליג, קודם כל אָן דאָס פערד. ער האַלט אַ שעפל וואַסער אויף איין קני און דאָס פערדישע מויל ציט, ציט די נאַסע קאַלטע קלאַנקייט ביז צום דנאָ, דער בויך וואַקסט אים און ס׳טוט אַ פרייליכן הערזשע מיט די נאָז-לעכער און אַ פּאָכע מיטן עק:

— טפר — ר — ד . . . שטיי איין נבלה . . .

זאָגט דער ייד. מיט איין איינציקן שאַרפן קוק טוט ער אַ נעם אַרום די גאַנצע באַלעבאַטישקייט, דעם גאָרטן, דעם צובראָכענעם פּלויט, דעם שוואַרצן שטרויענעם דאַך וואָס ס׳וואַקסט אויף אים גרינער מאָך, די הינער און ר׳ זעליג באַמערקט מיט עגמת נפש, אַז ביי דער לייטער וואָס שטייט אין פּאָרהייזל אָנגעשפּאַרט צום בוידעם איז איינגעבראָכן אַ שטאַבל.

— אָסט עפּעס געבראַכט זעליג? . . .

פרעגט די יידענע אונטערשטעלנדיק דאָס פאַרטוך. שווייגנדיק שלעפּט ר׳ זעליג ציבאַלעס פון דער קעשענע, קוקערוזעס פון דער פּאַזוכע, רעטעכער, שוואַרצע האַרטע קנאַקנדיקע פון די אונטערשטע בעקעשע-קעשענעס, שווייגנדיק שיט ער די קרייטעכצער דער יידינע אין פּאַדאָליק אַריין:

— נאַ באַהאַלט . . .

דערנאָך דאַרף זיך נאָך ר׳ זעליג קריגן אַביסל מיט די ווייבער, די שניר און טעכטער פונם בערגל,ברייטע יידענעס מיט אונטערגע-שטעקטע טרוקן-פאַרטאַלאַפּעטע קליידלעך, איינסאויפסאַנדערע. ער דאַרף זיי אָבגעבן די טאָרבאַלעך מיט טעפּ וואָס די מאַנען האָבן

אהיימגעשיקט. אין כאָטש דער אַלטער ווייסט, אַז די לײדיקע פאַרבונ־דענע טעפּ זענען אָנגעפּילט מיט די שענסטע עפּל און באַרן, מאַכט ער זיך פונדעסטוועגן נישט ווּסנדיק . . . ווארים אויך די לײדיקע טעפּ וואָס ר׳ זעליג ברענגט אַהיים זיין יידענע זענען אויך אָנגע־פּולט . . . אצונד ערשט שטעלט זיך ר׳ זעליג דאַווענען. דעם פאַרגעלטן קויטיקן טלית איבערן קאָפּ, דעם מעכטיקן לעדערנעם של־ראש וואָס שטייט אב פונם שטערן, אַ שוואַרצער טאָפּ, שטייט ער אָנגעבויגן ביים פענסטער, זאָגט, היפּערט איבער און נייט מיט אַ גראָבער גרויסער זאַק־נאָדל. דער ייד פאַרעכט דערווייל אַ טאָרבעלע. און בשעת ר׳ זעליג עסט אָנבייסן פון דער גרויסער ערדענער שיסל, טונקט ברויט, קייט דעם קנאַקנדיקן רעטעך, ציילט ער דערווייל דאָס געלט וואָס ר׳האָט אָבגעלייזט פאַרן וועגאַלע אויבסט גרויסע קיפּער־נע פּירערס, זעקסער, שווערע זילבערנע רייניש. ער ציילט דאָס צוויי מאָל פּאַוואָליע באַדעכטיק דעם קאַפּעלאַטש פאַריקט אויפן קאַרק, די ברעמען צונויפגעצויגן. דערנאָך בינד ער דאָס געלט איין אין שטאַרקן לײווענטענעם בייטל און באַהאַלט אים אין כאַליעווע אַריין, פונם שטיוול . . . און נאָך איידער די ווייבער דערגרייכן איינצו־בינדן די טעפּלעך מיט געקעכץ פאַר די מאַנען זייערע, האָלט שוין ר׳ זעליג די בייטש אין דער האַנט, האָט שוין אַ קיש געטון די מזוזה און ער שרייט גלעטנדיק זיך די באָרד פון די ברעקלעך, די נאָז רויט פאַרשוויצט:

— עך וואַרט נישט . . .

— עך האָב נישט קיין צייט צו וואַרטן . . .

— מ׳שטעלט מעך דאָרט בדלות . . .

— אַ גוטן טאָג . . .

ס׳דאַכט זיך אים ר׳ זעליגן אַז מען צעטראָגט אים דאָרט די בײוזייר מ׳גנבעט אַרויס דעם גאַנצן סאָד. און דער ייד טרייבט

דאָס פערדל, שמייסט, האַקט מיטן איבערגעקערטן בייטש שטעקן אין די אַרויסשטעקנדיקע דאַרע פערד־פיס און דאָס וועגאַלע יאָגט, פליט, טרעסעט און קלאָפּט אויפן פּאָרכיקן וועג, יאָגט איבער די גויעשע פּירלעך וואָס פון אונטן, לויפט זיי נאָך אַ לאָשיקל און די יושקעס פון די טעפּ גיסן זיך, זאַפּן איין אין די שמאַטעס און ער ברענגט תמיד די מאַנסבילן אין די סעדער ליידיקע טעפּ.

אַז ר' זעליג קומט צוריק צו זיך אין סאָד טוט ער זיך אַ בייג, אַ טינק אונטער אין דער קילער גרינער געדעכטער שטילקייט, ווי אין אַ גרינעם טייך. אַצונד ערשט דערפילט דער ייד ווי ס'ברעכן אים די אַלטע ביינער פון דער ביטערער האָרעוואַניע. אָבער צוגלייך מיט דעם, וואַרימט אין כאָליעווע דער פאַרבונדענער לייבוועטענער בייטל מיטן אָבגעלייזטן מזומן, פול און שווער און ר' זעליג טוט אַ קרעכץ:

— אָי . . . געלויבט איז גאָט דאַפאַר . . .

ווי זיין שטייגער איז זיצט ר' ליפּע דער היטער אונטערן בוים און לייענט הויך, מיט אַ פרומען מדרש־נגון אין זיין געלן צושיטן „קהל חסידים":

— דער תנא חלפתא בן דוסא איז אַמאָל געפאָרן רייטנדיק אויף אַן אייזל קיין ירושלים, האָט ער געפונען אויפן וועג אַ בייטל מיט זילבערנע שקלים . . .

פון דערוויטנס, אין גראָז זיצט אַ קליין שייגעצל און ס'וויינט. ר' ליפּע האָט דאָס געכאַפּט און אַראָבגעכאַפּט אים דעם צופליקטן קאַפעלטאַש:

— כ'האָב געכאַפּט אַ גנב . . . אַ שייגעץ . . . איר הערט ר' זעליג . . .

3

אין די נאָכמיטאָגדיקע רוענישן גליווערט די שטילקייט שווער און זאַט צווישן דיביימער. פונם דאָרף הערט זיך פאַרשוומען א פאַרצויגענער קריי פון אַ האָן. ביידע יידן דרייען זיך אַרום אין סאָד מיט די גראָבע שטעקענעס אין די הענט, שווייגן און קוקן זיך נישט אָן, איטליכער פאַר זיך, אָבער תמיד קומט זיי אויס צו זיין אינאיינעם . . . די צווייגן פון די יונגע ביימלעך וואָס בייגן זיך אונטער דער לאַסט פונם אויבסט, זענען אונטערגעשפּאַרט מיט דרענגלעך. די ביימער וואָס דאָס צייטיקע אויבסט איז שוין פון זיי אָבגעטרעסעט, זענען צעשויבערט, די בלעטלעך געל, זאַט, איבער׳ געקערט מיט דער אונטערשטער זייט פון אויבן און ס׳זען זיך דורך שטיקער לעכטיקער הימל. ר׳ זעליג פאַרייסט דעם קאָפּ און זוכט אויף זיי אַ לעצטן עפּל, וואָס באַהאַלט זיך אויפן שפּיץ פאַר די פייגל וועגן. ער גייט פון איין בוים צום צווייטן, קלערט, ציילט אין באַרעכנט, וויפיל אַ יעדער האָט פאַראיאָרן אַראָפּגעוואָרפן ריוח, וויפל עס וועט זיין היי־יאָר, און איבער אַ יאָר וועט דער אויבערש׳ טער מסתמא באַשערן אַ גערעטעניש.

אונטער ר׳ זעליגס פּלייצע, פאַרטרונקען אין ווילדע צעצויגענע געדעכטע געוועקסן און כאַפּטעס, שטעקט אַרויס ר׳ ליפּעס שוואַרץ־שפּיציק שמוישן היטל. ער קריכט פאַוואָליע, אַרבעט מיט די הענט, בייגט אַוועק די שטעכיקע דערנער און באַדיאַקעס וואָס שמייסן אים אין פּנים, ברייען די הענט און דאָס אַרויסשטעקנדיקע שוואַרצע היטל זיינס אין דער גרינקייט וואַקלט זיך שטייענדיק אַהער און אַהין, ווי אַ פלעשל וואָס שווימט אין אַ טייך. אָפּט בלייבט ער שטיין און נעמט אַ ווילדע קרייטעכץ אין די הענט, אַ גייע, וואָס

ער קען זי נאָך נישט, עפנט דאָס קעפּל, צובלאָזט די בלעטלעך, און הדושט זיך, שטאַרק צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ:

— נו . . . האַ . . . זיין ליבן נאָמענס נסים . . . זיין ליבן נאָמענס נסים . . . איי, איי, איי . . גאָטעניו . . .

— ר׳ זעליג, זייט זשע מוחל, ר׳ זעליג איר הערט, ר׳ זעליג, אַ נו, טרעפט ווער ס׳זאָגט דאָס יאָר מוסף אין דער גרויסער שול? . . . ר׳ זעליג . . .

— האַ? וואוּ . . .

מאַכט ר׳ זעליג און בויגט אָן אַן אויער מיט דער האַנט.

— ר׳ יאָסל פּאָקריפּיווגער . . . איי לייגט ער אַנידער אַ שטיקל יעלות . . . אַ געמבּע אָט ער . . . ער זאָגט . . . הערט איר ר׳ זעליג . . .

ביידע יידן האָבן ליב דאָס אַרומקריכן טיף און געדעכטיי סאָד. ר׳ ליפּע האָט ליב צו רעדן צו דערציילן מ ש ות, צו הערן זיין אייגן ווייך ווייבעריש קול וואָס זינקט איין אין דער טונקלער גרינער שטילקייט פאַרלירט זיך אויפן גרונד פון דער רו.

— הערט איר ר׳ זעליג, איר מעגט הערן, ס׳וועט שוין זיין דאַרינען אַ יאָר עטליכע־און־פינפציק, בין עך אַמאָל געפאָרן באַ׳ נאַכט מיט אַ וועגאַלע סחורה קיין סיניוויץ, ס׳איז געווען אַ שטאַר׳ קער פראָסט, אַ גרויסע זאַווערכע געווען, זענען מיר אַראָב פונם וועג, געבלאָנזעט און געבלאָנזעט . . .

די לופט אין סאָד ווערט מיטאַמאָל פאַרגליווערט און צונויפגע׳ פרעסט. דער מילדער זיסליכער עפּל־ריח ווערט דושנע שווער. דאָס הויכע טיפע גראָז אונטער די פיס בייגט זיך איין, טונקלט זיך פלוצים מיט אַ שרעקיקן גרויען שאָטן. די צווייגן דריקן זיך צוזאַמען און ווערן פאַרשטאַרט אין געדעכטע טונקלע קנוילן. ס׳דערהערט זיך אַ צעשראָקן קלאַפּן פון פליגל ערגעץ טיף צווישן

די ביימער און אַ קאָרצער הייזעריקער דערשראָקענער געשריי פֿון אַ פֿויגל. פֿון דערווייטנס קאַטשעט זיך שוין פּאַוואָליע דער דינער, איינגעהאַלטן, צוגעדושעט, טויב, ווי דאָס ברומען פֿון אַ בריק אויף וועלכער ס׳פֿאָרט אַ שווערער וואָגן. באַלד קומט דער דונער נענטער, שלאָגט זיך אָן, רייבט זיך וואָס אַמאָל גיכער, העכער, שטאַרקער, ווי פֿלאַכע ריזיקע שרעקיקע שטיינער איינער אָן צווייטן און צוקלאַפּט זיך מיט אַ מוראדיקן העלן צעשמעטערטן הילך:

ט — ר — ר — ר — אַ — טאַ — טאַ טאַ! טראַ — אַ — אַ — ך.

די וועלט טוט זיך אַ טרעסע, דער הימל שפּאַלט זיך. אַ שמאָלער שאַרפֿער ברי, מער שפּיציקער בליץ טוט אַ בלענד־ווייס פֿייער אין די אויגן, און צעדריקט אין דער דאָזיקער רגע דאָס נפֿש טיף אין זיך אַריין, גלייך די בגדים אויפֿן מענשן וואָלטן מיטאַמאָל צו גרויס געוואָרן:

ר׳ ליפּע כאַפּט זיך אָן אן ר׳ זעליגס אַרבל און ביידע יידן מאַכן גיך אַ ברכה:

— ברוך . . . עושה מעשה בראשית . . .

ס׳דערפּילט זיך סמאַלענע. אַ ווילד געפּילדער, אַ רעש טוט זיך פֿון ערגעץ אַ לאָז אַראָב, שטראָמען רעגן גיסן זיך, גראָבע טראָפּנס, פֿול, וואַרעם, קלאַפּן הויך, גיך, ווי אַרבעס אויף די בלעטער פֿון די בוימער און בויגן זיי אַראָב. אַ גראָבער בוים ליגט צעשפּאָלטן, צעריסן אויף שטיקער, די צווייגן צעוואָרפֿן. אַ פֿייער־פֿלאַם זעצט אַרויס פֿון די שפּאַלטן און ווערט פֿונם רעגן צוגעדושעט, דער שוואַרצער רויך בלאָזט זיך גיך אין ווינט און פֿאַרשלייערט די ווייסע פֿרישע האָלץ־שפּענער וואָס הענגען נאָך צעריסן פֿונם בליץ.

ביידע יידן כאַפּן זיך לויפֿן, אין דער פֿינסטערניש, צום ביידל־צו:

— וואַרטס אויס אויף מיר, ר׳ ליפּע! זע נאָר ווי ער יאָגט!

שרייט ר׳ זעליג, און דער ווינט פאַרציקט זיין קול:

— גיכער! גי — כ — ער! אירט אויסגעווייקט ווערן ר׳ זע׳ ליג . . . לויפט!

שרייט ר׳ ליפע. ער יאָגט פאָרויס צווישן די ביימער וואָס פילדערן אין דער טונקלקייט מיט אַ מוראדיקן רעש, הוידן זיך שווער, קרעכ׳ צען, וואַרפן זיך, שלאָגן זיך אָן מיט די קעפּ און שפּרינגען צוריק. דער ווינט ווארפט אַראָב די פּרות, פּאַטשט אַרויף און קערט איבער די צווייגן צום שטאַם, און די בוימער זען אויס ווי ריזיקע שירעמס איבערגעקערטע אין שטורם-ווינט. ביידע יידן לויפן אָנגעבויגן, די פּאָלעס פאַרהויבן איבער די קעפּ, און דער רעגן שווענקט און וואַשט זייערע האַרטע ארויסגעשטעלטע ברייטע הינטנס וואָס זען אויס ווי אַלטע, האַרטע, איינגעטרוקנטע לעדערנע זאָטלען. די פיס פלאָנטערן זיך, שטרויכלען איבער פריציס, קלעצער, אָבגעבראָכענע צווייגן וואָס הענגען נאָך און קרעכצן שווער. דערגרייכנדיק דאָסביידל, כאַפּן זיך ביידע יידן אַרונטער אונטערן שטרויענעם דעכל:

— גאַדיר אַזאַ זליווע!

זאָגט ר׳ ליפּע און טרעסעט פאַרסאַפּעט אָב זיין היטל פון די רעגן-טראָפּנס.

— נו, וואָס זאָגט איר ר׳ זעליג, האַ? — געוועזן הפנים אָנגע׳ צייכנט . . . דער באַרן-בוים נעבעך . . . דער גרויסער, פון די כל-נדרי-באַרעלעך האָט געכאַפּט אַ דינער . . . איי, איי, איי . . . אַזאַ געזונטער ביימעך . . . איר הערט ר׳ זעליג . . . אַ בוים איז אויך אַ גאָטס באַשעפעניש . . . אַז ס׳איז באַשערט . . . ווער האָט זיך צפּעס אין די הענט . . . קיין שום באַשעפעניש האָט זיך נישט אין די הענט . . . איי, איי, איי . . . ווי ס׳שטייט געשריבן אין פּסוק אדם יסו-דו מ-עפר . . . דער מענטש איז געגלעכן צו אַ צעבראָכענעם שאַרבן איר הערט ר׳ זעליג . . .

בשעת ר׳ ליפּע רעדט איז ביי אים איין אויג צוגעקוועטשט גלייך ווי ער וואָלט מורא האָבן צו זען דעם שוואַרצן ש[illegible], פֿונם סוף וואָס קומט צו אַלעמען אויף גאָטס וועלט.

ר׳ זעליג שווייגט. דערנאָך שנייצט ער אויס די נאָז אין דער פּאָלע אַריין און זאָגט:

— דער פּריץ איז נישטאָ אין דאָרף... מ׳עט קענען אַהיים פֿירן אַ פֿירל האָלץ פֿונם בוים... ווו איז די האַק?..

ר׳ זעליג קוועטשט אויס מיט ביידע הענט דאָס וואַסער פֿון דער באָרד און בלייבט שטיל.

— אוי, טאַטע דערבאַרעמדיקער... — טוען ביידע יידן מיט איינמאָל אַ קרעכץ.

4

דער שטורעם האָט זיך געלייגט.

איןביידל איז פֿינסטער און דישנע־וואַרעם, ביידע יידן ליגן מיט די בייכער אַראָב איינגעוואַרעמט אין שטרוי און הערן ווי אין דרויסן קלאַפּט דריבנע, שטיל, טרויריק דער ערשטער האַרבסט־רעגן:

— זייט זשע מוחל, ר׳ זעליג, ריקט זעך אַביסל... אין מיין זייט רעגנט אַריין... — שטאָרקעט ר׳ ליפּע יענעם מיטן עלנ־בויגן.

— אוי! נו:.. אַ ייד... האַ... לאָזט נישט איינליגן, חייניק פֿאַר אים די גאַנצע וועלט...

ברומט ר׳ זעליג, צוגעדושעט בייז:

— איר הערט, ר׳ זעליג, כ׳וועל אייך דערציילן אַ שיינע מעשה, איר ווילט הערן?.. פֿונם בעל שם טוב... אונטער בראָד האָט זיך אַמאָל געטראָפֿן...

דאָס לייכטע אומעטיקע שעלעשטשען פון די נאַסע בלעטער אין דרויסן, פאַרוועבט און פאַרהויכט, ווייט, ווייט, ערגעץ אַוועק ר׳ ליפּעס מעשיות, וואָס האָבן זיך מיט די יאָרן צעשיט, צעברעקלט אויף שטיקלעך ווי אַלט זיידן־צייג, וואָס יעדער פאָדים איז ניי און גלאַנצט. און דער ייד איז אָנגעזאַפּט מיט זיי, אין זיין מח זיצן זיי די מעשיות, באַהאַלטן זיך ווי אַ טשאַטע פויגל אין אַ טונקלען בוים.

— הכלל — הערטזשע ר׳ זעליג . . .

„ווי דער ערענדאר איז אַזוי אַרויסגעגאַנגען מחדש זיין די לבנה, טוט ער פּלוצים אַ קוק . . . מ׳כאַלקע! שפּאַן איין דעם שליטן און פאָר . . . — טוט דער הייליקער בעל שם טוב אַ געשריי . . .

פּלוצים אָבער, נעמען זיך די מעשיות דרייען, פּלאָנטערן זיך. ר׳ ליפּע פילט, ווי ער היפּעט איבער, ער הערט נישט די ווערטער וואָס שטיפן זיך איינס פאַר ס׳אַנדערע, טאַנצן ציטערדיקע, טרוקן און הייס ווי צעגליטע שטיינדלעך . . . גיך . . . גיך . . . דערנאָך ציען זיי זיך פּאַוואָליע, פאַרזיכטיק . . . גלאַט ווי גומע . . . ר׳ ליפּע האַלט זיין האַנט אויף ר׳ זעליגס כאָליעווע און פילט דורך איר ציטערדיק, וואַרעם דעם בייטל מיטן געלט . . . זיינע לאַנגע טרוקענע פינגער ציען זיך אַהין פּאַוואָליע, גראַבלען דאָרט לייכט, לייכט, שלעפּן אַרויס . . . בשעת מעשה זענען זיינע אַלטע, ווייסע כיטרע איינגעטרוקנטע אויגן אין דער האַלב־טונקלקייט, קיילעכדיק צוגעקוועטשט אין זענען ענלעך צו אַ ניס, וואָס איז אַביסעלע געשפּאַלטן און ס׳זעט זיך אינעווייניק די ברוינע יאָדרע.

— הערט־זשע ר׳ זעליג, איר שלאָפט, וואָס־זשע וועט איר טון ביינאַכט? . . הערט־זשע . . . הכלל, נעמט דער אָרימאַן די טאָר׳בע אויף די פּלייצעס . . .

ר׳ זעליג שלאָפט, כראָפּעט געשמאַק, הייבט שווער די זייטן און

פייפט מיט זיין מעכטיקער קרומער נאָז מיט אַ גראָבן קרומען שנאָרך.
אָבער פּונקט דעמאָלט, איידער ר׳ ליפּע דאַרף שוין צוקומען צום רעכטן סוף פון דער מעשה, ווי־אַזוי דער אָרעמאַן, וואָס האָט געגעכטיקט און קרעכשמע, איז געווען אליהו הנביא אַליין — טוט ר׳ זעליג פּלוצים אַ דריי אויס פון דער זייט זיין קרומע האָר־ באַטע נאָז און זאָגט מיט אַ וויינענדיקן בייזער:

— ליגט און בעבעט . . . אין דרויסן גנבעט מען . . . מ׳צע־ טראָגט דעם גאַנצן סאָד און ער כאַליעט . . . דער ייד שטעלט מעך בדלות, דער ייד . . . אה, נו מענטשן, יידן, וואָס טוט מען . . .

ר׳ ליפּען בלייבט דאָס לעצטע וואָרט פון דער מעשה קרום צעדריקט שטעקן אין האַלז, זיין קאָפּ טוט געבויגן אַ ציטער מיט אַ הייזעריקן ברום, ווי ביי אַ האָן ווען מען האָט אים איבער־ געשלאָגן אין מיטן קרייען. ער שטעקט אַריין די נאָז אין דער קאָרענער פּושקע מיט שמעק־טאַבעקע און טוט אַ טיפן שמעק, דער־ נאָך וויקלט ער זיך אַרום דעם קאָפּ מיט אַ זאַק און קריכט אַרויס פון דעם וואַרעמען ביידל אין גרויען רעגן אַריין . . .

5

דער הימל איז גרינליך־בלוי, אויסגעוואַשן, לויטער. אַ גרויסער ווייכער ווייסער וואָלקן וואָס זעט אויס ווי אַ קעמל מיט צוויי טונקלע הארבעס, ליגט צעלייגט אויף דער זון. פון אונטער זיינע צוויי טונקלע שנייאיקע ברעגעס שפּריצן אַרויס שיפּע, יונגע אויסגע־ באַדענע שטראַלן. אויפן אָנגעהויבענעם צעטראָגענעם גראָז ליגן פונם שטורם אָנגעוואָרפענע בלעטער, עפּל, פרישע אָבגעבראָכענע צווייגלעך, אַ צעפּלאָנטענע פויגל־נעסט. דאָס גראָז הויבט זיך אויף, גלייכט זיך אויס, טרוקנט גיך, און אויף די שפּיצן גליצערן וואַסער־טראָפּנס

אין דער זון. די בוימער שטרעקן זיך, שפרייטן די צווייגן אין אָטעמען מיט וואַרעמען האַרבן ריח. אויף דעם פרישן גרינעם מעך קריכן אַרום ווערים, פייגל שרייען פריילעך און פיקן זיי אויף מיט די שנאָבלען. פון די נאַסע כאָפּטעס שפּרינגט אַרויס אַ גרויסע גראָע זשאַבע מיט אַ ווייסן ווייכן בויך. פון דער קוזניע אין דאָרף הערט זיך אַרויף דאָס לויטערע קאָרצע אָבגעהאַקטע קלאַפּן פונם האַמער. ביי דער זייט מיטן וועג גייען שוין אַהיים די גויעם אין זייערע ברייטע שטרויענע קאַפּעלאטשן פונם פעלד, אויף די אַקסלען טראָגן זיי גראַבליעס, ריסקאַלעס, אַ שאַרפער סערפּ זיצט אַליין איינגעפּאַסט אויף אַ אַקסל, זיי זינגען זייערע קאָרצע אומעטיקע געצויגענע לידלעך און וואַרפן שטיינער צו די יידן אין סאָד אַריין. כאָטש זיי קענען נישט אויפהייבן דאָס אויבסט וואָס זיי וואַרפן דערמיט אַראָבּ, האָבן זיי הנאה צו טון די יידן שאָדן.

אין מיטן סאָד, פאַרן ביידל, דרייט זיך אַרום ר׳ זעליג און זוכט עפּעס זייער צערודערט. זיין גילקאַלע אונטערן אויג איז פּלוצים רויט, גרויס, גלאַנצנדיק, ווי אָנגעשוואָלן. ער זוכט אין שטרוי, אין גראָז, טרעסעט אויס די שמאַטעס, די קעסטלעך, טוט זיך אַלע רגע אַ טאַפּ די כאָליעווע אין רעדט צו זיך אַליין, שטאַרק צוטומלט, דערשראָקן:

— גישטאָ . . . טאַקע גישטאָ . . . איי ווי איז מיר נישט געשען . . .

דערנאָך לייגט ער צוביידע הענט צום מויל און שרייט:

— רעבּ ליפּע, ר — ע — ב ל — י — פּ — ע — ע — ע!

— האָפּ, ה — אָ — אָ — פּ! — ענטפערט פון דערווייטן, קוים וואָס מען הערט, אַ שוואַך קול.

ס׳פאַרגייט לאַנג ביז ר׳ ליפּע באַווייזט זיך פון דערווייטן צווישן די בוימער. דאָס שפּיציקע היטל זיינס איז איצט ביי אים איינגעפאַלן,

צעקנייטשט, אויף איין אַקסל הענגט אים אַ לאַנגער אַלטער צע־פליקטער פוטערנער טיזליק, וואָס שלעפּט זיך שווער נאָך אין נאַסן גראָז.

— ר׳ ליפּע, קומט נאָר אַהער גיכער! — שרייט ר׳ זעליג.

— וואָסי? . . . כ׳האָ נישט קיין צייט, עך קלויב עפּל . . . — שרייט צוריק ר׳ ליפּע.

— מ׳דאַרף נישט קיין עפּל . . . געוואָרן אַ קלויבער . . . קומט נאָר אַהער זייט־זשע מוחל . . . — שרייט ווידער ר׳ זעליג . . .

ר׳ ליפּע קומט פּאַוואָליע צוקריכן, האַלט, זיךביידע הענט ביים קאָפּ און קרעכצט:

— אוי, געוואַלט . . . זיי האָבן מעך דערהרגעט די גוים . . . כ׳האָב געכאַפּט אַ שטיין אין קאָפּ אַריין . . . געוואַלט . . . ראַ־טעוועט . . . יידן . . . מענטשן . . .

ר׳ זעליג קוקט אים אָן אַ מינוט מיט זיינע געדעכטע בייזע אַריבער־הענגענדע ברעמען און זאָגט:

— זאָגט נאָר ר׳ ליפּע, איר האָט נישט געזען מיין בייטעלע . . . נו, האַ . . .

— וואָסער בייטעלע? . . .

— ס׳בייטעלע מיטן געלט . . . אין שטעטל אָבגעלייזט פאַרן אויבס, אַכצן זילבער, מיין בלוט . . . נישטאָ פלוצים דאָס בייטעלע . . . נו . . . האַ . . . ווי איז מיר . . . גאָטעניו . . .

— וואוּ . . . האַ? . . . וואָס זאָגט איר? . . . האַ? כ׳הער נישט . . . — ענטפערט ר׳ ליפּע אונטערהאַלטנדיק איין אויער מיט דער האַנט. עך וועל אייך העלפן זוכן . . . אָדער איר האָט פאַרשטייט איר מעך, פאַרלוירן, אָדער מ׳האָט אייך ערגעץ באַגנבעט נעבעך . . . הערט איר, עך וואָלט אייך געקענט דערציילן אַ שיינע מעשה . . .

— ס׳איז אַמאָל געווען אַ גרויסער עושר . . . האָט ער געהאַט אַ סך אוצרות מיט געלט . . . גאָלד און זילבער און רענדלעך . . . איר הערט ר׳ זעליג . . .

ר׳ ליפּע קריכט אַרום אויף די קניעס אין גראָז, טאַפּט און העלפּט זוכן . . .

— ווער געגנבעט, וואָס געגנבעט . . . נאַדיר גאָר גנבים פּלוצים . . .

ט׳זט אויף אים ר׳ זעליג אַ קרומען פאַרדעכטיקן קוק פון דער זייט, ס׳ווערט אים עפּעס קלאָר, ר׳ זעליגן . . . ; ער הערט אַצונד דייטלעך יעדעס וואָרט וואָס יענער רעדט, גלייך ער וואָלט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן נישט טויב געווען. ער הערט אַצונד די גאַנצע מעשה וואָס ר׳ ליפּע דערציילט די מעשה פונעם עושר, וואָס גזלנים זענען אים באַפאַלן . . .

— ווו האָט איר דאָס געהאַלטן ר׳ זעליג?

— וואָס?

— וואָס . . . נו וואָס? אייער בייטעלע, מיטן געלט מיין עך . . .

— וואָס הייסט ווו? האָט מען שוין געהערט רייד פון אַ יידן . . . אין כאַליעווע, ווי תמיד . . . ס׳בייטעלע מיטן געלט . . .

— וואָס רעדט איר וואָס, ר׳ זעליג . . . גאָט איז מיט אייך . . . ווער האַלט עפּעס געלט אין אַ כאַליעווע . . . ווער . . . אָי געוואַלט, עכ׳ל עס נישט אויסהאַלטן . . . נאַדיר אַזאַ ייד . . . כי — כי כי — . . .

ר׳ ליפּע שיסט פּלוצים אויס אַ דריבנע געלעכטערל, ער לאַכט, דושעט זיך און פאַרהוסט זיך אין באַהאַלטענעם הנאהדיקן חוזק.

— איי ר׳ זעליג, ר׳ זעליג, וויפיל מאָל האָב עך אייך געזאָגט: גוואַלט, האַלטס נישט דאָס געלט אין דער כאַליעווע . . . אַמאָל איז דאָ אַ לאָך און ס׳קען אַרויס פאַלן . . . כי — כי — כי . . .

אין כאַליעווע? . .

— כאַליעווע, שמאַלעווע . . . קוקן אים נאָר אָן, מיין ווילן יונג . . .

קרומט זיך נאָך ר׳ זעליג געפּייניקט. ער בייגט שווער די ברייטע פּלייצע, טאַפּט, זוכט, מיט ציטערדיקע פינגער צווישן שטרוי, אין גראָז, די האָר־וואָרצלען אונטער דער יאַרמעלקע שמאַרצן אין אַלטן קאָפּ. די באָרד ציטערט פון עגמת נפש. די אויגן טרערן.

— ווייסט איר וואָס עכ׳ל אייך דערציילן, ר׳ זעליג, שפּאַנט בעסער איין דאָס פערד־און־וועגאַלע און פאָרטס אַהיים נעכטיקן... וואָס עט איר טון דאָ אין סאַד ביינאַכט? . . . עכ׳ל שוין אַליין היטן . . . נאָר פאַרגעסט נישט מערטשי־מאָרגן עפּעס גוטס מיט־צוברענגען . . . איר הערט ר׳ זעליג . . . פון מיינעטוועגן, מילא, אַ שאָדן . . . — זאָגט ר׳ ליפּע. — דער אייבערשטער וועט אייך ממלא זיין . . . גלייבט מיר אַלצדינג קען זיך טרעפן אויף דער וועלט . . . אַבגעהיטן זאָל מען ווערן גאַטעניו . . . הערט איר . . .

ר׳ זעליג הערט און שוויגט. אַלע מאָל טוט ער אויף יענעם אַ האַלבן קוק פון דער זייט און זיין גילקעלע אונטערן אויג ווערט פּלוצים קלענער, רויקער אויסגעלייטערט . . . ווען מ׳קוקט שטאַרק, האָלט זיך געקענט אפשר דאַכטן, אַז ר׳ זעליג האָט אַ האַלבן שמייכל געטון אין זיין גראָ־רויטער האָריקייט אַריין.

— האַ? אַהיים פאָרן? טאַקע, איר זענט גערעכט, ר׳ ליפּע, אויף נאמנות . . . עך פאָר אַהיים נעכטיקן . . . מילא, אַ שאָדן געהאַט . . .

זאָגט ר׳ זעליג און ער נעמט זיך גיך איינשפּאַנען, דאָס פערד און וועגאַלע. ער איילט זיך, שלעפּט דאָס פערדל, פּלאָנטערט שטריק, טראָגט אַ קאַסטן. ר׳ ליפּע העלפט אים צו, פּאָרעט זיך, שטעלט אונטער אַן אַקסל און טוט אַ צי ביים פערדל דעם עק:

— ער גייט דער בלינדער?...

— ער גייט, ער גייט...

ר׳ ליפע איז זייער פריילעך, לאַכט מיט זיינע אַלטע שטאַרקע ציין, וואָס זענען געל און ברייט ווי ביבין און ער דערלאַנגט בשעת מעשה ר׳ זעליגן אַ שנעל אין דער נאָז. ר׳ זעליג טוט אַ שמיץ דאָס פערדל און שווער אַ טשמאָק מיט די ליפּן:

— וויאָ — אָ — אָ! זייט געזונט ר׳ ליפּע!..

— פאָרט געזונטערהייט... ר׳ זעליג געפונט אַ כשרע מציאה...

— שרייט ר׳ ליפּע נאָך דעם וועגעלע וואָס פאַרשווינדט צווישן דיביימער, — נאָר פאַרגעסט נישט ר׳ זעליג, למען־השם, דאָס וועלדעל... טוטס אַכטונג ביינאַכט זענען דאָ שקצים אין וועלדל... איר הערט, גנבים...

6

ר׳ זעליג פאָרט אָב אַ שטיק וועג אין געדעכטן סאָד, פּלאָנטערט זיך צווישן די ביימער אין דער גרינער טונקלקייט, דערנאָך שטעלט ער פּלוצים אָב דאָס פערד־און־וועגאַלע:

— האָו — ו — ו —

און ר׳ זעליג קריכט אַראָב פונם וואָגן און קערט זיך אום אַליין צופיס. פון אַ היים פאָרן היינט נעכטיקן, קלערט ער נישט. ער פאַר־גנבעט זיך שטיל ביז נישט ווייט פונםביידל און באַהאַלט זיך אונטער אַ בוים. ער זעט ווי ר׳ ליפּע דרייט זיך מיטן שטעקן אונטערן אָרעם, אַרומגעגאַרטלט מיט דער רויטער פאַטשיילע און דאַוונט מנחה מיט זיין געדריידלטן נגון. דערנאָך זעצט זיך ר׳ ליפּע אַנידער אויף אַ קלאָץ, נעמט אַרויס אַ בייטל פון זיין כאָליעווע — ר׳ זעליגס בייטל — און האַלט מיט הנאה, אין דער האַנט די גרויסע אפּותיקי, דעם בייטל מיט געלט, וואָס מ׳וואַרט אויף אים דאָס

גאַנצע לעבן . . . דער אַלטער ר׳ ליפּע שמייכלט און פילט דעם געשמאַקן טעם פון דער הייסער גליענדיקער פּאַרע אויף זיינע אַלטע ביינער, אין באָד אויף דער אייבערשטער באַנק.

— אַהי ס׳איז גוט . . . אויספּאַרען זיך, אויספרידזען . . . . — טראַכט זיך ר׳ ליפּע — דער אויבערשטער האָט באַשערט אַ כשרע מציאה . . . ס׳גייט צו ווינטער . . . מ׳דאַרף אונטערנייען די שטיוול . . . אַ מעסטל בולבעס . . . איינצאָלן דירה־געלט . . . אַ פּאָר זילבער מוז מען אַוועקלייגן מ׳זאָל נישט דאַרפן . . . אַ מענש האָט זיך נישט אין די הענט . . . אויף דער עלטער . . . אַ דאַנק דיר גאָטעניו . . . איי אַ גרויסער אַ גוטער גאָט! . .

ר׳ ליפּע טוט פרום אַ וויש די הענט אין גראָז, בעבעט עפּעס צו זיך, זיפצט, שאָקלט דעם אַלטן ווייסן קאָפּ און ער נעמט ציילן דאָס געלט. די שווערע זילבערנע ראַניש מיט די פינגער פון איין האַנט אין דער אַנדערער אַריין. זעקס . . . ניין . . . צוועלף . . . אַכצן . . . — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

פון אונטער אַ בוים, צוקאָפּנס, קומט פלוצים אַרויס ר׳ זעליג מיט דער בייטש אין דער האַנט, הויך, אויסגעגלייכט, רויק. ער נעמט שווייגנדיק אַרויס פון ר׳ ליפּעס הענט דעם בייטל, ציילט איבער פּאַוואָליע צוויי מאָל דאָס געלט צווישן די פינגער: דריי . . . זיבן . . . צוועלף . . . אַכצן . . . באַהאַלט דאָס אין כאַליעווע אַריין און טוט אַ קרעכץ:

— געלויבט זיין ליבער נאָמען . . .

ביידע יידן קוקן אַוועק און שוויגן.

— אַ הויש! . . . אָט האָט איר אַ וועוויריקל, ר׳ זעליג, איר זעט? אַ הויש! . . . כאַפּטס עס גיכער ר׳ זעליג . . .

ר׳ ליפּע טוט זיך פלוצים אַ הייב אויף פונם קלאָץ און קלאַפּט מיטן

שטעקן אין בוים:

— אַהוּש! . .

דאָס ווערוויקל קוקט דערשראָקן מיט זיינע גלאַנציקע קיילעכדיקע אייגלעך אויף די צוויי יידן. דערנאָך פאַררייסט עס דאָס גראָבע ווייכע ברוינע שווענצל, שפּרינגט קוים מיטן אויג צו באַמערקן פון איין שפּיץ בוים אויפן אַנדערן.

ר׳ זעליג שווייגט, ער זאָגט אַצונד גאָרנישט. ער זעצט זיך אַוועק אויפן קלאָץ און קנעט מיט זיינע האָריקע פינגער טייגלעך אין דער ערדענער שיסל, צו דער וועטשערע.

נו וואָס זאָגט מען דערצו . . . האַ? . . . אַזאַ למך . . . טויג צו גאָר נישט, אָבער צו זיינע זאַכן אָט ער יאַקאָש שכל . . . אזאַ ייד . . .

נו נו . . . — קלערט ר׳ זעליג צושאָקלענדיק דעם קאָפּ. — אַ וועלט . . .

די אויפדערנאַכטיקע שאָטנס צעשפּרייטן זיך איבערן גראָז, ווי טונקעלע ליילעכער. פון דערווייטנס זעען שוין די ביימער שוואַרץ, צענויפגעדריקט אינאיינעם. ר׳ ליפּע לאָזט זיך אַוועק גיין און קערט זיך אים:

— הערט איר ר׳ זעליג, איר האָט מעך דערמאַנט אַ שיינע מעשה . . . כ׳לעבן . . . איר מעגט הערן ר׳ זעליג . . . ס׳איז געווען אַמאָל אַן אָרימאַן, אַ גרויסער אביון . . .

— האַ וואוע? . .

מאַכט ר׳ זעליג. ער בויגט אָן מיט דער האַנט אַן אויער און פאַרציט קרום דאָס מויל אַרויפצוצו אָן נייגעריגקייט.

ר׳ ליפּע בלייבט שטיל. ער שטרענגט אָן דעם מח צו דערמאַנען זיך אַ מעשה, אָבער אומזיסט: די מעשיות זענען נישטאָ, אַרויסגעי׳ פלויגן אַלע פונם קאָפּ ווי אַ טשאַטע פייגל פון א בוים, אין וועל׳ כען מען האָט אַריינגעוואָרפן אַ שטיין. זיין פלייצע איז אָנגעבויגן,

צעבראָכן אונטער דער משא פון די יאָרן, וואָס נאָרן אָב כסדר, ביז צום סוף פון די טעג. פאַרלאָשן, אָן הילף האָבן דעם אַלטנס רחמנותדיקע מידע בליקן אַרומגעזוכט אָן אָנשפּאַרעניש און זענען הענגען געבליבן אויף אַ קליין שייגעצל וואָס איז געזעסן אונטערן בוים, אָבגעוואַשן, אויסגעבלייכט פונם רעגן, אויף אַ לעכטיקן פלעק, אין געלן גראָז אָבגעשיינט פון שפּיציקער רויטער אָוונט-זון, וואָס שפּיזט דורך די צווייגן מיט לעצטער וואַרימקייט.

— העי, טע, טשויעש! — טוט ר׳ ליפּע אַ רוף דאָס שייגעצל. ר׳ ליפּע ווערט פּלוצים גאָר האָפּערדיק רירעוודיקער, כאַפּט אַראָב ס׳היטל פונם קאָפּ און גלייכט אויס דעם שפּיץ:

— איר זעט, ר׳ זעליג, — שרייט ער — דאָס שייגעצל איז דאָ . . . ער וואַרט אויפן קאַפּעלאַטש . . . איר הערט, ס׳איז סעם׳ קעס שייגעצל . . . כ׳האָב אים היינט אַראָבגעכאַפּט דעם קאַפּעלאַטש איר הערט ר׳ זעליג, מען דאַרף אים אָבגעבן דעם קאַפּעלאַטש . . . אויף אַ ערל איז אויך אַ רחמנות . . . ער וועט שוין מער נישט גנבענען . . . אַז ס׳איז נישטאָ קיין מזל . . . וואָס-זשע פרעגט איר . . . אַן אָרימער גוי נעבעך . . .

ר׳ זעליג קוקט אים אָן בייז מיט זיינע געדעכטע ברעמען און זאָגט:

— אַ מילדער מחותן אויף יענעמס קעשענע . . . מ׳קען כאַטש עפּעס אָבלייזן פאַרן קאַפּעלאַטשל . . .

— אָ-וואַ, אַ מציאה . . . אַן אַלטע שמאַטע . . . האָט די ווערט אפשר צווי גראַצער . . . ווייס עך וואָס, ר׳ זעליג גלייבט מיר, עס איז נישט כדאי . . . עה . . . גיטס עם אָב דעם קאַפּעליאַך און שוין . . . גלויבטס מיר אַ מענש טאָר נישט האָבן קיין גרויסע אויגן . . . וועלן איינשלינגען די גאַנצע וועלט . . .

— טע, טשויעש נאַ מאַיעש קאַפּעליאַך . . . — שרייט ר׳ ליפּע

און ער נעמט פונםביידל דעם קאַפּעלאַטש, גייט דריבניטשקע צו צום שייגעצל טוט אים אָן געטריי אויפן קעפּל און שטופּט אים אַריין אַן עפּל אין קעשענע, ר׳ זעליג זאָל בישט זען . . .

— נאַ, אַנטלויף גיכער אַהיים! . . .

דאָס שייגעצל פּרובט אַ לויף-טון, בלייבט באַלד שטיין און נעמט וואַרפן שטיקער בלאָטע אויף ר׳ ליפען, שטעלט אים אַרויס אַ צונג און זינגט:

זשעד, זשעד, חאַלאמעד,
זאהאבעאו, טשערוועק . . .

ר׳ ליפּע בייגט זיך איין פאַר די שטיקער בלאָטע וואָס פאַלן אויף אים, און ער שאָקלט טרויעריק מיטן ווייסן קאָפּ. אָבער אינאיינעם מיט די שטיקער בלאָטע זענען אויך די מעשיות צו אים געקומען צוריקגעפלויגן.

ער האָט זיך דערמאָנט אַ שיינע מעשה און ער לויפט צוריק, דריבניטשקע, צו ר׳ זעליגן, וואָס ליגט אָנגעשפּאַרט אויפן עלנבויגן און קוקט אין דער פינסטערניש אַריין. די באָרד איז אים ברייט אויפגעשטעלט:

— איר הערט ר׳ זעליג . . . ס׳זענען אַמאָל געווען צוויי ברו׳ דער איינער איז געווען אַ קלוגער און דער אַנדערער איז געווען אַ גרויסטר נאַר . . .

זי הענגט, די פינסטערניש, אין געדעכטע קופּעס צווישן די צווייגן. דער ערשטער בלייכער שטערן שיינט שוין דורך, מיניט זיך, ציטערט צווישן די ביימער. מ׳הערט דעם לעצטן גלאָקן-גלאַנק פונם דאָרף-קלויסטער, וואָס פאַרגייט לאַנג-געצויגן פּאַוואָליע אָסיענ׳ דיק. אַ שוואַרצע פלעדער-מויז שפּרייזט עטליכע מאָל אין אַ האַלב-ראָד צווישן די גראָבע שוואַרצע צווייגן וואָס שטייען טונקל, גרויס ווי ריזן-געשטאַלטן, נעמען זיך אַרום מיט צעקרומטע הענט,

איינער דעם אַנדערן, אַז ס'איז אַ פּחד צו קוקן אַהין.

אונטערן שטיין טליעט שוואַך אַ קליין פייער און ביידע אַלטע לייט הערן מיט רויקער צופרידענער דערוואַרטונג ווי דאָס טעפּל וועטשערע צווישן די גליענדיקע קוילן קאָכט שטיל, זיד און זינגט אונטער. ס'איז שוין קאַלט אין סאָד אויף דער נאַכט. ס'שמעקט מיט ימים נוראים, מיט ריוח און אָסיענדיקער זעט. ביידע יידן זענען איינגעהילט אין זייערע לאַנגע טיזליקעס, פּייכטע אָנגעזאַפּטע מיט נאַכט־ראָסע. אויף די שפּיץ קעפּ שוואַרצן זיך, די יאַרמולקעס. ר' זעליג ליגט צולייגט אויפן שוואַרצן גראָז איין העלפט פון זיין לאַנגער האָרבאַטער נאָז איז לעכטיק גערויטלט אין פייער־שיין און די אַנדערע העלפט איז פאַרשוווּמען אין שאָטנדיקער שוואַרצקייט. נעבן אים זיצט ר' ליפּע אויפן קלאָץ, די הענט שווער אָנגעשפּאַרט אויף זיין גראָבן סענקעוואַטן שטעקן און ער דערציילט אַ שיינע מעשה. זיין שטיל ווייך קול ציטערט פאַרלוירן אין דער האַלב־פינסטערניש, וועבט די טונקלע רו פון דער אייביגקייט:

— גייט אַזוי דער אָרימאַן און גייט און גייט . . . איר הערט ר' זעליג . . .

אין שטוב

1

— נפתלי, פאַרמאַך דאָס פענסטער.

האָט געזאָגט דאָס יונגע מיידלשע ווייב צום מאַן אירן אַביסל ברוגז, הייזעריק מיט נישט-גוטסקייט אין מויל. די טרוקענע קאַלט־קייט פונם מידן פנים האָט טריב געגלאַנצט, ווי אָפּגעריבן פּאַרצע־לאַן, אין דער גרויער פרימאָרגן-מידער שטוב-ענגשאַפט אַריין, וואָס איז זיך גרויזאַם נוקם פאַר די ווייטע, ברייטע, ווילד-צולאָזענע נאַכט-חלומות. איינגעשטעקט ווי איר שטייגער איז געווען, די נאַקעטע גראָבלעך-קאַלטע פיס אין די ווייך שאַרנדיקע פאַנטאָפל, וואָס ביי איינעם איז תמיד דער קנאָפל קרום-פאַרבויגן אויף אַריינצוצו, מיט אַ לאַך, ווי דער גענעץ פון דער נאַכטליכער ליבע-זאַטקייט אַליין, זעט דאָס ווייב איצט אויס קלענער ווי תמיד און זי קערט די שטוב מיטן בעזעם, וואָס איז אומעטום פול, זיין רויטער שטעקן איז איצט לענגער ווי געוויינליך, ווען ער שטייט אין ווינקל שרעקלעך לאַנג. דאָס שוואַרץ-פאַררויכערטע הייליג-בילד אויף דער וואַנט, וואָס קער דער באַלעבאָסטע פון דער דירה, די הייליקע מאַמע, פונקט אַזאַ יונגער ווייכער זאַטער פעמפיק ווי איר קינדל, וואָס זיצט ביי איר אויף דער האַנט, ביידע אין זייערע פאַרשוואַרצט גאָלדענע קרוינען אויף די קעפּלעך קוקן איצט אַראָפּ מיט זייערע בוימל-אויגן און זיי מאָנען מ׳זאָל זיי ראַמען, אָבווישן מיט דער שמאַטע.

— גיי נאָר אַוועק פון דאַנען, נפתלי, זיי זשע מוחל.

זאָגט דאָס ווייב נאָכאַמאָל אינגאַנצן אַריינגעטון אין איר אַרבעט, גלייך דאָס וואָלט שוין געווען דאָס ציל פון אַלע פאַרלאַנגענישן און זי פאַרציט שטאַרקער דעם קניפּ פון דער פאַטשיילע אונטן

אויפן קאָפּ, וואָס דער דאָזיקער קניפּ דאַכט זיך, האַלט ווי אַ פעסטער שטריק צוגעקניפּט מאַן-און-ווייב צוזאַמען דאָס גאַנצע לעבן. פאַרפאַלן.

דער מאַן, נפתלי גאָלובניק, איז אָבגעטראָטן פונם פענסטער, ווי ס'איז געווען גוט אַזוי צו שטיין אין די בלויזע העמד-אַרבל און אַרויסצוקוקן דורכן שיטערן נעפּל אַהין, אין אַנטקעגנאיבערדיקן אָפענעם פענסטער. דאָרט האָט זיך אַלעמאָל דורכגעטראָגן אַ ווייס שטיקל העמד אויפן אַקסל פון אַ ווייב און פאַרשוווּנדן. און געדאַכט האָט זיך, אַז דאָרט אין דער שטילער פרידלעכקייט פון דעם פרעמדן פענסטער, דאָרט וווינט דאָס גליק, דאָס אמתע. נאָר אָט באַווייזט זיך דאָרט, אין פרעמדן פענסטער, דער לאַנגער שטעקן פונם בעזעם. מ'זעט זיין שפּיץ, וואָס באַוועגט זיך אַליין, טענצלט אַהין און אַהער, און אַ מאַנסביל אין די בלויזע העמד-אַרבל קומט צו דאָרט און פאַרמאַכט גיך דאָס פענסטער.

— נו מאַך שוין אַ סוף, לאָז זיין גענוג. ס'איז שוין גענוג . . . .

זאָגט נפתלי שטיל, ברוגזלעך-געפּייניגט, ווי נעווייינטלעך אין אַ שלעכטן אינדערפרי ווען מ'איז אויפגעשטאַנען אָנגעדרודלט, פאַר' אומגליקט, גלאַט אַזוי אָן אַ פאַרוואָס.

ווי איז אַהינגעקומען יענע ציטערדיקע ליבשאַפט פונם לאַנגען, איבערגעבויגענעם מענש נפתלי גאלובניק, צו דעם שיינעם מיידל אסתר, מיט די גרינלעך פייכטע אויגן, וואָס אַהיים באַגלייטנדיק זי שפּעט אין דער לידיק שטילער זומער-נאַכט, שווייגנדיק פון צופיל באַלאָדענער צערטלעכקייט, איז ער פּלוצים שטיין געבליבן אויף דער גרויטער געבויגענער בריק, ביים שיין פונם ציטערדיקן געלן לאַמטערן-פלעמל, וואָס האָט זיך געל געפּלעקט אונטן אין דער טיף, אין לבנה-באַשפּריצטן וואַסער ווי אַן אַריינגעשלאָגן קרום דרענגל,

וואָס הוידעט זיך, און אַ גלעט טוענדיק איר דעם אָרבל האָט ער שטיל געזאָגט:

— מיין טייער קינד . . .

יענע ליבשאַפט איז פאַרלאָשן געוואָרן תיכף דעמאָלט נאָך דער חתונה, ווען ער, דער מאַן, האָט בײַנאַכט אין בעט, ווי זיין שטייגער איז געווען, מיט באַזונדערער הנאה געליינט אַ בוך, און זי, דאָס ווייב, האָט זיך דורכוועקנדיק מיט אַ אויסגעוואָרעמט, ווייך, שלאָף-זשעדנע קול געזאָגט:

— נפתלי פאַרלעש שוין דעם לאָמפּ . . .

אַזוי האָט זיך אים געדאַכט.

גאָלובניק איז געווען אַ פאַרנומענער, פאַרטראָגענער מענש און אַ גרויסער אָרימאַן. זיין צו קליין צוקנייטשט קאַפּעלאַטשל מיט דעם גרינ פעטן אויסגעריבענעם בענדל, אייביק אַריינגעטון אין די קולטורן, רעדעס און אַרטיקלען, האָט אים אָנגעקוועטשט איין עק שטערען, אויסגעקרומט אים אַביסל מיט אַ קליין שפּיציק הערבעקל, ווי מ׳זעט אַזוינס ביי אַ באַראַן, וואָס האָט נאָר איין האָרן. ס׳איז געווען דאָס זעלבע שפּיציקע הערבעקל אין שפּיץ שטערן ווי ביי זיין אָרימען איינגעבויגענעם טאַטן דעם היסער, מיטן זעקל אויף די פּלייצעס, וואָס איז געווען אייביק אַריינגעטון אין די יאַרידעס, פּעלעכלעך, גוים און מאַסקעבוינע.

און פּונקט ווי דער טאַטע, וואָס האָט ליב געהאַט בשעתן עסן פאַרמוטשט צו חשבונען זיינע קבצנישע חשבונות מיטן קריידל אויפן טיש, גרויסע, קרומע ציפערן, קאָטשערעס מיט לאָפּעטעס, און די מאַמע האָט זיך געבייזערט, אַזוי האָט אויך גאָלובניק ליב געהאַט זיצנדיק ביים עסן צו האַלטן צווישן צוויי פינגער, ווי שמעק טאַבעק אַביסל זאַלץ און מיט דער אַנדערער האַנט שרייבן מיטן שטיקל שרייבענדל אָן אַ שפּיץ, פאַרמוטשט דאָרט אין זיינע

פּאַפּירלעך, פּאַרמעקטע, קויטיקע, קאַטשערעס מיט לאַפּעטעס.

— עס, נפתלי, ס'ווערט קאַלט, וועסט דערנאָך טון . . .

אין דרויסן האָט רעשיק-האַרט אונטערגעטענצלט אַ פּור אויף די שטיינער. ס'האָט זיך געהערט ווי דער געוועזענער זעלנער אָן פיס גייט אַראָפּ מיט זיינע צוויי האַרטע קוליעס פון די טרעפּ. און ווי תמיד, טרעט ער אָן מיט איין קוליע זיין הינטל אויפן פיסל. דאָס טוט ווי אַלעמאָל, אַ מוראדיק-יעמערליכן קוויטש, אַ דינעם און אַ קורצן, וואָס ס'שרייט פון אים אַרויס דער גאַנצער ווייטאָג פונם לעבן. דערנאָך ווערט ווידער שטיל. און די איינגעגעסענע לאַנג-ווייליקייט שפּרייט זיך איבער דער גאַנצער ברייט פון דער בלייך-פאַררויכערטער אומעטיקער סטעליע. די פּאָרהענגלעך זענען צונויפגעצויגן אין פענסטער-ווינקל און אין זייער געדעכטקייט זעט זיך ערשט, ווי שרעקליך קויטיק זיי זענען.

— ווי מיינסטו, נפתלי, מ'דאַרף קויפן דעם קינד אַ פּאָר שיכלעך — מ'קאָן זיך נישט דערקויפן היינט אין אַזאַ יקרות.

— מ'דאַרף קויפן אַ פּאָר שטאַרקע געלע שיכלעך — זאָגט דאָס ווייב נאָכאַמאָל.

— פאַרוואָס עפּעס געלע? פרעגט דער מאַן — פאַרוואָס דווקא געלע? שוואַרצע זענען שטאַרקער.

— געלע זענען אָבער שענער.

— ווער זאָגט, אַז געלע זענען שענער?

— וואָס דען, שוואַרצע זענען שיין?

— ניין, געלע זענען שיין?

— איך מיין, אַז געלע . . .

— מיר דאַכט זיך, אַז שוואַרצע . . .

— געלע.

— שוואַרצ

— לויט איך פאַרשטיי, זענען בעסער שוואַרצע . . . :

זאָגט גאָלובניק צום סוף. און לויט ער פאַרשטייט טויג די גאַנצע זאַך נישט. ס'טויג נישט, וואָס מ'נעמט און מ'לאָזט אַריין אין איין שטוב, אויפן גאַנצן לעבן, צוויי מענשן, אַזוינע צוויי פאַרשידענע מינים מענטשן ווי א מאַן און א ווייב . . .

אָבער ווער פילט די ברייטע פריידיקע רו, ווען מ'גייט פּאַוואָליע אין די שיינע ווינטער-טעג שפּאַצירן מיטן ווייב און קינד? דער זוניקער לעכטיק-בלאָער טרוקענער פראָסט וואַרעמט אין דער פּלייצע, די פענסטער און די הויכע מויערן גלאַנצן ווייס אָבּ' געזילבערט. די גרינע און געלע קליידער פון די פרויען מישן זיך אין דער ליכטיקייט. די שילדן גליען אין גאָלד. די פאַרביקע פּלאַקאַטן לייכטן מיט קאָלירטע פלעקן אין דער ציטערדיקער ווייסקייט אַריין. דאָס קליינע קינד אין רויטן בלישטשענדיקן מענ' טאָלע לויפט פאָרויס, פינטלט מיט די אויגלעך אין דער זון און ס'לאַכט. נעבן דעם גייט די מאַמע, טוט אַכטונג אין שטאָלצער צופרידענער פריידיקייט ווען די פאַרבייגייערס קוקן זיך אום צום קינד מיט א שמייכל פון באַוווּנדערונג. אַביסל פון אונטן גייט נפתלי פּאַוואָליע מיט רחוה, דעם קאַפעלאַטש האָפערדיק פאַרוקט אויפן שטערן, דעם ראָק אויפגעקנעפּלט, די הענט פאַרלייגט פון אונטן. זיין נאָז שמייכלט. נאָר אָט גיט פּלוצים דאָס ווייב א גיכן געצויגענעם קוויטש:

— נפתלי! . . .

אַ קאַלטע שרעק טוט אַ שפּיציקן בויער אין האַרץ. מ'בלייבט שטיין ווי א קלאָץ, די הענט אויסגעשטרעקט. דאָס קינד איז שיער נישט אַרונטער אונטער א אָנפאָרנדיקער פור מיט פעסלעך. דער אָפּגעבריטער קוטשער מיט דער בייטש אין דער האַנט, רייסט צוריק די קעפ פון די פערד. ער איז רויט פון צאָרן, שרייט און

שעלט. נפתלי לויפט, ער כאפט דאָס קינד אויף די הענט. דאָס פנים איז ביי אים לאנג און ווייס פון שרעק. דער קאפעלאטש פאלט אים אראָב פונם קאָפּ און דאָס ווייב הייבט אים אויף . . . .

— ווי אזוי גייסטו עפּעס . . . ווי א בלינדער . . .

— דו טוסט דאָך אכטונג . . . שיין אכטונג געטון . . . מ׳נעמט זי אָן ביים הענטל . . .

אהיים גייט מען גיך. מ׳יילט זיך, מ׳לויפט, גלייך אין שטוב וואָלט געוואַרט די הילף. אויף די טונקלע טרעפּ שטויסט מען זיך אין אנ׳ אנדער מיט בייזקייט. גאָלובניק שפּאנט צו צוויי דריי טרעפּ אויף אַמאָל. ער פילט, אַז ער איז גערעכט און ער באַשליסט, אַז אלע מעשיות, שפּאסן, זאָגעכצער און ווערטלעך, פריילעכע און טרויעריקע, וואָס מיילער האָבן גערעדט, הענט האָבן געקריצט אין שטיין, געשריבן אויף פּארמעט, געדרוקט אויף פּאפּיר, וועגן די אלע פּאָר־פעלקער, אָנגעהויבן פון אדם וחוה ביז צו אים און זיין ווייב — זענען אמת.

אין שטוב איז ענג און טונקל ווי געוויינטלעך, אז מ׳קומט אריין פונם ליכטיקן דרויסן. און ס׳איז קאלט, קעלטער ווי אין דרויסן. די אָבגעריבענע גרינלעכע שפּיציקע קעסטלעך אויף די געמאָלענע ווענט פלעכטן זיך איינס־אינס־אנדערע אָן אויפהער, אלע דיזעלבע. דער מאַן צוברעכט פּלוצים א גלאָז. דאָס ווייב ברענט אויס מיטן הייסן פּרעסל א לאָך אין קלייד. דאָס ערגסטע אָבער איז, וואָס מ׳זעט איינער דעם אנדערנס געדאנקען. זיי שטייען אָנגעשריבן אויפן שטערן. מען זעט זיי לויפן אַהין און אַהער אין מוח, ווי מ׳זעט אמאָל אַרומלויפן אין וואסער קליינע פישלעך. אין אזוינע טעג זאָגט אמאָל דאָס ווייב צום מאַן:

— נפתלי, דו דארפסט דאָך ערגעץ אוועקגיין . . . פארוואָס גייסטו נישט . . . גיי אביסל . . . ברוגז, שווייגנדיק קנעפּלט זיך נפתלי צו דעם ראָק. ער זוכט לאנג דעם הוט ער פילט זיך שולדיק און ער גייט

אביסל אוועק פון דער שטוב. דער פאלנדיקער שניי ווייסט אָפּ די אַקסלען, טשעפּעט זיך אויף די ברעמען, ליגט ווייס, ווייך און טויב אויף די דעכלעך פון די לאַמטערנס, שיט פאַר די אויגן. מ׳זעט גאָר נישט. דאָס קלינגען פון די אָפּגעווייסטע לויפנדיקע טראַמווייעס איז צוגעדושעט אין שניי, ווייט און ווייך ווי איינגעהילט אין וואַטע. שווער איז צו דערטראָגן די לאַסט פון די קורצע טונקלע ווינטער־טעג, וואָס גרויען זיך שווערער ווי שטיינער אין געמיט.

אין ליידיקן דומפּיקן פאַריין שטיין ווי תמיד די בענקלעך, ווי תמיד איינס אויפס אַנדערע איבערגעקערטע מיט די פיסלעך אַרויף. פון די פאָר׳ כיקע גרויסע ליידיקע פענסטער גרויט אַראָפּ יענע שרעקיקע קאַל׳ טע פוסטיקייט אָנגעזאַפּט מיטן ריח פון אַלטע שמות ווי אין דער ווייבערישער שול אין דערוואַכן. די אַלטע צייטונגען זענען צופליקט, פעטיק־שוואַרץ די שורות אָפּגעריבן, מ׳זעט זיי נישט אַרויס מער, גלייך מ׳וואָלט זיי איינגאַנצן אַרויסגעליינט, ביז אויפן ווייסן גרונט. איינגעשלינגען זיי ווי תמיד טרעפט מען דאָ שייע קיקער, זיין לילקע הענגט אים אייביק אַרויס פונם מויל־ווינקל, אַ פאַרלאָשענע אַ שוואַרצע. ער שטייט אָנגעבויגן, ליינט צום הונדערטסטן מאָל מיט זיין קיילעכדיק בלינדן ווייסליכן אויג, וואָס איז גרעסער פונם זעענדיקן, די אַלטע צייטונג, אַ ווייטע פון ארגענטיניע, אונטערן אָרעם האַלט ער אַ פּאַק מיט בלעטער און ער זאָגט אַלע מאָל צום היגקענדיקן חבר מנשה וואָס שטייט מיטן שליסל, וואַרט צום פאַר׳ שליסן די טיר:

— כ׳בין דאָ . . . כ׳בין דאָ . . . מ׳לאָזט מיך נישט ליינען קיין צייטונג . . .

שייע קיקער איז געווען אַ פּראָסטער ייד, געהאַנדלט און פאַר׳ דינט פּרנסה צוגלייך מיט אַלע יידן. זינט אָבער ער האָט זיך אָנגעהויבן צו דרייען צווישן צייטונגען און שרייבן אַרטיקלען, איז

ער געוואָרן אַן איבערגעביטענער. ער רעדט צו זיך אַליין און שרייט פונם שלאָף:

— ר'איז געוואָרן אַ משוגענער, . . מיין שייע.

זאָגט זיין פאַרצאָרנט ווייב מיטן קינד אויף די הענט.

דעם אמתן משוגענעם אָבער, וואָס קומט טאַקע אַלע מאָל אַרויס פונם משוגעים-הויז, טרעפט מען ערשט רעכט אומעטום ווו מ'קומט. אין קאַפע, אין רעדאַקציע, אין בוכהאַנדלונג, אין גאַס. ער שפּאַנט מיטן בייטל אונטערן אָרעם, דעם בלויזן אויסגעקראַכענעם קאָפּ אָנגעבויגן מיט כח, די לאַנגע באָרד, וואָס ער האָט זיך אייגנס פאַר' לאָזט כדי צו קענען דורך איר אָפּנאַרן די מיושבע, איז קרום און האַרט אָנגעשטעלט פונדערזייט מיט אַ שאַרפן קאַנט ווי אַ האַק-מעסער. אז מ'באַגעגנט אים ווערט מען בלאַס פון שרעק. מ'כאַפּט אַנטלויפן, אָבער ער פאַרשטעלט דעם וועג, שטופּט אַ ווייכע, שוויי' סיקע האַנט, וואָס רירט זיך אָן שרעקיק-קאַלט, קלעפּיק'נאַס ווי אַ זשאַבע. ער דערציילט נאָך אַמאָל די מעשה ווי אַזוי ער האָט זיך געגעט מיטן ווייב און צוקוועטשנדיק גיפטיק איין אייגל, פרעגט ער פול שנאה און פאַראַכטונג:

— וואָס מאַכט מען עפּעס . . . וואָס טוט זיך עפּעס אין אונזער ליטעראַטור . . .

די ברייטע גאַסן זענען איצט גליטשיק, ענג. די מו'ערן אין דער הויך צונויפגעקוועטשט. מ'האָט מורא ס'זאָל פלוצים נישט אַראָפּפאַלן אַ ציגל פונם דאַך, אַ געזימס גלייך אויפן קאָפּ אַרויף. די פיס טראָגן אַוועק אַהיים.

גאָלובניק אַנטלויפט אַהיים. אין שטוב איז שטיל. דאָס ווייב פאָ' רעט זיך. דאָס קינד אין בעטל כאַפּט זיך אויף פון שלאָף. דאָס קליינע מיידעלע מיט די קליינע הענטלעך און מיט די קלאָרע גראָע אייג' לעך, וואָס איז געבוירן געוואָרן פאַר צוויי יאָר, ניין טאָג פאַר דער

חתונה, דער קליינער שטומער עדות פון די געפּענטעטע קריכנדיקע לעבנס, וואָס זעט, הערט און שווייגט.

גאָלובניק האָט ליב צו נעמען אויף די הענט דאָס קינד, דאָס קליינע געליבטע גפשל, דעם אמת איינציק געטרייען פריינט, צו קיצלען דאָס מיט אַ פינגער און לאַכן, ווען דאָס זאָגט: פּא — פּא, קיץ — קיץ. און מיט דער באַהאַלטענער שרעקיק־אָנגענעמער ניי׳גיריקייט פון די טאַטעס, האָט ער ליב, ווי אַלעמאָל, אין די פיינע, ווייכע יונגע הערלעך אויפן קינדס קעפּל צו זוכן די פארב פון זיינע אייגענע האָר . . נאָר אַט קומט צו די מאַמע און זי טוט אַ נעם דאָס קינד פונם טאַטנס הענט, מיט יענער זיכערער אָפּגעהאַקטקייט פון אַ מענש, וואָס נעמט אַרויס פון יענעמס הענט זיין אייגנס, אַ זאַך וואָס געהערט נאָר צו אים אַליין, און וואָס קיינער קאָן דערצו קיין שליטה נישט האָבן, זי צערטלט די קליינע אברימלעך, טאַפּט זיי, גלעט זיי און קנעט זיי מיט שטומער הייסקייט ווי ביי אַ חיה און דער גלאַנץ פון אירע ווייכע, אַביסל־צושויבערטע, טיף־שוואַרצע האָר אויפן ווייסן שטערן רייצט איצט מיט ווייכער פליישליכער וואַרימקייט, די אויגן זענען פאַרגאָסן מיט פייכטער, טונקעלער פרייד, די פרייד פון די מאַמעס און די רירעוודיקע הענט טאַנצן אַרום, פאָרען זיך געטריי, האָדעווען דאָס קינד און זי זינגט דערביי נאָך דעם גראַמאָפאָן, וואָס הערט זיך דורך דער סטעליע פון אויבן ביים היטלמאַכער:

— אי, באַיאַדעראַ, איך ליבע דיך . . .

ס׳שמעקט מיט דער היימישקייט פון נישט אויסגעוואַשענע טעפּ׳לעך, מיט קינדישן געלעכטער און מיט דער פרידליכקייט פון איי׳גענע פיר ווענט. דער דאַך אַנטקעגן, איבערן פענסטער ווייסט זיך בלוילעך פון פריש געפאַלענעם שניי און ס׳איז גוט אַזוי איצט גאָ׳לובניקן צו זיצן ביי אַ הייס גלאָז טיי מיט לימענע, רויכערן די ליולקע, אַריינקוקן אין אַ צייטונג און טראַכטן אַביסל פון עפּעס

אַנדערש, צושאָקלען מיטן קאָפּ און טראַכטן . . . מ׳דערמאָנט זיך אָן דעם אָרעמען גאַס-מיידל, וואָס האָט געשטופּט מיט אַ געלעכטערל אַ באָנבאָן אין מויל אַריין. ביים געזעגענען זיך אין פינסטערן געסל האָט זי פאַרגעסן-צערטלעך אַרויפגעלייגט איר וואַרעם קעפּל אויפן האַלז, געטוליעט זיך און געפרעגט קוקנדיק גלייך אין די אויגן מיט ליבשאַפט:

— ווען זעט מען דיך ווידער . . . טייערער . . .

דער גראַמאָפאָן איז אַנטשוויגן. די הייזעריקלעך-מענלעכע ברוסט׳ שטים פון דעם אויסגעסטרויעטן אָפּערעטן-פּרינץ, וואָס טוט אויף דער בינע אַ כאַפּ די געליבטע אויף די הענט און טראָגט זי אַוועק, האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אין שטוב אַ שלעכטע גראַבלדיקע ענגע שווער׳ קייט, אַזוינס עפּעס ווי אַ פרעמדער רייכער מיוחס לאָזט נאָך זיך איבער אין שטוב פון אַן אָרעמער קרובה, וועלכע ער האָט באַערט מיט זיין באַזוך.

— מ׳האָט געכאַפּט צוויי גנבים אין אַ קלויסטער . . . אַ טאַטן מיט אַ זון . . . זיי האָבן געגנבעט אַ זייגער, אַ גאָלדענעם זייגער . . . אַ שרעק . . .

דערציילט גאָלובניק נייעס פון דער צייטונג, פילנדיק, אַז ער מוז זיך פּאַר עפּעס פאַרענטפערן. אָבער ס׳העלפט אים גאָרנישט. דאָס ווייב שווייגט. זי זיצט שוין מיד, האַלב אָנגעלענט אויפן סאָפע און זי קוקט אַריין אין אַ צייטונג. אין גיכן שאַרנדיקן קנאַקן פונם פאַפּיר אין אירע הענט הערט זיך וואַקסנדיקע בייזקייט. די אויגן זענען קאַלעמוטנע אָן אַ פאַרב, ווי וואַסערלעך, ווען מען צערודערט מיט אַ שטעקן. פון שלעכטקייט איז די אונטערשטע ליפּ פול, רויט און גלוסטיק נאַס. פונם שיינעם דורכזיכטיקן ווייסן שטערן זייערט אַראָפּ אין קליינע קנייטשלעך די אומצופרידנקייט פון די יונגע יאָרן, וואָס וועפּן זיך אויס פּאַר קיינעמס וועגן. די סאָפע גיט אַ

סקריפ נאָך איידער זי טוט זיך אַ ריר. זי קאָן נישט ליידן די גאַנצע צייט, וואָס ביי נפתלין איז אַביסל אַראָפּגערוקט דאָס שניפּסל, עס זעט זיך אונטן אַרויס די ספּינקע פונם קראַגן, און ער האָט אַ טבע דאָס נישט צו באַמערקן, קיינמאָל נישט צורעכט צו מאַכן.

— נפתלי, — זאָגט זי פלוציננג — נפתלי, פאַרוואָס טוסטו דיר נישט אָן די ברילן? אַ מענש זאָל האָבן אַ טבע דווקא ביים לייענען אויסצוטון די ברילן . . . האָסט דאָך צוויי פּאָר ברילן . . .

אין איר שטילן דינעם קול ליגט באַהאַלטן די גאַנצע אומגערעכטע געפערלעכקייט פון דעם ווייבערישן מין, ווי די שאַרף אין אַ צו־געמאַכט שיין מעסערל.

און די שאַרף טוט אַ שניט טיף דאָרט, ווו מ׳באַדאַרף, ווו עס טוט באַזונדערס וויי, אין דער איינגעדרימלטער וווּנד, אינם באַהאַלטענעם אומגליק פון דער שוואַכקייט. אַ גרין שנאה־פלעמל טוט זיך אַצינד־אָן צווישן צוויי פּאָר אויגן און ס׳ווערט תיכף פאַר־לאָשן פון דער קעגנזייטיקער שוואַכקייט, ווי דער פייערפינק צווישן אַ שטיינדל און אַ שטיקל אייזן, אַז זיי שלאָגן זיך אָן מיט שאַר־פער שפּיציקייט און ס׳פּאַרלעשט. נפתלי גאָלובניק שווייגט. וואָס איז דאָ צו רעדן? און וואָס לאָזט זיך טון? ער ווייסט, אַז קיינער איז נישט שולדיק. סוף כל סוף זענען אַלע אומגליקלעך, איטליכער פאַר זיך, נאָר קיינער דערציילט נישט. מ׳שעמט זיך.

נפתלי הייבט זיך אויף און זעצט זיך ווידער אַנידער. דערנאָך נעמט ער אין שטוב אַביסל זיך אַרומדרייען אַהין און צוריק, ווי זיין שטייגער איז, אַן אָנגעבויגענער מיט דעם בינטעלע האָר, וואָס שטייט אים אויפן שפּיץ פון זיין שפּיציקן קאָפּ מיטן ביכל נאָענט ביי זיינע קורצזיכטיקע אויגן, קרום פון דער זייט, באַרירנדיק דערביי די נאָז, וואָס טייכלט אַרום אויפן שפּיץ בלעטל, מיט זיין לאַנגער אַביסל האָראָבאַטער מעכטיקער נאָז, וואָס מיט איר

ברוגזער יידישער געל־גרינליכער אײדלקײט, איז זי ענלעך צו אַן אײדלען כשרן אתרוג. אָבער דעמאָלט װען גאָלובניק שטײט אױף דער בינע און רעדט װעגן „די יונגע טריט אין דער נײַער פּאָעזי” צו די אַלע רײַען צו אים אױפגעהױבענע, אָנגעשטרענגט הערנדיקע, האַרטע נעז, װי די הילצערנע קלינעס, גלײַך ס׳װאָלט זײ געגאַנגען אין לעבן, נישט הערנדיק זײַנע אײגענע װערטער און נישט קאָנענדיק נאָכלױפן זײַן אײגענעם געדאַנק, װאָס יאָגט מיט גיכקײט פון זיך אַלײן, װי אַ װאָגן, װאָס עמעץ האָט אַ שטופּ געטון באַרג אַראָב און ער לױפט אַלײן מיטן אױפגעשטעלטן לײַ־דיקן דישעל און נאָר אײן גאָט װײסט װוּהין ער װעט אַרײַנפאָרן צום סוף, דעמאָלט, איז גאָלובניקס נאָז אַ לעבעדיק באַשעפעניש פאַר זיך, געריטעלט באַװעגט װי אַ לעבעדיק רױט מײַזל, װאָס טענצלט אַהין און אַהער. און װען ער טוט אַ געשרײ מיט פײַער:

— װוּ איז דאָס גרױסע װאָרט? דאָס גרױסע, דאָס נײַע װאָרט?

און אַ װײַז טוענדיק היציק, מיט דער האַנט אונטערן אַנדערן אָרעם, װי ער װאָלט אַהין אַרונטערגענומען אַ בוך, טוט ער נאָך אַמאָל אַ געשרײ מיט פײַער:

— און אָט נעם איך שױן טאַקע אברהם רײַזינען אונטערן אָרעם... נו, װוּהין זשע זאָל איך גײן מיט אים? װי װײַט קען מען גײן מיט אים בכלל?...

און בלײַבנדיק אַ רגע שטיל, װי װאַרטנדיק אױף אַ תשובה, דערפילט גאָלובניק דעמאָלט, אין דער הױלער, נאַגנדיקער, לײַ־דיקער שטילקײט אַ גרױסן רחמנות צו דעם דיכטער אברהם רײַזין, װאָס מ׳קען מיט אים בכלל אַזױ װײַט נישט גײן, גלײַך ער װאָלט געהאַט אײַן פוס אַ קורצערן, אונטערגעהינקען אַביסל, און אַ נאָגענדיקן קינדישן רחמנות צו זיך אַלײן, פאַרװאָס ס׳איז נישט גוט, ס׳איז

נישט געראָטן, פאַרוואָס ער האָט נישט קיין מזל צו קיין דירות. אין די אַלע דירות ווו גאָלובניק וווינט, אין די אַלע ריס שטעט זייט נאָך דער חתונה, רויכערט זיך תמיד דער אויוון. דער קוימען־קערער קומט אַלעמאָל מיט זיינע שרעקיקע געלע אויגן־ווייסלעך, וואָס לייכטן פון זיין שוואַרצער יאַרמולקע, באַהאָנגען מיט זיינע היסטערע בעזימס, קלאַפּט, שאַרט, קערט ניט שווייגנדיקער וויכטי־קייט, מאַכט אָן אַ פולע שטוב מיט סאַזשע, און ס׳אַרט אים גאָר נישט וואָס ער שרעקט איבער דאָס קינד.

— ס׳וועט שוין זיין גוט — זאָגט ער, צונעמענדיק ברוגז דאָס געלט, ווי אַ דאָקטאָר, אין דער זשמעניע אַריין, אָבער ווי באַלד ער גייט אַוועק רויכערט זיך ווידער דער אויוון און ס׳העלפט גאָרנישט.

דער צוגוואַדזשעטער שניי אין די טונקלע נאַסע טעג גלאָ יקט אונטער די פיס און צוגיסט זיך אין קויטיקן נעבל, קאַלט און קלעפּיק, אַרום די אָפּגעשפּריצט־לויטנדיקע טראַמווייען, וואָס די פויל־צוגעלעגענע בלאָליכע רויטקייט זייערע לייגט זיך אויף די פּנימער פון די ווייבער, וואָס שטייגן איין אין זיי, זיך שטופנדיק מיט די נאַסע פּעלץ־מאַנטלען, און ערשט דעמאָלט זעט מען ווי שרעקלעך אַלט די ווייבער זענען, בלאָליך צוקנייטשט. די מויערן זענען קויטיק שוואַרץ. די הויזן צו לאַנג און אָפּגעשפּריצט מיט בלאָטע. די שירעמס איבער די קעפּ פאַרטשעפּען זיך מיט די דרעטלעך איינס דאָס אַנדערע, וואַרפן אַראָפּ אַ קאַפּעלאַטש, שטעכן שיעור נישט אויס אַן אויג. מ׳איילט זיך, מ׳לויפט. דאָס אייביקע אייל־עניש און לויפעניש צום עסן.

אַז גאָלובניק קומט אַהיים און עפנט די טיר, זעט ער גאָרנישט. די ברילן זענען פאַרלאָפן מיט פּאַרע, ער פּינטלט אָנגעשטרענגט מיט די אויגן, אַריבערצוקוקן איבער דער בריל, אָבער ער זעט ווידער גאָר נישט. די שטוב איז אָנגעפילט מיט רויך.

— אסתר, מאַך אַביסל אויף דאָ פענסטער . . .

דעם ווייבס שטערן איז איינגעשמירט אין סאַזשע. דאָס קינד וויינט און דער שווערער גרויסער שטוב-אויוון אין ווינקל רויכערט זיך. דער פוילער, געדיכטער קויטיק-געלער רויך שפּאַרט זיך פּאַוואָליע, פּאַוואָליע, דורך די קאַלטע גרינלעך-גלאַנציקע קאַפּליעס פון אַלע זייטן, קנוילט זיך אונטער דער סטעליע און פאַלט אָן די שטוב. אין האַלז גראַבלט, די אויגן טרערן; דאָס אומגליק איז גרויס.

— ס׳וואָלט שוין פונדעסטוועגן צייט געווען, זאָלסט קענען אונטער׳הייצן . . . ברוגזט זיך דער מאַן, כאָטש ער ווייסט, אַז דאָס ווייב איז נישט שולדיק אין דעם, קיינער איז נישט שולדיק.

— דער אויוון טויג נישט, נפתלי . . . דאָס איז אַן אויוון?

— מ׳דאַרף רופן דעם קוימענקערער . . .

— רוף.

— ווער, איך?

— פאַרוואָס עפּעס איך? . . .

— איך זאָל רופן?

— ניין, איך?

די אַקסלען זענען אָנגעבויגן. די פינגער ציטערן. די שטערנס פאַר׳כמורעט, אָנגעדרודלט. די פאַרשטעלטע אמתן, וואָס מ׳וואַרפט זיך אין זיי טרעפן ווי העק אויף טשוועקעס, וואָס בויערן זיך איין, טוען וויי. דער ברוגז שטעלט זיך שפּיציק אין דער ברייט, זיינע שפּיציקע עלנבויגנס שאַרפן זיך אין דושענדיקן בלינדן רויך, מיט יעדן וואָרט דינער, שטעכנדיקער, און צום סוף באַהאַלטן זיך, ווי געוויינטלעך די שליסל. מ׳בייגט זיך, מ׳שטויסט זיך אָן, מ׳זוכט זיי אונטערן בעט אויף דער שאַפע, צווישן די שמאַטעס, אין טיש־קעסטל, אין מיסט. נישטאָ:

— האָסט נישט געזען ערגעץ די שליסל?

— ערשט די רגע זענען געווען די שליסל . . .

— זוך נאָר די שליסל . . .

— שוין ווידער גישטאָ די שליסל . . .

— שליסל . . . .

אַמאָל כאַפּט דער מאַן דעם הוט און דעם שטעקן און גייט אַביסל אַוועק פון דער שטוב. אַן אַנדערש מאָל כאַפּט דאָס ווייב דעם הוט און דעם מאַנטל, פאַרזאָרגט דאָס קינד, טוט אַ קוק אין געפּלעקטן שפּיגל און זי גייט אַביסל אַוועק פון דער שטוב.

— אמתר, גיי זיך אַבוסל דורך שפּאַצירן . . . גיי . . .

אַז גאָלובניק איז דאָס מאָל געבליבן אַליין אין שטוב, האָט ער אַ קרעכץ געטון פונם גאַנצן האַרצן אַרויס:

— אי . . .

ער האָט זיך אַרומגעדרייט האַפּעדיק אַהער און אַהין אין דער גראָמער פרייקייט און פון דעם אַליין-זיין, האָט זיך אים געגלוסט אונטערצופייפן, מיטן מויל, ווי ס׳גלוסט זיך אַמאָל צו פייפן ווען מ׳טוט זיך אָן נאָכן באָד.

פּלוצים אָבער איז גאָלובניק שטיין געבליבן. פאַר אים איז אין שטוב אויסגעוואַקסן אַ פרעמדער מענש, אַ דייטשל, אַ שמאָל, שאַרף געצפּרעסט דייטשל, אין אַ ענגען, שמאָלן, ליכטיקן אויבעררעקל, מיט אַ סאַמעטן קעלנערל, קורץ־קורץ נישט דערגרייכנדיק די קניעס. און דאָס דייטשל האָט גערעדט גערעדט אַרומטענצלענדיק מיט זיין שפּיציקן בלאָנדן בערדל, וואָס איז געווען אונטערגעשפּאַרט פונם הויכן, שטייפן, ווייס-גלאַנציקן קראַגן, געבייגט זיך אַהין און אַהער, שטייענדיק אויף איין אָרט ווי אַ געלער באַדיאַק אין ווינט, אַריינגעקוקט גלייך יענעם אין די אויגן מיט זיין פיינעם גאָלדענעם צוויקער, וואָס האָט זיך געטרעסעט, געטרעסעט, אָבער נישט אַראָפּגעפאַלן, און נישט לאָזנדיק יענעם אָפּכאַפּן דעם אָטעם, האָט ער גערעדט, גערעדט דערפון, אַז אַ מענש מוז טראַכטן נישט נאָר פון זיך אַליין,

אייביק פון זייַנעטוועגן אַליין, אַז קודם כל מוז ער פאַרזאָרגן זיינע אייגענע, זיינע נאָנטע, זיין אייגן פלייש און בלוט. אַ מענטש אָט זיך נישט אין די הענט, ס'קאָן חלילה געשען אַן אומגליק, הייַנט — מאָרגן, מ'ווייסט עפעס ווען? — איך ביטע זי, ס'קומט פלוצים, אומ' געדעכט. און וואָס געשעט דערנאָך מיט דער אלמנה? מיט דער אָרימער אלמנה, מיט די פיצלעך יתומים נעבעך, וואָס בלייבן איבער, ווי אויפן וואַסער . . .

— וואָס זאָגן זיי ביטע? — האָט גאָלובניק געפרעגט אַ דער' שראָקענער, באַשליסנדיק זיך צו ווערן מיט אַלע כחות.

— מיין נאָמען איז טרייטשקע . . פונם „ספינקס", זי מוזן זיך פאַרזיכערן . . פאַרזיכערן דאָס לעבן . . . נעמען אַ פאָליצע. ס'קאָן זיך, גאָט באַהיט, מאָרגן וואָס מיט אינען טרעפן . . ווען זי גאָט בעהיטע מאָרגן שטערבן . . .

און דאָס דייטשל האָט גערעדט, גערעדט, אונטערגעטענצלט אַהער און אַהין, און די ווערטער האָבן זיך געשאָטן גיך, גיך, איינס איבערס-אַנדערע מיט רעשיקער טרוקענער גיכקייט און נאָך איידער גאָלובניק האָט פּאָספעיט יענעם צו דערציילן, אַז ער קאָן נישט, אַז ער דאַרף נישט, ער האַלט נישט פון אַזוינע זאַכן, נאָך זיין טויט מעג זיך איבערקערן די וועלט, האָט ער שוין געהאַט אונטער' געשריבן אַ פּאַפיר, און דאָס דייטשל איז שוין געווען ווי אַ שד דורכן קוימען פאַרשווונדן.

אַז גאָלובניק איז ווידער געבליבן אַליין אין שטוב, האָט אים אַ רגע אַ דינער באַהאַלטענער פּחד אין אונטערשטן קאָפּ אַ קיל געטון מיט שאַרפער טונקלער קעלט. דער פחד פאַרן טויט. דערנאָך האָט ער אַראָפּגענומען די ברילן פון דער נאָז, זיי גוט אויסגעפוצט מיטן טוכל און זיי צוריק אָנגעטון מיט דער צופרידנקייט פון אַ מענטש, וואָס האָט אָבגעטון אַ גוטע און נוצליכע זאַך. און ווי זיין

שטייגער איז געווען האָט ער גענומען אַביסל אונטערזינגען. די
שטיקלעך נגונים האָבן זיך גוד יידלט אין זיין געמיט, דערמאָנט
אים די פֿאַלנדיקע צייטיקע האַרבסט-בלעטער, וואָס ליגן פֿריש-גע'
רויטלטע ברייט-צעלייגטע, שאַרף-שמעקנדיק איבער די ווייטע פּרעמ'
דע שטילע זוניקע וועגן אונטער דער שטאָט ער פֿלעג שפּאַ'
צירן מיט אסתרן דעם שיינעם דינעם מיידל אין דעם שוואַרצן
ברייטן שטרוי-הוט, וואָס איין פֿליגל איז פֿאַרבויגן אויפֿן ווייסן
שטערן. אַ קליין אַלט פֿריצאַלע אין שוואַרצן, מיט שוואַרצע פֿליטער'
לעך אויפֿן מענטאַלע איז געקומען אַנטקעגן און זי האָט געפֿירט
אויפֿן שטריקל אַ קליין שוואַרץ הינטל מיט געלע לאַפּקעס און
אויפֿן רוקן האָט דאָס געטראָגן אַ רויט מענטאַלע.

גאָלובניק האָט געזוכט די האַק און אַריינגעשלאָגן פֿעסטער דעם
טשוואָק אונטערן שפּיגל. דערנאָך האָט ער געעפֿנט דאָס פֿענסטער
און אַרויסגעקוקט אין דרויסן. אַנטקעגן איבער אויף דער טיר פֿון
דער יאַטקע מיט דעם קו-קאָפּ און די צוויי העק אויפֿן שילד, איז
געשטאַנען דער קצב, די הענט אונטערן פֿאַרבלוטיקטן פֿאַרטוך אויף
זיין שפּיציקן בויך, און אין צוגעשפּיצטן פֿעטן מויל האָט געשטעקט
אַ גראָבער ציגאַר.

דער טראַמוויי האָט שוואַך געקלינגען פֿון דער ווייטנס און אַנט'
קעגן-איבער, אויפֿן קינאָ-פּלאַקאַט, האָט זיך מיט אַרויסגעסטאַרטשע'
טע ווילדע אויגן, פֿאַרצווייפֿלט געדראַפּעט פֿון די שטאָרעמדיקע
ים-כוואַליעס אַ צושויבערטע פֿרוי אויף אַ זינקנדיקע שיף וואָס
ברענט ביי נאַכט. גאָלובניקן האָט זיך געדאַכט, אַז יענע פֿרוי, וואָס
גייט דאָרט אויבן אין געסל, איז אסתר. ער האָט זיך טיפֿער אַרויס'
געבויגן און געוואַרט מיט אַ באַזונדער אָנגענעמער אומגעדולד.
אָבער ס'איז נישט געווען אסתר. אַ דין פֿרעסטל האָט פֿאַרצויגן
די שפּאַרעס צווישן די שטיינער מיט אַ דין-גלעזערן געקאַרבטן'

אייז-הייטל. קליינע האַרטע שניי-גראַפּלעך זענען געפאַלן און שיטער באַזאַלצן דעם דרויסן. פריקרע אָבגענאַרט האָט גאָלובניק פאַרמאַכט דאָס פענסטער:

ס׳ווערט קאַלט.

ער האָט אַ קוק געטון צום שלאָפנדיקן קינד און דאָס גוט איינ־געדעקט מיטן קישעלע אַרום און אַרום. דאָס קינד האָט זיך אַ ריר געטון.

— שלאָף, שלאָף, מיין טייער שעפעלע . . . .

און ער האָט לייכט באַרירט מיט די ליפּן דאָס שלאָפנדיקע קליינע ראָזעווע נעזל, מיט דער גאַנצער שטומער צערטליכקייט פון די טאַטעס, ווען זיי טוען אַזוינס בגנבה.

פון די אַלע זאַכן, וואָס ס׳דאַכט זיך געוויינטליך, אַז מ׳וואָלט באַדאַרפט פון זיי טראַכטן, טראַכט מען גישט. און ס׳איז גאָלובניקן געווען אָנגענעם אַרויסצוקוקן דורכן פענסטער אין דער ווייטער גאַס אַריין, וואָס דאָרט צווישן די איילענדיקע מענשן איז דאָ עפּעס זיינס אויך. ס׳גייט דאָרט אסתר. זי גייט דאָרט ווי דער שטייגער איז דעם קאָפּ אַביסל איינגעבויגן און זי האָט ליב זיך אָבצושטעלן און צו קוקן אין די גלאַנציקע רייכע שויפענסטער. אָט דאַרף מען אין עק גאַס איבערוואַרטן אַ לויה, וואָס קומט אָן. די שטייענדיקע שוואַרצע פעדערבושן אויף די שוואַרצע פעדער־קעפּ טרייסען זיך אַביסל, און ס׳דאַכט זיך, אַז דער אַנטרייבער אין די שוואַרצע הענטשקעס מיט זיין גרויסן דריי־שפּיציקן הוט וועט אַראָבפאַלן פון זיין צו־הויכן זיץ. פורן פאָרן, אויטאָמאָבילן לויפן אַהין און אַהער, שרייען, פילדערן אויף אַלע קולות גלייך אין אויער אַריין און אין מיט וועג שטייט דער פּאָליציי־מאַן און קאָמאַנדעוועט קונציק־שטרענג שניידנדיק שאַרף מיט ביידע צוּעפּנטע הענט־קאַנטן אין דער לופט: אַהין און אַהער, אַהין און אַהער, און באַפעלט מיטן בליק צו וואַרטן,

אָבער ס'ציט דוקא אריבערצולויפן דעם וועג, פונקט פארן אָניאָגענ' דיקן טראמוויי.

— מ'זאָל זי כאָטש נישט איבערפאָרן ערגעץ דאָרט . . .

און שוין זעט גאָלובניק, ווי אַ לויפנדיקער טראַמוויי טוט זיך פּלוצים מיט אַמאָל, אַ גרילצנדיקן רוק און בלייבט שטיין. פון צווישן די רעדער שטעקט אַרויס אַ שטיקל נאָס מיט אַ צובלוטיקטן מאַכטלאָזן זאָק. פון אונטן שטייט אַ גאַנצע רייע אָנגעיאָגט אָבגע' שטעלטע טראַמוויי־וואגאנס. מ'בויגט זיך פון זיי אויס בייגעריקייט. די קאָנדוקטאָרס, בלאָע בייזע האַלטן די פייפערלעך אין מויל, די הענט אין די קעשענעס און וואַרטן גלייכגילטיק. זייערע הערצער פרייען זיך. ס'לויפט עמיץ צום ערשטן, מ'שטופּט זיך, ס'ווערט אַ געזעמל.

— די צייטונגען שרייבן כסדר „נישט לויפן", „נישט אַראָפּ' שפּרינגען" פונם טראַם און זיי טוען זייערס, לויפן שפּרינגען און ווערן געהרגעט. ס'געשעט זיי שוין רעכט . . .

זאָגט יענער אַלטיטשקער אין אַ בלאָען קאַשקעט מיט אַ פּעקל אויף די פּלייצעס, וואָס מוז תמיד זיין דערביי. הענט און אַקסלען טוען זיך וויכטיק אַ שפּאַר, דער וואָגן הויבט זיך אונטער. מ'שלעפּט אַרויס — אסתרן. דאָס טויבע פּנים איז ווייסער און דינער פון פּאַפּיר, די אויגן צוגעמאַכט, ווי ביי אַ טויט אָבגעפליקט הינדל, אין די האָר צונויפגעקלעבטע אין בלוט, שטעקט אַ שטיקל בלאָטע. גאָלובניקן ווערט הייס און שטערן. ס'טיאכקעט שווער זיין האַרץ־גריבל.

— טפו זאָל דאָס ווערן.

ער עפנט גיך דאָס פענסטער, בייגט זיך טיף אַרויס און מאַכט זיך צוויי מאָל צורעכט די בריל אונטער די אויגן. פון דער ווייטנס דאַכט זיך גייט אסתר. ס'דויערט לאַנג ביז יענע קומט גאָר נאָענט.

אָבער ס׳איז נישט אסתר. ס׳איז אַן אַלטע פרוי מיט אַ קיישל אויפן קאָפּ. דאָס קיישל שטייט אַליין אויפן קאָפּ.

— מאָדנע, ס׳פאַלט נישט אַראָב . . . .

ס׳נעמט טונקלען. אַ מענש אין ווייסן כאַלאַט גייט אין דרויסן מיט אַ לאַנגען שטעקן, וואָס אויפן שפּיץ ברענט אַ בלאָ פֿייערל, און ער צינדט אָן די לאַמטערנס. דאָס ציטערן פֿון זייערע קלאָרע בלאָ־גרינלעכע פֿלעמלעך אין דער אָוונט־דעמערונג רופֿט די פּאַרלוירענע פרעמדקייט, וואָס לאָזט זיך שווער אַראָב אין דער טיפעניש פֿון געמיט, ווי אַ שטיין וואָס פאַלט טויב אַריין אין אַ טיפֿן פינס־טערן ברונען.

גאָלובניק האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ. אויף דער טונקלער סטעליע איז געוואָרן אַ קיילעכדיקער ליכטיקער פלעק, וואָס האָט שוואַרצער געמאַכט די שאָטנס אין די ווינקלען. דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט. מיטן פויסטל האָט דאָס שטאַרק געריבן זיין קליין, קיילעכדיק נעזל. דער מאַמעס נעזל און די אויגאַלעך זענען געוואָרן אויסגעוואַשן, קלאָר. גאָלובניק האָט דאָס גענומען אויף די הענט, אַ וואַרעמס און אַ לאַכנדיקס אין דעם קורצן סטענדל. דער טאַטע קיצלט די קליינע מיט אַ פינגער דאָ און דאָרט:

— קיץ . . . קיץ . . קיץ . . .

ביידע לאַכן. גאָלובניק לאַכט הויך מיט זיין הירזשעדיקן געלעכ־טער און די קליינע קוויטשעט אונטער, און ס׳זעט זיך איר אין פיסקל די דריבנע, ווייסע, שוואַכע ציינדלעך, אויבן צוויי און אונטן פיר.

— פּ אַ פּ אַ . . . מ אַ מ אַ . . .

די הייסע שווערע צערטלעכקייט צו די צוויי טייערע שוואַכע נפשות, צו דער מוטער מיטן קינד, וואָס זענען דאָס איינציקע פאַרמעג, דאָס איינציקע אייגנס, מאַכט וואַרעם די האַלב־טונקלקייט

אין שטוב און דערהיצט דעם שטערן מיט א מעכטיקן פאַרלאַנג זיי צו דערהאַלטן, צו דערפרייען.

— לאָמיר נאָר זען, וואָס ס'טוט זיך עפּעס מיטן אויוון . . .

ווי מורא האָבנדיק, אַז ער זאָל אָן עפּעס שטאַרק וויכטיקס נישט פאַרזוימען, האָט גאָלובניק גיך אַנידערגעזעצט די קליינע און איילנדיק מיט ביידע הענט גענומען אַרומטאַפּן דעם אויוון, צופינטעלדיק בשעת מעשה מיט איין אויג, ווי אַ דאָקטאָר וואָס טאַפּט אַרום דעם לייב פון אַ חולה. דער אויוון אין ווינקל האָט, ווי תמיד, שטום געגלאַנצט מיט זיינע גרינלעכע קאַלטע קאַפליעס און געפילט זיך פון קאַלטן אָבגעשטאַנענעם רויך.

— מ'וואָלט באַדאַרפט אים צורעכט מאַכן . . . אויסרייניקן, געטריי, מיט די אייגענע הענט . . . איינמאָל פאַר אַלע מאָל . . .

דער געדאַנק איז גאָלובניקן געפעלן געוואָרן. ער האָט געזען, ווי אסתרס זיין וועלן צופרידן-פייכט שמייכלען, ווען זי וועט אַהיימקומען אין דער אָנגעהייצטער פריילעכער שטוב:

— זייער גליך האָסטו געטון, נפתלי!

— אַ, ס'איז אַזוי קאַלט אין דרויסן . . .

ער האָט גיך אויסגעטון דעם ראָק, אַרומגעבונדן אַ שמאַטע אַרום קאָפּ און גענומען זיך צו דער ארבעט מיט חשק, איין-מאָל פאַר אַלע מאָל אים גרינדלעך אויסצורייניקן, דעם אויוון, געטריי, מיט די אייגענע הענט . . . און נפתלי גאָלובניק האָט אַראָבגעריסן ציגל, אַרויסגעשלעפּט אַן אייזערנע שטאַנג, געקנעטן ליים, געקערט מיטן בעזים און געהאָרעוועט ווי אַן אייזל. נישט זייענדיק געוווינט צו קיין קערפּערלעכער ארבעט, האָט ער געסאָפּעט און געקרעכצט, די פּיס האָבן אים ווי געטון, די ביינער געבראָכן, אָבער ער האָט געאַרבעט, אַלע מאָל באַשפּייענדיק זיך די הענט, געקרעכצט און געהוסט און ווייטער געאַרבעט, פּונקט ווי דאָרט אין דער היים דער טאַטע אין דער שפּיצי'

קער צוגעקלעבטער יארמולקע, מיט דער שלאפער אונטערגעבונדענער באָרד, האָט אויפדערנאַכט, הוסטענדיק און קרעכצנדיק, פאוואָליע אָנגעבויגן, אז די לאנגע ציצית פונם לייבצודעקל האָבן דערגרייכט די שטיול, שווייגנדיק, צוזעגט און צוהאַקט א גאנץ פירל האָלץ, ער, נפתלי, האָט אינאיינעם מיט די ברידער זלמן און נחום די שייטלעך צונויפגעלייגט אונטערן אויוון גלייך, איינס אויפס-אנדערע, אונטערן הייסן אָנגעהייצטן אויוון, דער בלויליכער קאַלעך גלאַנצט אויף אים פריינדלעך, פארסמאָלצעוועט-אָבגעריבן פון די הענט און פלייצעס, וואָס טאפן אים, רייבן זיך אן אים מיט הנאה. די געבראָטענע בולבעס שמעקן שארף מיט א געשמאקן צוגעברענטן ריח, וואָס מ'פילט נישט דערנאָך אין גאנצן לעבן מער אזעלכן. דאָס אָבגעבראָכענע פאר׳ רייכערטע לאָמפּ-גלעזל איז פארקלעבט מיט א שטיקל פּאפיר, וואָס באשיצט געטריי פאר דעם וואָיענדיקן ווינטער-ווינט אין דרויסן, אונטער די פּארשיטע, מיט אייז פארקאָוועטע, בלינדע גראָע פענסטער.

— ס'נעמט א פראָסט אויף ביינאכט, . . .

זאָגט די מאמע פון אונטערן אויוון, געררויטלט אין היץ, און זי פליקט גיך גיך די פעדערן פון דער זשמעניע אין דער זיפּ אריין, קוים מיטן אויג צו דערכאפּן.

גאָלובניק איילט זיך פארטיק צו מאכן, אויסרייניקן דעם אויוון, נאָך איידער אסתר קומט אהיים. איצט וואָלט ער געוואָלט, אז זי זאָל קומען אביסל שפּעטער. אָבער אלעמאָל, ווען ער דערמאָנט זיך, אז זי איז נאָך נישטאָ טוט אים א טיאכקע אין הארץ. ער קלאפּט, שארט און קערט די סאזשע מיט אלע כחות, ס'קיצלט אים אין די שפּיץ פּייגזער הויז גרויס איילעניש. איין אויער פלאַמט אים און אין דער פיי[illegible]ע גל[illegible]קייט פון דער סאזשע, פילט ער אין די הענט יענע זעלטענע דין-ציטערדיקע פרייד פון דער יצירה, ווי ס'פילט זי נאָר

דער קונסטלער, ביים שאַפֿן זיין ווערק . . . . .

די אַרבעט איז געווען פֿאַרטיק און גאַלובניק האָט שטייענדיק אויף די קני אונטערגעהייצט דעם אויוון. די שפּענדלעך האָבן גע־קנאַקט, די פֿלאַמען האָבן געהודזשעט, זיך איילנדיק איינגעשלינגען אין פֿריילעכער רויטער ליכטיקייט, וואָס האָט אַרומגעטאַנצט אויף דער וואַנט אַנטקעגן. דער אָפּשיין פֿונם גליק. ס׳דערהערן זיך טריט אויף די טרעפּ. באַקאַנטע געליבטע טריט. אסתרס טריט. אָבער עפּעס זענען די טריט לייכט. פֿאַרזיכטיק־שאַרנדיק, שטילע, פֿאַרדעכטיקע טריט. אַז מ׳הערט אַזוינע טריט, ווייסט מען, אַז ס׳איז געשען אַ אומגליק. אסתר איז אַריינגעקומען אין געבליבן שטיין גאָנץ, גאָר באַנט ביי דער טיר. גאַלובניק האָט אַביסעלע צוגעפּנט דאָס מויל. מיט איין האַנט האָט ער אונטערגעהויבן דעם לאָמפּ. און אויפן ערשטן קוק פֿון דערווייטנס האָט ער אַלץ דערזען.

— שאַ, נפֿתלי, שריי נישט . . . .

גאַלובניק האָט באַקאַמאָל אונטערגעהויבן דעם לאָמפּ, וואָס האָט זיך אַביסל געטרעסעט אין זיין האַנט און מיט אַ שווערן האַלב צוגעדושעטן קול, הייזעריק פֿון פּלוצימדיקן שאַרפֿן שרעק, ווי ביי אַ נישט־דערקוילעטן האָן, האָט ער אַ געשריי געטון:

— ווו ביזטו געווע — ע — ע — ן?!

דאָס ווייב האָט אַ כאַפּ געטון דאָס קינד אויף די הענט, און זיך קלענער־מאַכנדיק ווי זי וואָלט זיך וועלן באַהאַלטן אונטער דעם, האָט זי דאָס געהאַלטן פֿאַר זיך, צוגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע צו דער טיר און נישט אַראָפּלאָזנדיק אַן אויג פֿונם מאַן. אין דער ערשטער רגע האָט זיך איר געגלוסט צו לאַכן פֿון אים, ווי ס׳גלוסט זיך געוויינטלעך צו לאַכן, ווען מ׳זעט, אַז עמיצער טוט פּלוצים אַ פֿאַל אין דער בלאָטע אַריין. און גלייך זי וואָלט זיך ערשט איצט אַליין דערוווסט וואָס זי האָט דאָ אָפּגעטון, האָט זי געפּרובט לייקע־

ייך אָן עפּעס אַ מעשה, וואָס האָט מיט איר געטראָפן. אַ נאַרישקייט, אַ צופאַל. עפּעס דאָרט אַ שלים-מזל האָט זיך אין גאַס צו איר צוגעטשעפּעט, האָט אַזוי לאַנג געראַנגלט און געשלעפּט זי, ביז ער האָט זי פאַרשלעפּט מיט זיך ערגעץ דאָרט, ווייס איך ווו — און ס'איז געשען . . .

נפתלי האָט נאָך אַלץ געהאַלטן דעם לאָמפּ אין דער האַנט, וואָס האָט זיך פאַר שוואַכקייט אַביסל געטרעסעט.

— דערציייל דעם ריינעם אמת . . . נאָר דעם אמת . . .

אָבער ער האָט שוין נישט געהערט ווי זי דערציילט גיך, גיך ציטערנדיק מיט דער אונטערשטער ליפּ פון דער שרעק, וואָס האָט אויף איר אַראָבגעקילט פון זיינע טויטע גרויסע קיילעכדיק-שווערע האַרנבּרילן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי נישט אָנגעצונדענע לאַמטערנס פון אַן אויטאָמאָביל, דעם אמת, דעם שרעקליכן ריינעם „אמת", וואָס האָט נאָך פריער אין זיין געמיט אַ לייכטן שאַרפן קנאַק געטון, ווי אַ הייס לאָמפּ-גלעזל, אַז ס'האָט געכאַפּט אַ שפּריץ קאַלט וואַסער.

— וואָס בין איך שולדיק . . . .

האָט געזאָגט דאָס ווייב.

אַ דינער בושה-געפיל האָט זי איצט געפּייניקט. נישט דאָס וואָס זי האָט אָפּגעטון נאָר עפּעס אַנדערש. זי האָט זיך דערמאַנט, ווי אַזוי זי האָט ערשט מיט אַ שעה צוריק, בשעת אַריינגייענדיק ערגעץ דאָרט מיטן שלים-מזל, מיט די פאַרדרייטע שוואַרצע וואָנצאַלעך, אין דער האַלב-טונקלקייט פונם „האָטעל"-קאָרידאָר, זיך געוואָלט אַ שפּיגל טון אין אַ פענסטער און אונטער דעם פּלוצים דערזען דאָס פּנים פון אַ פרעמדן מאַנזביל. אָט די דערמאָנונג אין דעם פאַרשעמען זיך דאָרט, האָט איצט לייכט צונויפגעצויגן די ווייסקייט פון איר שטערן אין קליינע שאָטנדיקע קנייטשלעך, און ווי געוויינטלעך ביי מענשן, בשעת ס'קומט זיי פּלוצים אויפן זינען אַ באַגאַנגענע

נאַרישקייט, האָט זי טיף אַ אָטעם געטון מיט דינער בייזקייט:
— וואָס קוקסטו עפּעס אַזוי וואָס . . . .
דאָס קינד, ביי איר אויף די הענט, וואָס האָט שוין פון פריער געבראָכן דאָס פּיסקל, האָט זיך צעוויינט אויפן קול מיט אַ געשריי. איצט איז די מוטער אַרויס פונם ווינקל מיט באַניינטע כחות, גלייך דאָס געוויין פונם קינד וואָלט זי אויפגעוועקט פון אַ שלעכטן חלום און זי האָט זיך גענומען צו דער באַלעבאַטישקייט. ווי געוויינטלעך האָט זי זיך אויסגעטון די שיך און די קליינע ווייסע גראָבלעכע פיס אַריינגעשטעקט אין די ווייכע פּאַנטאָפל, וואָס דער קנייטש ביים קנאָפל פון איין פּאַנטאָפל איז איצט געווען אויסגעגלייכט. די הענט האָבן אַרומגעטאַנצט וואָרעם היימלעך איבער די טעפּלעך, זי האָט זיך געפּאָרעט, געקאָכט, געהאָדעוועט און איינגעשלעפערט דאָס קינד, אויספילנדיק מיט איר ווייכן פולן קערפּער די ליכטיקע שטוב׳ וואַרעמקייט, וואָס איז געווען אומהיימליך איינגעצויגן אַרום דעם גליִענדיקן אויוון. הייס, הייס האָט ער איצט געוונקען דער אויוון מיט זיינע גרינלעכע קאַפליעס, ליכטיק געברענט און זיך נישט גע׳ רויכערט . . .
— שאַ, נפתלי, וועק נישט אויף דאָס קינד, שאַ שריי נישט: . .
אָבער נפתלי גאָלובניק איז געווען שטיל. ער האָט גאָר נישט געשריגן. ער איז געזעסן אויפן קאַנט פון בעט איבערגעבויגן, מיט זיין לאַנגער אַביסל האָרבאַטער פּלייצע, דעם קאָפּ באַהאַלטן אין ביידע הענט, און צו זיך אַליין געקרעכצט מיט אַן אויסגעצויגענעם תחנה־נגון:
— ווו ביזטו געווען און וואָס האָסטו געטון און ווו ביזטו גע — ע — וו — ע — ע — ן . . .
דאָס קרעכצן איז אים אָנגעקומען שטומפּיק־שווער. ער איז געווען מיד־אָבגעמיטשעט פון דער אַרבעט און צעוואַרעמט. אין איין

האַלבן קאָפּ, אין דער שלייף, האָט ווי געטון, ווי אַ קליין שטומפּיק טשוועקל וואָלט דאָרט געבויערט. זיין שטומפּיקער קרעכצן איז געוואָרן אַלע מאָל מער צוגעפּלעטשט, אויסגעצויגענער, און איז איבערגעגאַנגען אין אַ מיד געוויין, אַ שטיל כליפּען, וואָס קומט אַליין פון זיך, אָן ווילן, פון רדמנות, פון רחמנות צו זיך אַליין און צום אָרימען איינגעבויגענעם טאַטן, וואָס איז געשטאַנען יום־כפּור אין שול־ווינקל ביי דער טיר אין די בלויזע זאָקן פון באַגינען ביז די שטערן האָבן זיך געצונדן, דעם אָרימען געל־פאַר־סמאָלצעוועטן טלית, טיף אַראָבגעלאָזט איבערן קאָפּ און ער האָט געזאָגט, געזאָגט פונם קויטיק־געלן צושיטן מחזור, וואָס איז האַרב פון טאַבעקע:

— שמץ קת . . . תקף . . . ודף . . . ועטה . . .

די ווערטער פאַלן ווי הייסע האַרטע שטיינדלעך, געזאַלצענע איינגעטונקענע אין די הייסע טרערן, וואָס קאַפּען פונם טאַטעס צוויאַטערטע אויגן מיט די גערויטלטע ברעגעס, און זיין שלאַפּע באָרד טרעסעט זיך. ס׳שמעקט שרעקיק מיט טשאַ־נעם חלב אין די טעפּלעך זאַמד, זאָגנדיקע יידן, פּאָריך, תענית און חלשות־טראָפּן, וואָס דרייען האַרב אין דער נאָז. און די איינגעגעסענע אויסגעווייטיקטע יום־כּפּורדיקע נגונים, וואָס האָבן איצט האַרב געדרייט אין דער נאָז, האָבן אַרויסגעפּרעסט די טרערן פון גאָלובניקס אויגן, אונטער דער בריל, און אַרויסגעשטופּט דאָס הייזעריקלעך־אָבגעהאַקטע כליפּען פון זיין האַלז אַרויס. און אין דעם געיאָמער פון דעם גרויסן מענשן, מיט דער שוואַרצער שמאַטע אויפן קאָפּ, פון דאַנעט ס׳האָט אַרויסגעשטעקט זיין גרויסע מעכטי־קע טויט־ווייסע נאָז, וואָס איז געווען איצט אַביסל איינגעריכט פון סאַזשע, איז געווען די גאַנצע שרעקליכע לאַכהאַפּטיקע אָבהענגיקייט פון דער מאַנסביל׳ישער קראַפט, וואָס איז צוגעקאָוועט צו דעם

חילן פון דעם אַנדערן מין, ווי אין דעם שרעקיק=לאכהאפטן גע'בייזער פון דעם פּאַפּאַגיי אין טיר=גאָרטן, וואָס איין פּיסל איז ביי אים צוגעקאָיועט צו דער אייזערנער שטאַנג, אויף וועלכער ער שטייט און שרייט פון זיין קרום=שאַרפן פּיסק מענשליכע קולות.

אלע מאָל, אַלע מאָל האָט אויסגעשלאָגן דער ווייטער טורם=זייגער אין דער קלאָרער ווינטערדיקער נאַכט=שטילקייט. דאָס טויבע פאַרלוירענע ברומען אין דער ווייטקייט, האָט שווערער געמאַכט די טיפע פאַרטראָגנקייט, און אַראָפּגעדריקט דעם נפש, איינגעטאכמירעט אים אין מידן וואַרימען ווינקל, אין די ד' אמות פונם לעבן, וואָס האָט זיך זיינע סודות און זיינע דרכים. און פון דאָרט אַפּיר האָט איצט גאָלובּניקן געוונקען, איינגעשפּארט, געבלענד אין די אויגן אַריין זיין ווייבס דורכזיכטיק געראויטלטע פּלייצע=הויט אין בעט, וואָס האָט געצויגן צו זיך אין הייס=געלן ליכט=שיין, גלוסטיק נישט צום באַצווינגען.

— נפתלי, פאַרלעש נאָך נישט דעם לאָמפּ . . .

האָט זי געזאָגט מיט דער גאַנצער, הייס=ווייכער נאַכט=מידקייט אין די גראָבלעך=ווייסע פיס. אָבער נפתלי האָט זיך צוגעאיילט. ער האָט גיך פאַרלאָשן דעם לאָמפּ מיט איין בלאָז: פו — ו — ו — ו, גיך גיך צוגעריקט זיך צו זייער פולער ציִענדיקער הייסקייט, מיט דערוואַכטן איילנדיקן באַגערן וואָס האָט נישט דערלויבט זיך הייגט צוצוהערן ווי אויבן, דורך דער סטעליע, קריגט זיך דער היטל=מאַכער מיט זיין ווייב:

— אַרויס פון מיין שטוב! . . .

זומער-לעב

1

— נאַ . . . אָטאָסטו . . . אָ . . . נאַ . . . ווּ ביסטו ערגעץ ווּ, יידענע? . . . אָטאָסטו אָ . . . נו . . . וואָס זאָגט מען דער צו וואָס? . . .

און גלייך, ווי נישט ער, נאָר דאָס ווייב איז שולדיק אין דעם, וואָס ער האָט פּונקט, ווי יעדעס יאָר פּסח-צייט, מיט זיינע גרויסע, צעדרייטע, האַרטע שטיוול צעטרעטן דאָס הינדעלע, האָט דער אַלטער ר׳ זלמן-הערש זיך געבייזערט שרייענדיק, ווי זיין שטייגער איז געווען, הויך און אומפאַרשטענדלעך פאַרשלונגען מיט זיין וויינענדיק-קרעכצנדיקן קול. ער איז געשטאַנען אויף דער בלאָטיקער, קרומער, אַביסל צעפּוילטער שוועל און די טיר איז היינט צום ערשטן מאָל געווען איינגאַנצן אָפן. פון דער זייט, קרום, מיט איין אויג, האָט ר׳ זלמן-הערש געקוקט אויף דעם קליינינקן, געלן, טויטן הינדעלע מיטן בייכל אַרויף.

צו די הינדעלעך האָט זיך די יידענע נישט געטאָרט מישן. ער אַליין, ר׳ זלמן-הערש, האָט זיך ליב געהאַט מיט זיי צו פּאָרען. נאָך אינמיטן ווינטער האָט ער אַכטונג געטון, אַז די הינער זאָלן זיך נישט אַרומדרייען אָן אַ האָן. טרעטנדיק מיט די שטיוול ביז צו די קני אין שנײ אויפן ווייסן גאָרטן, איז ער נאָכגעלאָפן דעם האָן ביז יענער איז מיד געוואָרן צו זינקן ביז צום בויך, האָט ער זיך אַליין אַנידערגעזעצט, פאַרלייגט די רויטע קאָם, האַרט, בלוילעך אַביסל פון פראָסט, האָט דער האָן געוואַרט ביז דער ייד איז צוגעקומען, זיך אָנגעבויגן, די נאָז גערויטלט, די באָרד צעשפּרייט, גענומען אים און אַרייַנגעטראָגן אין שטוב אַריין צו די הינער. שפּעטער אַביסל האָט ר׳ זלמן-הערש פּאַוואָליע דורכגעקוקט די אייער אין דער

זשמעני אַקעגן פאַרפרוירענעם ווייסן פענסטער, וואָס די זון האָט דורכגעשיינט דורכן אייז. צוגעקוועטשט איין אויג האָט ער לאַנג געזוכט אין די ראָזיקע אייער דעם טונקל-גרינליכן פלעק פונם נפש אין זיי. און אַז די הין איז שוין געזעסן אויף זיי איינגעבעט אין שטרוי אין דער ג.לטער זיפ, האָט ר׳ זלמן-הערש זי צוגעדעקט פון אויבן מיט דער נייער זיפ און ער האָט אַכטונג געטון, אָנגעבויגן שטום אַלע מאָל, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז די קוואָטשקע זאָל נישט צעקוועטשן אַן איי.

אָבער זי האָט נישט צעקוועטשט.

צוזאַמען מיט דער קוואָטשקע האָט ר׳ זלמן-הערש דערפילט, ווען די הינדעלעך, נאַסע, צונויפגעד־ייטע מיט לאַנגע, שאַרפע פיסלעך און לאַנגע העלזלעך אָן פעדערן האָבן גענומען אינעווייניק, אין איי, פּיקן מיט די לאַנגע שאַרפע, לעבעדיקע פיסקלעך. לייכט, לייכט האָבן זיי געקלאַפּט אין דער דינער טיר פון דער וועלט. דאָס איי שפּאַלט זיך און ס׳דערזעט זיך דאָס נאַקעטע קעפּל מיט די לעבע׳ דיקע אייגלעך. די קוואָטשקע שאַרט דאָס טיפער אַרונטער אונטערן וואַרימען באַפעדערטן בויך אירן. ר׳ זלמן-הערש נעמט דאָס הינדל באַלד אַרויס פון דאָרט, באַדעכטיק מיט די גראָבע פאַרהאַרטעוועטע האָריפּאַשנע הענט ווי א באָבע. ער לייגט דאָס אַריין אין טאָפּ שטעלט אים אַרויף אויפן וואַרעמען פּעקאַליק און צודעקנדיק דעם טאָפּ מיט זיין אַלטער בעקעשע, אַז דאָס הינדעלע זאָל זיך אָבטרו׳ קענען און אויסוואַרעמען, — פאַרציט זיך זיין צוגעקוועטשט אויג צווישן דער געדיכט האָריקער ברעם מיט אַ באַהאַלטן שמייכעלע. ער שאָקלט דעם קאָפּ און זאָגט, ווי אַלע יאָר, צו זיך אַליין:

— איי . . . איי . . . נו . . . זיין ליבן נאָמענס נסים . . .

די הינדעלעך, קליינע, געלע, שיינע ווי געמאַכט פון וואַטע, מיט דער האַנט פון אַ קינסטלער, לויפן שוין אַרום אין שטוב

אונטערן טיש, אונטערן בעט, פיקן גרויפּן, שטיקלעך ברויט, אַ האַר־טע אַרבעס נישט בייצוקומען. ווי לעבעדיקע, לויפנדיקע, זון־פלעקן זען זיי אויס. די קוואָטשקע שאַרט צו מיטן פּיסק, שרייענדיק, די אכילה און ר׳ זלמן־הערש טוט אַלע מאָל אויף זיי אַ קוק. ער דער־קענט, אַז די ווייכע, די קיילעכדיקע זענען הינער, וועלן לייגן אייער. די לענגלעכע, די דאַרע זענען העגער. מיט איינעם פון זיי, אַ גרויסן, אַ שטאַרקן, אַ ווייסן מיט אַ געל־גאָלדענעם האַלז, וועט ער שלאָגן כפרות, אַז דער אייבערשטער וועט שענקען דאָס לעבן. ער וועט זאָגן דעם „בני - אדם", אַריינקוקנדיק מיט די גרויסע אייזערנע ברילן אין צופליקטן גראָבן סדור אַריין. דער האָן, די פיס געבונדן, קוקט אויך אַריין און שוויגט שטיל מיט נייגעריקייט וואָס דער סוף וועט זיין. אָבער אַז דער ייד נעמט מיט אים דרייען הויך איבערן קאָפּ: „זה חליפתי . . . זה כפּרתי" ווערט דער האָן בייז, דער־שמעקט דעם חלף און נעמט שרייען הייזעריק־דערשראָקן, רייסן און שלאָגן מיט די שטאַרקע פליגל ביז דער ייד טוט אים אַ וואָרף אַרונטער אונטערן טיש און אַ קיש דעם סדור.

די הינדלעך, דערשמעקנדיק די זון, לויפן איבער די שוועל אין דרויסן אַרויס. פליאַנטערן זיך אונטער די שטיוול. ר׳ זלמן־הערש טוט אַכטונג נישט צו צעשעדיקן זיי. ער דרייט זיך פּאַוואָליע, בייגט זיך מיט שווערקייט, מייד אויס און שפּאַנט ברייט אַריבער די שוועל. איין הינדל בלייבט ליגן צעטרעטן טויט:

— שוין . . . — זאָגט די יידענע.

ר׳ זלמן־הערש קוקט און שווייגט.

די קוואָטשקע, ווייך אָנגעבלאָזן מיט ליידיקייט, די אָפּגעשוואַכטע פעדערן קויטיק־צעשויבערט, האָט דערמאַנט אַ ברייטע פאַרזאָרגטע יידענע, וואָס שטייט ערשט אויף פון קימפּעט און זי איז אַלע מאָל, מיט אַראָבגעלאָזטע פליגל און שרייענדיק פון צער, געקומען

אָנגעלאָפּן פון דרויסן און אונטערשפּרינגענדיק מיט ווילדקייט אין די אויגן האָט זי מיטן שאַרפן, שפּיציקן פּיסק געציילט די הינדלעך און דערנאָך בייז מיט אים געהאַקט ר׳ זלמן־הערשן אין די כאַליעוועס אַריין. און בשעת זי האָט אַרומגעטאַנצט מיט די שפּיציק־שאַרפע פּיס צווישן די קליינע, געלע, פּעכקע הינדעלעך, האָט ר׳ זלמן־הערש מורא געהאַט, אַז אָט־אָט וועט זי איינס צעטרעטן. אָבער זי האָט נישט צעטרעטן.

דער ייד האָט אָנגענומען דאָס טויטע הינדעלע, וואָס איז נאָך געווען וואַרעם, ביי איין פּיסל, כדי עס אַרויסצוואַרפן אין דרויסן אויפן מיסט. ביים אָנבייגן זיך, האָט ער פּלוצלינג שטאַרקער, ווי דעם גאַנצן ווינטער, דערפילט זיין שטומפּיקן שווערן ווייטיק און בשעת ער האָט זיך פאַרדעכטיק אַ טאַפּ־געטון פון אונטן אויף די הויזן, איז אים באַפאַלן יענער באַהאַלטענער טונקעלער פּחד, וואָס זיין גאַנצע אמתע שווערקייט פילט נאָר דער חולה אַליין: דער פּחד פאַרן טויט.

— דבורה! ווו ביסטו ערגעץ? נו האַ . . . זע נאָר . . . — האָט ר׳ זלמן־הערש פּלוצלינג אַ געשריי געטון מיט אַן אַנדערן געשריי, אַ געשריי פונם חלום, וואָס וועקט אויף זיך אַליין צו דער אומ׳ דערבאַרעמדיקער וואָר.

די אַלטע יידענע האָט געדרייט גרויסע בינטן שטרוי און זיי געררוקט אין פלאַמענדיקן אויוון אַריין. איר ברייט פאַרטוך איז געווען האַרט פון פאַרטרוקענעם טייג און אַלע מאָל, ווען זי איז געקומען אינמיטן פון דעם פייער־עקיגן סנאָפּ זון־שטויב, איז איר פאַרמעליקטע נאָז אויף דער העלפט שוואַרץ געוואָרן.

— טויבער גלאָק! . . .

האָט די יידענע שוין אַ שעלט געטון איר אייביקע קללה, כאָטש ר׳ זלמן־הערש איז גאָרנישט טויב געווען. אַ פאַרחדושטער

האָט דער ייד אַ לאַנגען, שטומען קוק געטון אויף זיין ווייב, מיט וועלכער ער האָט אָבגעלעבט פופציק יאָר ג״ין איין שטוב און מיט איר געהאַט זיבן זין, האַרטע, שווערע, ווי די דעמבעס. דער אייביקער, פאַרחדושטער, פאַרביטערטער קוק צווישן מאַן און ווייב, וואָס קלאָגט זיך אויף דער טרייסטלאָזער פרעמדקייט ביז צום סוף פון די טעג.

ר׳ זלמן־הערש איז אַרויפגעקראָכן אויפן הייסן פעקאַליק. אין גליענדיקן טונקעלן שטויב, וואָס איז געווען געדעכט, אַז מ׳האָט געקאָנט אין אים אַריינשטעקן אַ פינגער, האָט ער זיך איינגעניאָרעט צווישן די טרוקענע, הייסע פאַראַיאָריקע קאָטשאַנעס פון קוקורוזע־דעשטלעך, דאַר־אויבסט און אָנגעוואָרפענע שמאַטעס. און דער ייד האָט זיך מחיה געווען, געוואַרעמט די אַלטע אָבגעהאָרוועטע ביינער אין דער רויקייט פון די אָבגעלעבטע יאָרן, וואָס האָבן נאָר דאָרט זייער ממשות.

לאנג אָבער קאָן אַ ייד נישט ליגן אויפן פעקאַליק. מ׳דאַרף גיין פאַרדינען אַ פאָר גרייצער. און באַלד קריכט ר׳ זלמן־הערש אַרום, אָן אָנגעבויגענער מיטן ליידיקן זעקל אויף די פלייצעס, דאָס צעדרייטע היטל אויף דער יאַרמולקע, די פאָלעס פאַרשטעקט אין גאַרטל צווישן די נידריקע, זאַטע גויעשע שטיבלעך אויף דער אולי־צע. ער קנעט די בלאָטעס, קלאַפּט מיטן קרומען שטעקן אין טויבע שייבלעך, ציענדיק אַ נגון:

— קאָסטי . . . שמאַ — אַ — אַטע — ע — ע — ע — ע —

אַ באָרוועסע גויע אין די פאַרקאַטשעטע רויטע, אונטערגעשטעקטע קליידלעך, כאַפּט אַ קליין חזירל ביי אַ פיסל, וואַשט דאָס, רייבט דאָס מיט אַ וויכיטש שטרוי ביים פאָמעשאַף און אין חזירלס קוויטש אַריין, שרייט זי:

— ניעמאַ ניץ, זשעדי נאַ פּראַדאַש . . .

אַהיימגעקומען מיטן ליידיקן זעקל, עסט ר׳ זלמן-הערש וואַרעמס און נעמט זיך אַביסל אַרומדרייען אין דרויסן. דער גאָרטן איז געווען שוואַרץ און ווייך-אָנגעבלאָזן, צעיוירן. צווישן די נאַקעטע, צעקרומטע ביימלעך ביי דער זייט, האָבן זיך נאָך אויפגעהויבן קויטיקע, פאַר׳ שוואַרצטע שטיקלעך אַלטער שניי, וואָס זענען געווען שוואַך-צופּרעסן, מיט קליינע לעכלעך, די לעצטע סמנים פון טויטן ווינטער, אָן וועלכן ס׳איז שווער געווען זיך איצט צו דערמאָנען. פון דער׳ ווייטנס לייכטן זיך די נאַסע, אָנגערוקטע, צעקרומטע, הילצערנע דעכער און אויף אַן אָבגעטרוקנטן אָנגעוואַרעמט בערגל, הינטער אַ בייכיקער, נאַקעטער, בלאָער וואַנט, האָט מיט אַן אויסגעצויגענעם האַלז געקרייעט אַ האָן, גלאַנצנדיק גאָלדן-בלאָליך פייערדיק-רויט אין דער ערשטער שפּיציקער יונגער זון. פון אַ פענסטער הערט מען דאָרט דומפּיק קלאַפּן די קאַטשלקעס פון די אָנגעבויגענע ווייבער, וואָס קאַטשן מצות און אַז די טיר עפנט זיך דאָרט אַ רגע, רייסט זיך אַ שרייענדיקער געזעמל קולות פריילעך געררויטלט פונם פלאַ׳ מענדיקן אויוון:

— אין אויוון אַריין . . .

הייס איז אין שטוב אונטער דער נידריקער האָרבאַטער היימישער בלאָער סטעליע. דער פלאַם פונם אויוון רויטלט די פּנימער פון די העלפערקעס, די ווייבער און מיידן מיט די פאַטשיילעס אויף די קעפּ, וואָס הוידען זיך איבערן ברעט קנעטן אַ טייגל, קאַטשען מצות. זיי זוגערן ווי די געגנז און מען הערט נישט דאָס מעכטיקע צוגעדודשעטע ווייַנענדיקע קול פונם בעל-בית פון דאַנען, ר׳ שמואל-יאָסיס קול. דער אָנגעבויגענער ייד שטייט אין מיטן שטוב, די פאָ׳ לעס פון דער צופליקטער גריבליכער בעקעשע פאַרשטעקט אין גאַרטל, דעם צעדרייטן קאַפּעלאַטש אָנגערוקט אויף דער יאַרמולקע, אַ קאַטשעלקע אונטערן אָרעם. זיין גראָגערויטלטע באָרד טרעסעט

זיך. די לאנגע נאָז פּלאַצט און ער שרייט:

— מ'ווירט זיך נישט. מ'שפּילט זיך אַ גאַנצן טאָג. מ'ראַבעוועט מיין בלוט אומזיסט. כ'על נישט צאָלן. כ'על נישט געבן אַ גייע גרייצער קייבעם. ווייבער! ווו איז זי ערגעץ די יידינע? וואָס טוט מען נישט אַכטונג! געוואַלט על'ך שרייען. וואָס טוט זיך דאָ עפּעס וואָס?

מ'הערט אים נישט ר' שמואל-יאָסין. מ'ווייסט, אַז דער ייד האָט אַ טבע צו שרייען, כאָטש ער דאַרף נישט. און זי זעט די יידענע זיינע ווי די טעכטער, די שניר, די מחותנתטעס, ברייט-פּנימדיקע ווייבער, מיט מעכטיקע נעז, לויפן צולעמאָל אַן אַנדערע אַרויס אין דרויסן אַרויס אויפן מיסטבערגל ניבע צו טון זייער באַדערפעניש, אָבער אונטערן פּאַרטוך האַלטן זיי באַהאַלטן אַ אויסגעוואַרימט טייגל, וואָס איז חמצדיק געוואָרן. זי מאַכט זיך נישט ווייסנדיק די מאמע און זי האָט נאָר מורא, אַז דער אַלטער זאָל נישט דערזען און נישט דורס זיין מיט זיין שטענדיקן שאַרפן בליק פונם האַלב צוגעמאַכטן אויג אונטער די נאָכהענגענדיקע געדעכטע ברעמען' בינטלעך. דאָס געדעכטע גליענדיקע געזעמל קולות, דאָס היציקע קלאָפּן קלינגט פריילעך אין געמיט, טראָגט זיך אין זוניקער דרויסנדיקער שטילקייט, ווי אַ שיף אויף כוואַליעס. לעכטיקער זונ-שטויב ווערבלט פונם פענסטער, ציטערט אויף די קעפּ, שפּיזט אין די אויגן. נאָר דאָרט אין בעט-ווינקל ווו ס'שיט זיך פּסחדיק מעל און ס'גיסט זיך קלאָר קאַלט און שאַרף פּסחדיק וואַסער, וואָס איז איבערגעדעקט מיט אַ נייעם פּסחדיק טישטעכל, דאָרט אין בלאָטיקן ווינקל איז פינסטער, טרויעריק און שרעקיק. אַ שווייגנ' דיקער שוואַרצער ייד, שטייט דאָרט די פּלייצע שווער אָנגעבויגן, דאָס קויטיקע לייבצודעקל הענגט נאָך איבער די אַראָפּגערוקטע האַרטע צייגענע הויזן, וואָס זענען אונטערגעבונדן נידריקער פונם

בויך מיט אַ שוואַרצן רימען, ביז איבער די בלאַטיק־אַגגעוואַקסענע שטיוול. ער קנעט שטום־שווייגנדיק, שווער מיט בײדע שוואַרצע, האַריקע הענט, די מײרעס. זײן צוגעקלעבטע יאַרמולקע איז פאַר־מעליקט, דאָס שוואַרצע בערדל פאַרפּאַפּט מיט טײג, האַרטן פּסח־דיקן. דאָס פאַרטוך אויף די לענדן פאַרשטעקט אין רימען, יאָגט אָן עפּעס אַ טונקלען פּחד. אַ ערפאַרכטיקייט פאַר דעם יידן, וואָס קנעט טייג, דאָס טועכץ וואָס מ'איז געוווינט צו זען טון יידענעס. ער שווייגט שטום אַ גאַנצן טאָג. הוידעט זיך איבערן בעקן טייג, מיט שווערע כונה, און ס'איז שווער געווען צו שטיין נעבן אים, דעם פעטער הערש און צו גיסן וואַסער:

— נאָך אַביסל, גענוג!

אָבער ביים יינגל מיטן גרינעם פאַרחלומטן נעזל אונטערן צו־ריסענעם דאַשעק, ציטערן די הענט ער גיסט נאָך וואַסער, די מײרע ווערט חמצדיק. דער פעטער הערש באַווייזט אַ שוואַרצע פינסטערע ברוגזע נאָז:

— נאַ . . . שוין ווידער חמצדיק אַ מײרע . . . עך קנעט נישט . . . עך גיי אַהיים . . . מ'דאַרף נישט קיין מצות . . .

ער נעמט אָפּבינדן דאָס פאַרטוך פון די לענדן. דאָס אומגליק און דער שרעק דערפון גליווערט אין די ביינער, דאָס גאַנצע לעבן לאַנג.

שיין און גוט איז פאַר דאס צו שטיין נעבן געל־בערדלדיקן רעדלער און צו קוקן. אָבער ער לאָזט נישט משה־עלי. זיין בלויזער צופליקטער העמד־אַרבל לויפט קונציק, גיך, אַהין און אַהער איבער דער קיילעכדיקער מצה. שורות קליינע לעכערלעך שיטן זיך פון אונטער די פינגער. ער טוט אַ כאַפּ די גערעדלטע מצה אויף דער פלאַכער שוואַרצער צוטראָסקעטער האַנט און אַ קונציקן וואַרף אויף דער צובראָנטער לאָפּעטע וואָס ר' מנשה דער באַגרעבער האַלט אונטער.

ר׳ מנשה שיבט גוט, ר׳ מנשה. אַלע מאָל טוט זיין האַנט אַ טו אויס און אַ טו אָן די האַרטע שפּיציקע יאַרמולקע אויפן שפּיץ־קאָפּ און ער טוט אַ וואָרף די לאָפּעטע מיט איין האַנט אין פלאַמענדיקן רויטן אויוון אַריין מיט יענער באַזונדערער לעבעדיקער, פרייליכער געניטקייט זיינער, ווי ווען ער פאַרשיט די מתים אין די קברים. זיין שוואַרצע באָרד איז גאָלדיק פונם פייערשיין. ער שטאָרקעט מיטן לאפּעטע־שטעקן אין ייִנגלישע צווישן־די־פּיס און די לצנותדיקע קרומע נאָז זיינע, לאַכט הערזשענדיק ווי פון אַ פּאַס אַרויס:

— כאַ . . . כאַ . . האָהאַ — הי הי — וועסט גיין צו מיר אויף שבת ממזר . . . עכ׳ל דעך לייגן שלאָפן אין דרויסן אַריין . . . כאַ . . . כאַ . . הי — הי — האָ הוי — הו — הו . . .

מיט זיסער הייסער קנאַקנדיקער פרישקייט שמעקן שאַרף די מצות וואָס ר׳ מנשה וואַרפט אין קאַסטן אריין און אַז מ׳פאַרגנבעט זיך און מ׳טוט אַ כאַפּ אַ שטיקל אין קעשענע אַריין, טוט זיך זיין האָריק אויג אַ פאַרקוועטש מיט פינסטערער אָבשרעקנדיקייט:

— לייג אנידער . . .

און ער שטייט שוין לאַנג־אויסגעצויגן שוואַרץ־פאַרסאַזשעט מיט דער אונטער־געסמאַלעטער לאָפּעטע געשטרעקט אין דער האַנט, ווי דער מלאך־המות. אָבער מ׳האָט נישט קיין מורא פאַר אים. אין דרויסן לויפט נאָך דער ווייסער גאָנער מיטן אויסגעצויגענעם האַלז און וויל בייסן. דער ראָזע ביינערנער פיסק זיינער איז האַלב׳ געעפנט און סס — ס — עקעט מיט גזלנישער רציחה. די שווערע בלאָטע קנעט זיך ביז איבער די קניעס, לייכטנדיק ווייס אין דער זון, ווי טייג. פון די טריט־גריבלעך שפּריצט וואַסער אונטער די שווערע שטיוול פון אָנגעבויגענע בערדיקע האַרטע איילנדיקע יידן. גוים גיין די פּעלצן איבערגעקערט מיטן פוטער אַרויס, ווי קודלאַטע בערן.

ווייבער די פאַרבלאָטיקטע קליידלעך אונטערגעשטעקט, רייבן אין דרויסן, פאַר די טירן טישן־בענק. די מעסערס אין זייערע הענט שרייען אין קלאָפּן פריילעך. זיי שקראַבען די מילטערס, די אָנגעוואַקסענע טייגיגע לאָקשן־ברעטער, די גאַנצע שט״ביקע יידישע באַלעבאַטישקייט וואָס מ׳טראָגט אין דרויסן אַרויס. אויסגעקראַצטע פּוקסענע פּוטערלעך הענגען ביי נגידישע שטיבער אויף די פּלויטן. דער ווינט מישט גיך די בלעטער פון פאַרגעלטע סטעכלע ספרים אַרויסגעלייגטע צום לופטערן. ס׳שמעקט געשמאַק מיט הערינג־און־ציבעלע מיט איילעניש און אָנקומענדיקן יום־טוב, וואָס קומט שוין דאָרט אונטערן בערגל, ביים עק בלאָען הימל, צו רייטן אויף דער גאָלדיקער זון־לעכטיקייט.

אָבער פּלוצים איז דער הימל אין איין־זייט שוואַרץ געוואָרן. אַ קאַלטער רעגן צוזאַמען מיט שוואַכן שניי, וואָס האָט שוין נישט קיין ממשות, שמייסט קרום פון דער זייט, מאַכט בלוי די נאָז, טרייבט אַריין צוריק אין שטוב אַריין.

— פרעג נאָר, וואָס ער דרייט זיך . . . טראָגט אָן אַ פולע שטוב מיט בלאָטע און שניי.

האָט גערעדט די זלמן־הערשעכע.

אָבער ר׳ זלמן־הערש האָט זיך אויף צו להכעיס געדרייט אַרויס און אַריין פון דרויסן און שטוב, שווייגנדיק, אונטערהינקנדיק, דעם קאָפּ שווער אַראָבגעלאָזט. אונטערן צודרייטן קאַפּעלאַטש האָט מען אַרויסגעזען די יאַרמולקע, אונטן אַביסל, צוריסן, קויטיק. אָן חשק און הפקר האָבן זיינע טריט געקנעטן די נאַכגעביקע פּעטע ערד, וואָס האָט זיך שטיקערווייז געקלעבט צו די שטיוול, און ס׳איז דעם יידן נישט ניחה געווען די נייע אומגערעכטע לעכטיקייט, דער שיינער גרינליך־בלאָער רעגן־בויגן אין עק לויטערן ווארימען הימל, די נייע יונגע זון וואָס האָט באַלד ווידער אַ שפּיזיקן בלענד געטון דורך די שויבן און וואָס טונקלט אין די אויגן פון די

קראַנקע, גלייך זיי וואָלטן געקוקט דורך שוואַרצע ברילן: וואָס, ווער, ווען . . .

און אינאיינעם מיט דעם פֿרישן שפּראָצן פֿון דער ניפֿגעפֿאַרעטער בלאָטע, וואָס האָט איצט אַזוי געשמאַק געוואַרעמט די פּלייצע, האָט זיך אויך געשטאַרקט ר׳ זלמן־הערש, באַהאַלטענער, ציִענדיקער ווייטאָג פֿון אונטן, אָבער ער האָט גאָרנישט געזאָגט. געשוויגן.

— גוט מאָרגן, ר׳ זלמן־הערש!

— אוי . . . גוט יאָר . . .

פֿון יענער זייט גאָרטן איז צוגעקומען דער שכן ר׳ שלמה־מלך, אין דער שפּיציקער יאַרמולקע און אין די הוילע העמד־אַרבל, וואָס האָבן אַרויסגעשטעקט פֿון די אָנגעפּעלצטע לייבלעך איינס אויף ס׳אַנדערע. דורכן פֿאַרקלעפּטן גרינלעכן פֿענסטער זייַנעם האָט ער געזען, אַז ר׳ זלמן־הערש דרייט זיך שוין אַביסל אַרום אין גאָרטן, איז ער אויך אַרויסגעקומען זיך אַביסל אַרומדרייען אין זיין גאָרטן. ביידע שכנים האָבן זיך דערנענטערט צום פּלויט, וואָס איז געווען פֿון אונטן שוואַרץ, צעבראָכן און פֿון־אויבן ווייס, אָפּגעטרוקנט. און ביידע יידן האָבן אים צערטלעך אַ טאַפּ־געטון, איטלעכער פֿון זיין זייט גאָרטן, ווי מען טוט אַ טאַפּ אַן אייגענע בהמה אויפֿן בויך.

ר׳ שלמה־מלך האָט אויף זיין זייט פּלויט אַריינגעשלאָגן מיט דער האַק אַ צוואָק, אַ נייעם, אַ גלאַנציקן. און ס׳איז געווען אַ רחמנות אויף די צוויי אַלטע און שווייַגנדיקע יידן, וואָס פֿלעגן זיך תּמיד פּסח־צייט אין די פֿריערדיקע יאָרן, בעת די זין און די טעכטער זענען נאָך געווען אין דער היים, קריגן און שלאָגן וועגן דעם זעלבען פּלויט, אַרויסרייסן פֿון אים די דרענגלעך און זיך וואַרפֿן אין די קעפּ. די ווייַבערישע קוויטשיקע קולות פֿונם בערגל אַראָפּ, האָבן דאַמאָלס ווי די ערשטע שוואַלבן, אָנגעזאָגט אַז ס׳קומט שוין זומער־לעב.

ביידע יידן זענען געשטאַנען אָנגעבויגן שווער, האַרט און אַלט, זענען זיי ענלעך געווען צו די צוויי אַלטע פעסטעביימער טיף איינגעוואָרצלטע אין דער שוואַרצער ערד וואָס שטיין אָנגעלענט אָן די צעקרומטע דעכער פון זייערע אַלטע האָרבאַטע בלאָע שטיבער.

— איר זוכט כריין אין גאָרטן, ר׳ זלמן-הערש? אַ יאָ האָ? נישטאָ קיין שטיקל כריין . . . וואָס זאָגט איר? . . . כ׳האָב מורא, ס׳וועט אפילו נישט זיין דאָס יאָר קיין שטיקל מרור אויף פסח . . .

— איר האָט עפּעס געקויפט היינט אויף דער אוליצע . . .? מיר האָט דער אייבערשטער באַשערט אַ טכוירל . . . געלויבט איז זיין ליבער נאָמען . . . — הערט איר, אַז דער אייבערשטער וויל צושיקן אַ מציאה, קומט דאָס אין שטוב אַריין. — ר׳ שלמה-מלך רעדט פון זיינעטוועגן אַליין. ער קאָן זיך נישט אָנזעטיקן מיט דער הנאה.

— אַ גוי אַ גנב . . . באַדינג אים און ער קומט נישט . . . דער ווינט רייסט אָב די גאַנצע סטריכע. קרעכצט ר׳ זלמן-הערש פון זיינעטוועגן אַליין. מ׳דאַרף פאַרעכטן דעם דאַך. אונטערביגדן אויפן בוידעם אַ פאָר סנאָפּקעס שטרוי. נייע, פולע, געלע לייכטנדיקע אויפן אַלטן אָבגעריבענעם שוואַרצן דאַך באַוואַקסן מיט מאָך. אָבער דער ייד האָט נישט קיין כח, ער קאָן זיך נישט אַ ריר טון.

אַ פרישער וואַרימער, און רויער ווינט פון אַן אַנדערער זייט, האָט גיך, גיך, געטריבן אויפן הימל גרויסע, שוואַרצע, אָנגעבלאָזענע וואָלקנס, ווי קויטיקע איבערבעטן, וואָס זייער שאָטן האָט זיך טונקל געיאָגט אויף דער ערד, האָט זיך פאַרכאַפּט אין די פאָלעס פון ר׳ זלמן-הערשס אויסגעקראַכענעם האַרטן פוטער און שווער געבלאָזן אין די לאַנגע ווייסע בערד פון ביידע יידן, אויפשטעלנדיק זיי קרום אויף איין קאַנט, האַרט, ווי ברעטלעך. ר׳ שלמה-מלך האָט שווייגנדיק אַרומגעזוכט אין גאָרטן און, געפונענדיק אַלע מאָל אַ

שאַרבן פון אַ צעבראָכענעם טאָפּ, אַ שטיין, אַ האַלבע גרינע פלאַש, האָט ער זיי אויפגעהויבן און אַריבערגעוואָרפן איבערן פלויט צו ר׳ זלמן־הערשן אין גאָרטן אַריין. ר׳ זלמן־הערש ווידער האָט אַלע מאָל אויף זיין זייט גאָרטן געפונען אַ שטיק גלאָז, אַ שמאַטע, אַ פּאַר׳ פּוילטן ביין און באַטאַפּנדיק די חפצים, צי זיי קאָנען נישט צוניץ קומען האָט ער זיי דערנאָך אַריבערגעוואָרפן צו ר׳ שלמה־מלכן אין גאָרטן אַריין. ביים אָנבויגן זיך האָט ער געקרעכצט הויך מיט אַ ניגון מער ווי מ׳דאַרף, כדי אַרויסצורופן רחמנות, וואָס אין דעם ליגט באַהאַלטן אַ גרויסער כיון — פון אָבצונאַרן יענעם.

— אַי וואַי איז מיר געשען . . . וואָס הייבט מען אָן צו טון . . .

אָבער אַזוי ווי ר׳ שלמה־מלך האָט דוקא נישט געוואָלט פרעגן, האָט אים ר׳ זלמן־הערש דוקא גענומען דערציילן:

— עפּעס, נישט פאַר אייך געזאָגט . . . ר׳ שלמה־מלך, עפּעס האָט זיך מיר געמאַכט עפּעס פון אונטן . . . אַ פּנים, אַ מכה . . . האַ? . . . וואָס זאָגט איר.

— אַזוי? . . . אַ מכה? . . . אַי וואַי איז מיר נישט געשען . . . אַ גוט פּעקל . . . פּש — ש — ש, ווו האָט איר ערגעץ גענומען אַ מכה? . . . אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן, טאַטע זיסער . . . מ׳זאָל גאָר נישט געפּרוווט ווערן . . .

ר׳ שלמה־מלך איז געווען אויסער זיך. ער האָט געצמאָקעט מיט די ליפּן פון צער און זיין שפּיץ נאָז האָט געשמייכלט פון באַ׳ האַלטענער הנאה. די הנאה פון די געזונטע, וואָס קאָנען נישט אָנהויבן פאַרשטיין ווי אַזוי מען קאָן פלוצים קראַנק ווערן . . .

— וואָס זשע טוט מען עפּעס? . . . ר׳ שלמה־מלך? האַ? . . . מ׳דאַרף אפשר רופן דעם רופא? אוי . . . צולייגן מיליוטן מיט

ציקוטן . . . האַ . . . וואָס זאָגט איר? אפשר האָט איר עפּעס אַן עצה . . .

— ווייס=עך=וואָס דער רופא... אַ רופא פאַרשטייט גאָר נישט... בעמט צו אומזיסט און אומנישט די צוויי זעקסערלעך און געגנוג... איר פאָלגט מעך ר׳ זלמן=הערש, און גייט בעסער אין באָד אַריין... אין באָד פאַרלירט מען אַלצדינג... נישטאָ קיין בעסערע רפואה ווי אַביסל שוויץ . . . הערט איר . . . האָט געגעדט ר׳ שלמה=מלך און איז אַוועקגעגאַנגען.

קרום מיט אַ האַלבן אויג פון זיין צעדרייטן קאַפּעלאַטש אַפּיר, האָט ר׳ זלמן=הערש לאַנג און מיט רחמנות נאָכגעקוקט זיין שכנס ברייטע, פעסטע פּלייצע, וואָס האָט זיך איצט דערווייטערט אין ווינט. דער אמת, וואָס יענער האָט אַרויסגעזאָגט כדי אים אָבצו־נאַרן, האָט זיך תיכף אין אים באַזעצט ווי אַ פויגל, וואָס האָט זיך דורך דער אומפאָרזיכטיקייט פונם בעל=הבית אַרויסגעכאַפּט פונם שטייגל און זיך זיכער אַוועקגעזעצט אויפן ערשטן דאַך. ר׳ זלמן=הערש האָט פון אייביקע יאָרן אָן פיינט געהאַט דעם רופא מיטן בלאָנדן גויעשן בערדל און מיט די גוטע פאַלשע ריידעלעך, וואָס יענער שיט. וואָס האָט אים געטויגט דער רופא? אָבגעשוירן דעם קאָפּ אַלע ערב=פּסח האָט אים דאָס ווייב מיט דער אַלטער אייזערנע שער וואָס איין שפּיץ איז געווען אָבגעבראָכן. די יידינע האָט פאַוואָליע געשוירן האַרטע ווייסלעכע טרעפּ, וואָס האָבן דערנאָך אַרויסגעקוקט פון אונטער דער יאַרמולקע און געקילט דעם קאָפּ מיט פרישקייט. און דער ייד האָט זיך איינגעשפּאָרט, דריי נייע גרייצער.

זינט ר׳ זלמן=הערש געדענקט זיך, איז ער קיינמאָל נישט קראַנק געווען, ער האָט נישט באַדאַרפט אָנקומען צום רופא הלואי אויף אונז אין אונזערע קינדסקינדער געזאָגט געוואָרן אמן.

2

אין דעם שמאָלן, בלאָטיקן פּאָרהייזל, וואָס מען האָט געמוזט דורכגיין פונם פּינצטערן קעמערל, ווו מען האָט זיך אויסגעטון, אין שוויץ-אַריין, איז מען איצט שוין מער נישט גיך דורכגעלאָפן אַן אָנגעבויגענער, נאַקעט, אַרומגעכאַפּט פון ברענענדיקן פראָסט ווי אין ווינטער. נאָר ס'איז וווּנדערלעך געווען אַ רגע שטיין צו בלייבן און אַ נאַקעטער אַרויסצוקוקן אין ליכטיקן דרויסן אַרויס, וואָס האָט איצט אויסגעזען גאָר אַנדערש, פרעמד, ווייט, אַ נייער דרויסן. און אַז די טיר טוט זיך א פּראַל-אויף כאַפּט אַרום אַ שרפהדיקע, טונקעלע היץ דערשטיקט צו ווערן. בלינד שלאָגט מען זיך אָן דער גרויער געדעכטע פּאַרע, אָן לאַנגע, נאַקעטע, באַוואַקסענע יידן, וואָס שלייכן אַרום רויטע שרייענדיקע, פּאַרען זיך אויף די קרומע גליטשיקע בענק, שטייענדיק און ליגנדיק צוליגט מיט די פּנימער אַראָפּ. דאָס וואַסער גיסט זיך מיט רעש, די פּאַרע זעצט פון דער אָנגעגליטער קופּע שטיינער, העבט, רויטע, פייערדיקע שטרעקן זיך אין דער הויך און טוען מיט אַ באַזונדערן קונציקן דריי אַ וויקל די בעזעמלעך, מיט שרפנדיקער פּאַרע און זיי שמייסן מיט כח די מעכטיקע, רויטע אברים פון פאָרנט און פון אונטן, וואָס דער ווילדער תענוג פון דעם ציט אַרויס יענעם דערלייזנדיקן, אייגענעם יידישן קרעכץ וואָס האַלט אויף דאָס פאָלק אין גלות פון אונטערגאַנג.

— אַ — אַ — גוט! . . . אָי . . . אָי . . . אָי . . .

איינער אַליין, צושטרעקט מיטן פּנים אַראָפּ אויף גאָר דער אייבערשטער באַנק, איז ר' זלמן-הערש געשמאַק געשלאָפן, און אויף זיין מעכטיקן האָריקן רויט-גליענדיקן לייב האָבן פּוּוואָליע הפקר געקאַפּעט, געלע הייסע ברענענדיקע וואַסער-טראָפּנס, ווי צוגליטע טשוועקעס,

פון דער שוואַרצער פינסטערער באָד־סטעליע. דעם יידנס פייפנדי־ קער כראָפּ האָט זיך טויב פאַרלוירן אין די מעכטיק־געצויגענע קו־ לות פון דעם ליאַרעמדיקן בליגדן געזעמל, וואָס פון דעם, האָט ווי דאָס געשריי פון אַן אָקס אַרויסגעברילט זיין שכן ר׳ זלמן־הערשס גע־ וואַלדיקער געשריי:

— יי — דן ה — אָטס ר — ח — מ — נות — גע — וואַלט

סאַ — פראָסט אין ב — אָד — מיכ — אַלקע נאַ פי — ע — ן...

אָבער מיכאַלקע דער באָד־גוי הערט נישט. ער דרייט זיך אַרום די הויזן פאַרגאַרטלט מיט אַ שטריק געדרייט פון שטרוי, גדלות־ דיק און הערשנדיק רייסט ער אַרויס שעפלעך פון הענט, פּאַטשט קליינע יינגלעך איבער די דערשראָקענע נאַקעטע געזעסלעך, בייזערט זיך אַרויסשטעלנדיק אַ לאַנגע צינג אין פנימער אַריין:

— ב — ע — ע — ע.

און ס׳איז נישט מעגליך ביי אים אויסצובעטן אַ קאַפּ שוויץ:

— נעמאַ נישטאָ — יי — דע — לעך — ב — יב — י.

ער שרייט האַלב גויעש האַלב יידיש, טרעסענדיק די שווערע קודלעס האָר אויפן קאָפּ, וואָס זענען טרוקן און ס׳איז אים נישט הייס אין גראָבן לייוונטענעם העמד, גלייך דער שוויץ האָט נישט צו אים קיין שליטה. און ס׳טוט אַלע מאָל ווידער אומגערעכט אַ זעץ אַ וואָלקן געדעכטע ווייסע גליענדיקע פּאַרע פון דער קופּע אָנגע־ וואָרפענע שטיינער וואָס זענען כהרף עין ווידער ווייס און טרוקן. ס׳איז שרעקיק צו כאַפּן אַ קוק אַהין צווישן די שפּאַרעס פון די מרעפּ. וואָס טוט זיך דאָרט אין דער געדעכטער קלעביקער פינס־ טערניש? כ׳גליווערט קאַלט אין ווייטעדיקן געמיט און מ׳וויל נישט גיין מיטן באַוואַקסענעם טאַטן, וואָס זיין האַנט שלעפּט דאָס יינגלישע הענטל אין מקוה אַריין. שרייענדיקע בערדיק־טריפנדיקע רויטע ליי־ בער שרייפן זיך געדעכט אין פינסטערן לאָך, אויף די ווייכע גלי־

טשיקע טרעפּלעך אַראָב, אַראָב אין שוואַרצער פינסטערניש, אין שאול תחתיה אַריין. דומפּיקע ציטערדיקע קעלט שטייגט אַרויף פון דער טיפעניש און ס'דערהערט זיך אַ שרעקיקער פּליאַסק אין שוואַרצן וואַסער דורכגעמישט פון קינדישן געשריי שאַרף, קערץ, פאַרסמט פונם ערשטן טעם פונם טויט. אָבער דער טאַטע שטיפּט מיט דער האַנט דאָס שרייענדיקע קינדערשע קעפּל אַראָב אין שוואַרצן מקוה-וואַסער וואָס גאָרגלט ביטער אין האַלז, ושומעט טויב אין די אויערן, איינמאָל, נאָכאַמאָל, און נאָכאַמאָל:

— אַ — אַ — אָ — ס'אי — גיט — אַ — אַ אַ — טונק דיך אונטער, אַ — אַ — אַ.

ווי מען פאַרגעסט אַ בייזן חלום אַזוי פאַרגעסן די געבנצזענע אין זייער איבערגעשטאַנענער הלאת, גלייך ס'וואָלט גאָר קיין מאָל אויף דער ערד קיין שום ווייטאָג נישט געווען.

און ווידער איז ר' זלמן-הערשן גוט ווי תמיד, צוצומאַכן איין אויג אין דער ליכטיקער וואַרימקייט, וואָס טרוקנט גיך די אויסגעצוואָגענע באָרד און פּאות, אַ ביסעלע איינגעדריידלטע מיט שפּיצלעך ביים סוף. דורך דער שמאָלער, טרוקענער, הייכער סטעזשקע, אונטער די גויעשע הייזלעך, די נאַסע געקעסטלטע פאַטשיילע אונטערן אָרעם, דאָס פּנים לייכטנדיק, פריש-רויט, ווי אַ ערשט אָפּגעשאָבענער בעריק, איז ר' זלמן-הערש אָנגעבויגן, גיך-איילנדיק אַהיים געגאַנגען פונם באָד וווּ ער האָט איבערגעלאָזט די מכה זיינע. אונטער אַ בידריקער סטריכע אויף אַ גויעשע פענסטער האָט זיך געלעקט און געוואַשן אַ קאַץ אין דער זון. און צווישן די גראָע שטיינשפּאַרעס פון דער אַלטער האָרבאַטער שול-וואַנט, זענען געפלויגן אַרויס און אַריין פייגל מיט שטרויעלעך אין די פּיסקלעך, וואָס האָבן פאַרריכט די אַרויסהענגענדיקע חרובע נעסטן פון פאַר אַ יאָר און זיי האָבן זיך אַלע מאָל פאַרטראַכט אומגעקוקט און

הויך אַ פּיפּס געטון. גאַנץ פון דער ווייטנס האָט ווי אַן אַראָפּגעפאַלן שטיקל זון, שטאַרק עפּעס געבליאַסקעט און געבלענדט די אויגן און אַז מען קומט נעענטער איז דאָס אַ פאַרשמירט שטיקל גלאָז. פּונקט דעמאָלט ווען מען דאַרף נישט, אין סאַמע ערב פּסח איז ווידער אַ בלאָטע. ס׳איז נישט מעגליך גיין טריט צו טרעפן אויפן האַלבן ציגל אין דרויסן פאַר דער טיר, וואָס איז ווידער אין גאַנצן פאַרטרונקען אין דער בלאָטע. די פריש־געקאַלכטע ווענט זענען אָבגעשפּריצט מיט בלאָטע קאַלט, טריב און דער רעגן ווייקט זיי און ווייקט . . .

— קאַלט ווי אייז . . . אַ קאַלטן שטיין גיט זי . . . האָסטו געזען אַ שטיין? . . .

בייזערט זיך ר׳ שלמה-מלך אויף זיין ווייב, בשעת די ברייטע יום-טובדיקע יידענע גיסט זידנדיק וואַסער פון אַ גרויסן גייסם פּסחדיקן, ערדענעם טאָפּ מיט צוויי אויערן, אין פעסל אַריין, וואָס ר׳ שלמה-מלך כשרט. און בשעת ר׳ שלמה-מלך טרעסעט מיט די הענט דאָס פעסל, ווי אינעווייניק אין אים וואַרפט און לעשט זיך שרייענדיק דער צעגליטערט שטיין אין הייסן וואַסער, פילט ער עפּעס אַ אומבאַקאַנטן שלעכטן ווייטאָג, וואָס שטאַרקט זיך אַלץ מער און ער טוט זיך אַלע מאָל פאַרדעכטיק אַ טאַפּ אויף די הויזן פון אונטן, אויף אַ באַהאַלטענעם אָרט.

דאָס ערגסטע איז אַ פאַרשטערטער יום טוב. דער כריין האָט נישט קיין יידישן טעם. געזאַלצן און זויער. עה . . . און בשעת ר׳ שלמה מלך איז געלעגן אין די זאָקן, די בעקישע פאַרגאַרטלט, אָנגעלענט ביים הסב-בעט, דאָס שטריימל האָט צודריקט אָנגערוקט אויף אַן אויער, איז אים שווער געווען אַלע מאָל מיט ווייטאָג זיך אונטערצוהויבן און אָנצוגיסן די בלאָע, געשערגעלטע כוסות מיטן גאָלדענעם של פּסח:

— וואָס איז דאָס עפּעס אַזוינס? אַי וואַי איז מיר.

די אָבגעלעבטע פאַרהאָרוועטע יאָרן טליען אין שטילן שיין פון די יום-טוב־לעכט ביים סדר. די אַלייגקייט דרימלט אין דער מידער שווערקייט פונם פאַרטיקן לעבן. די אויפגעכאַוועטע קינדער זענען שוין אַליין טאַטעס און מאַמעס אין באַזונדערע לעכטיקע שטיבער מיט אייגע׳נע סדרים און די פאַרגעסענע שטילע צופרידנקייט פון עלטערע מענטשן, ווי קאַרינעס אין דער ערד, פאַרהאַרטעוועטע און צוקרומטע, איז באַלויכטן מיט דער פרייד פון אָבגעטוענער אַרבעט און באַשאָ׳טענט מיט דער קעלט פון אייביקער רו.

— איי ס׳איז עפּעס נישט גוט.

ביים אונטערהייבן די קערה-שיסל מיטן ווייב האָט ר׳ שלמה-מלך פּלוצים אַ דריי געטון די לאַנגע מעכטיקע האָרבאַטע נאָז און דאָס מויל אין דער געדעכטער גראָער האָריקייט אויסגעקרומט פון ווייטאָג:

— אַ — אַ — אוֹ — נוֹ — אָ עבדים היינו — או — או — אוֹ.

די יידענע קייעט די מצות מיט די בלויע יאַסלעס, זיפט די יויך, זאָגט די הגדה און זי זעט גאָר נישט. זי פילט נישט דעם מאַנס ווייטאָג. און וואָס מער ר׳ שלמה-מלך האָט זיך יום טוב אין דער פרי אין שולעכל געפּלייסט אויסצושרייען העכער פון אַלע יידן דעם גדלותדיקן געזאַנג: — אני א — מרת — י ב — ח — פ — ז — י... וואָס ס׳ליגט אין דעם דער תמצית פון בראשית ביז אַלע אייביקייטן, איז אָבער דאָס קול אַרויסגעקומען פּלוצים שוואַך, איבערגעהאַקט הייזעריק-שווער, ווי פון אַ פאַרשטאָפּטן שופר. חווק. פּלייצעס הוידען זיך וויביימער אין אַ שטורם-ווינט. יינגלישע גע׳שרייען, הונגעריקע און פריידיקע רוישן פון די צושיטע מחזורים׳לעך אַרויס אונטער דער הייסער פאַרסאַזשעטער שול-סטעליע, נעז

שנייצן, אויגן פינקלען מיט פייער און די קעפ, פאַרהילטע מיט טליתים, זעען אויס ווי די קעפ פון יידענעס מיט בערד.

פונעם פאַר אַלע יידן האָט שלמה-מלך זיך געאיילט גיך אַהיים צולויפן פונם דאַווענען, איינער אַליין אָנגעבויגן, קרעכצנדיק, דעם טלית אויפן האַלז, דאָס שטריימל צוקנייטשט, אָנגערוקט איבער די אויגן. אַ רחמנות. די צוקרומטע געוועלבלעך אין ליידיקן מאַרק זענען פאַרהאַקט מיט די אייזערנע שטאַנגען אויף די טירן. פרייליכע בלאָע רויכלעך בלאָזן זיך איבער די צובראָכענע דעכער אין דער בלאָער זוניקער יום-טובדיקייט. ביי דער קערניצע פּאָמפּעט אַן איינזאַמע באָרוועסע שיקסע וואַסער פונם פּלומפּ, פאַר זיך אַליין אָבגעריסן און וואַכנדיק, די ערשטע באָרוועסע שיקסע. די פּיאַטעס פון אירע פיס דריקן זיך ריין ביז די פינף גראָבע פינגער אין דער ווייכער וואַרעמער ערד. זי קייעט אַ שטיקל מצה גליטשיק און קאַרג און מיט יענעם באַזונדערן טעם וואָס נאָר גוים פילן אין דער יידישער מצה. דאָס סקריפּען פונם פּלומפּ טראָגט זיך אין ליכטיקן דרויסן מיט אַן אַנדערן ניגון ווי תמיד, אַן איידלערן, אַ פּסחדיקן, אַ זאַטן. אָבער פּלוצים זעט מען ווי די שיקסע קנייפּט אַ שטיק געשמאַק שוואַרץ ברויט מיט די פינגער, שטופּט דאָס צווישן די ציין און ס'כאַפּט אָן אַ גרויל. אַ טונקעלע גליסטונג ציטערט אין געמיט צום גראָבן שטיק חמץ. די אויגן פינטלען אין צוקרומטער פאַרלוירנקייט. ס'וואַסערט זיך ערליך אין מויל. מ'אַנטלויפט גיך.

ס'שמעקט זיסלעך אין דרויסן מיט ראָזשינקע-ווייַן און אַלטן סטעכלעהיי. מיטן וועג אַריבער פּלישטשעט אויף אַ רויט קליידל. אַ מיידל טראָגט אַ קליין מצה-זיפּל און זי פאַרשווינדט אין אַ טיר. ס'הערט זיך פון דאָרט קלאַפּן מצות אין שטעמפּל. דאָס יום-טובדיקע קלאַפּן נאָך וועלכן מ'בענקט דאָס גאַנצע לעבן. אַ גאַנצן ליבן יום טוב איז רעב שלמה-מלך נישט פאַר קיין יידן געדאַכט נישט געזונט

געווען עפּעס. ער איז געלעגן איינגעקאָרטשעט אויפֿן הייסן פּעקאַליק אין פּאָרך, געדרייט זיך פֿון איין זייט אויף דער אַנדערער מיט שווערקייט מיט ווייטאָג געקרעכצט, גע[illegible]קעט און נישט געמישט זיך מוצאי־יום־טוב צום פּסחדיקן געפּעקס וואָס די ייִדענע האָט געמוזט אַליין אַרויפֿשלעפּן אויפֿן בוידעם:

— שלמה־מלך ווי ביוטו שלמה־מלך . . . קום נאָר אַהער . . .

3

די קליינע הינדלעך האָבן שוין שווענצלעך. זיי פֿליִען אויפֿן בעט, אויף דער פּאָליצע, וואַרפֿן אַראָפּ און צעברעכן אַ טאָפּ. דער ערשטער שאָד.

האָרגאָטע צו ראָכנע ייִדישע דעכלעך, לייכטן מיט נייע לאַטעס, ווייסע. מ'זעט ווידער די לייבצודעקלעך אויף ייִדנס הויזן. זייערע בערד זענען באַקאַנטע איבערגעווינטערטע און זייערע געוועלבלעך שטייען פּוסטע ליידיקע, בייזע. אויף ווייבערישע אויסגעצויגענע פּנימער לייגט זיך אַ נייע זאָרג, אַ לאַנגע אַ זומערדיקע, לאַנג ווי די וואַרעמע בלויע זוניקע טעג וואָס זענען אָנגעזאַפּט מיט פֿריידיקן פּייפֿן פֿון די שוואַלבן. זיי שערן גיך, גיך די לופֿט אין אַ ראָד מיט די שאַרפֿע שווענצלעך ווי שערלעך און זיי מויערן מיט די פּיסקלעך נעסטן אונטער דער סטריכע. די יונגע גרעזלעך פֿיינע דינע ציינגלעך שפּראָצן פֿון דער צוואַרעמטער ערד. די גרינקייט פֿינקלט אין די אויגן אומגערעכט, זאַט און איידער דאָס אויג געוויינט זיך צו, מען ווייסט נישט ווי אַזוי און פֿון וואַנען, שטייען שוין די ביימער גרין און באַלד ווייס צובליט. אויף די ווייס־צובליטע ביימער זשומען אייַלנדיק די בינען, נאָגן די זיסקייט, פֿליִען אַוועק און קומען נאָך אַמאָל, נאָך אַמאָל. דער צווייט שיט זיך און פֿאַרדעקט פֿיין מיט די ווייסע קליינע בלעטלעך די קופּע

מיסט אונטער ר׳ שלמה־מלך׳ס פענסטער, ווו עס ליגט דער אַלטער איבערגעקערטער שליטן מיטן דישעל אַרויף. און אויף אים דראַפּען זיך באַרוועסע יינגלעך און קוקן אַריין דורכן פענסטער צו ר׳ שלמה־מלך׳ן אין שטוב אַריין:

— לויף נאָכן רופא . . . רוף דעם רופא . . . ביילע־זיסל . . . אוי, ווי איז מיר . . .

קרעכצט ר׳ שלמה־מלך ליגנדיק מיטן פנים אַראָפּ אין בעט, די יאַרמולקע אויפן קאַרק, די שטיוול איבערגעקערט.

— אי געוואַלט — עך שט — אַ — רב . . . עך בין פאַרביי . . .

די יידינע האָט געזוכט די שאַל און גערעדט:

— וואָס אַ ייד קאָן . . . נאַ דיר גאָר אַ מכה . . . די גויע שטייט אין גאָרטן און שפּילט זעך, און ער ליגט אין שטוב . . . אַלצדינק טשעפּעט זיך צון עים . . . גיי נאָר זע צו זלמן־הערש ליגט אַ גאַנצן טאָג אין שטוב מיט אַ מכה אויפן טוכעס?

די מורא פאַרן טויט גליווערט אין די ביינער. מ׳זעט שטיין דעם שוואַרצן מלאך המות צוקאָפּנס פונם בעט. מ׳פילט די קעלט פונם פינסטערן קבר.

דאָס זוניקע שאָטן־פענסטער וואָס ליגט צולייגט אויף דער ערד אין מיט שטוב ציט זיך שמעלער, לענגער, מיט אַ קרומען שאַרפן שפּיץ. ס׳פאַרגייען אַלע אייביקייטן אין וואַקסנדיקן שרעק, אין לעצטן האָפן, אין ס׳גלוסט זיך אַפילו נישט אַוועקצוטרייבן די קויטיקע אויסגעקראָכענע קאָץ, וואָס זי לעקט גיריק אין די נישט־אויסגעוואַשענע טעפּ מיט אָנגעברענטער קאַשע אין זיי, וואָס דער פאַרגאַנגענער שווערער ווינטער שמעקט פון זיי אַרויס פאַרגעסן, האַרב און טרויריק.

— גוט מאָרגן ר׳ שלמה־מלך.

וועלוועלע רופא איז אַריינגעקומען אין שטוב אַריין הויך, זיכער

אין ליכטיקן, נייעם זומערדיקן רעקל, די גויעשע בלאָנדע באָרד זינדיק און האָפערדיק צושפרייט, אונטערשפּאַרנדיק מיטן קאָפּ די האַרבאַטע בלאָע סטעליע, וואָס אין דער דאָזיקער ליכטיקער זיכער' קייט זיינער ליגט שוין די גאַנצע רפואה פאַרן חולה.

— אַ שיינער דרויסן . . . ווי געפעלט אייך עפּעס דער דרויסן? זומער-לעבן, האַ? ר' שלמה-מלך? אַ, יאָ! וואַרים און שיין!

האָט געזאָגט דער רופא בשעת ער האָט געפּרוווט אויפקלאַפּן און צוקלאַפּן אַ קורץ פאַרזשאַווערט מעסער, זיין איינציק דאָקטאָריש געציייג מיט וועלכן ער שלאָגט דולה פערד אָדער-בלוט און האַקט אויף מכות.

— אוי . . . אַ טייערער דרויסן . . .

קרעכצט ר' שלמה-מלך, הערנדיק דעם מערדערישן קלאַנג פונם מעסער . . .

— נו, ווייזט נאָר אַהער, וואָס האָט איר אַזוינס גוטס . . .

דער רופא איז צוגעקומען צום בעט מיט יענער קאַלטער מער' דערישער גלייכגילטיקייט פון די דאָקטוירים, וואָס דעם מענשנס לעבן האָט ביי זיי נישט די ווערט אַ פּרוטה, און ר' שלמה-מלך האָט אַראָפּגערוקט די הויזן, מפקיר געווען זיין מעכטיקן אונטער־ חלק אין יענעמס הענט. גרויס, קיילעכדיק און גלאַנצנדיק-רויט מיט אַ שלעכטן ווייסליכן הייטל אויפן שפּיץ, האָט די מכה אויסגעזען ווי אַ גרויס שרעקיק אויג מיט אַ בילמע, דאָס אויג פון די חולאתן.

וועלוועלע רופא האָט זיך נישט געאיילט. איינמאָל און נאָך אַמאָל האָט ער פּאַוואָליע געפּרוווט צוליגן דאָס קאַלטע שאַרפע מעסער צום שפּיץ פונם טשעריק מיט מבינות און כח, ווי אַ סטאָליער וואָס שטעלט אָן די דלוטע אויף אַ סענק פון אַ קלאָץ. אין שטוב איז דערווייל אַריינגעקומען ר' זלמן-הערש אין די הוילע העמד-אַרבל

מיט דער גלאַנציקער לאָפּעטע אין דער האַנט. פרישע שמעקנדיקע שטיקלעך ערד האָבן געקלעבט אויף איר. ער האָט געטון אויף דער גויע, וואָס האָט געגראָבן זיין גאָרטן און ער איז אויף אַ רגע אַריינגעקומען מבקר־חולה זיין דעם שכן:

— גוט מאָרגן ר׳ שלמה־מלך . . .

— גוט יאָ — ר . . . אָי ווײ איז מיר נישט געשען . . .

— איר זענט געווען היינט אויף דער אוליצע? . . .

— חלילה . . . כ׳בין נישט געזונט . . . נישט פאַר אייך גע־דאַכט . . . אָי . . . אָי . . . אָי . . .

— וואָס אָט איר עפּעס וואָס? . .

— כ׳ווייס . . . עפּעס האָט זעך מיר געמאַכט אַ טשעריק . . . אַ מכה אַ פּנים . . . הא? אַ, יאָ . . .

— אַ מכה . . . איי, איי, איי . . . אַ ביטער פּעקל . . . עך האָב היינט געקניט אַ מאַרדער האָט מיר דער אייבערשטער צוגע־שיקט . . . איי איי איי . . . אַ שיינע מעשה . . . אַ מכה גאָר . . . נו נו . . .

ר׳ זלמן־הערש האָט רעדנדיק געשאָקלט דעם קאָפּ, געקראַצט זיך אין דער באָרד, געצמאָטשקעט מיט די ליפּן און נישט געקאָנט פאַרשטיין:

— נו נו . . .

וועלוואַלע רופא האָט זיך דערוויל געפּאָרעט פאַוואָליע, אָנגע־שטעלט דאָס מעסער און ווי זיין שטייגער איז ביי זיין אַרבעט ווען ער שערט קודלאַטע פעט־פאַרפאַפּטע גויעשע קעפּ און דרייט דאָס קוויטשנדיקע שערל אויף אַ פינגער, רעדט ער אַביסל.

אַ צונד האָט ער דערוויל געשמועסט, דערציילט אַ פריילעך שטיקל פון פראָים גריידינגער:

„דערזעט פּלוצים דער שמש, ווי פּראָים גריידינגער טראָגט דאָס ווייב אויף די פּלייצעס, וואָס טוסטו עפּעס פּראָים? שרייט דער שמש. טוט פּראָים גריידינגער אַ הויב אויף דאָס קליידל און שרייט: יידן זייט זשע מוחל קישט מעך . . .

ר׳ זלמן-הערש שמייכלט אונטער דער באָרד און ר׳ שלמה-מלך לאַכט שוואַך מיט אַ וויינענדיקן קול אין קישן אַריין . . . דושעט זיך און קרעכצט:

— אַי איי איי . . .

— ליגט . . . ליגט . . . רירט אייך נישט . . .

זאָגט דער רופא און שרייט אַרויס דורך דער אָפענער טיר אין דרויסן אַרויס צו ר׳ שלמה-מלך׳ס ווייב:

— ביילע זיסל דערלאַנגט נאָר אַ שייט-האָלץ, גיכער . . .

ביילע-זיסל הערט נישט. זי טוט אַכטונג אויף דער גויע וואָס צוגראָבט דעם גאָרטן, אַ שטעל טוענדיק דעם שוואַרצן גבורהדיקן באָרוועסן פיס אויפן שאַרפן ריסקאָל וואָס שניידט זיך אַריין שאַרף אין דער פעטער שוואַרצער ערד אַריין. די יידענע שטופּט אַהין מיט אַ פינגער די זריעה און ס׳שמעקט שוין מיט די גרינע יונגע פריש-זאַפטיקע קרייטעכצער, ציבאַלקעלעך, אוגערקעס, מיט רעטעכלעך וואָס וועלן איבער נאַכט אַרויסשפּראָצן גרינע יונגע שטענגעלעך אין בלעטלעך אַלע גלייך, אין איין שורה.

— נאַ . . . וועלוול . . . אָטאָסטו אָ . . . נאַ . . . אַ שטיק האָלץ . . .

דערלאַנגט דערוויל ר׳ זלמן-הערש אַ שייט האָלץ דעם רופא און יענער טוט דערמיט אַ מעכטיקן האַק אויפן מעסער, וואָס פאַרזינקט האַרט, טיף אין דער מכה און פרעסט אין דער רגע אַרויס פון ר׳

שלמה-מלך'ן אַ צוגעדושעטן, שווער-געצויגענעם און פאַרחידושטן ברום אונטער דער נאָז:

— או — או — או — וואַאַאַ! . . .

און ס'ווערט שטיל.

ר' זלמן-הערש דערנענטערט זיך אַ ביסעלע און קוקט פון דער זייט מיט אַ האַלב שמייכלענדיק אויג, ווי זיין שטייגער איז, פאַרחידושט און אומגלויביק. דערנאָך פרעגט ער זיין שכן:

— ווו האָט איר ערגעץ גענומען אַזאַ מכה . . . ר' שלמה-מלך . . . האַ? . . .

ר' שלמה-מלך טוט אַ שווערן קרעכץ, אַ ביטערן, אָן האָפן, פול מיט חרטה:

— אין באָד . . .